STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00896

MOSHEH LEYB HALPERN IN RAM FUN ZAYN DOR

Eliezer Greenberg

Permanent preservation of this book was made possible by
Sandra Silverman
in memory of
Jacob & Gertrude Silverman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליעזר גרינבערג

משה לייב האַלפּערן
אין ראַם פון זיין דור

אַרויסגעגעבן פון
מ. ל. האַלפּערן אַרבעטער רינג ברענטש 450
ניו יאָרק, 1942

MOISHE LEIB HALPERN

by

ELIEZER GREENBERG

New York, 1942

Published by

MOISHE LEIB HALPERN BRANCH 450,

Workmen's Circle

Printed in U. S. A.

POSY-SHOULSON PRESS
19 West 21st Street
New York, N. Y.
255

משה לייב האַלפּערן — זעלבסטפּאָרטרעט



1932 — 1886

מוסטער פֿון מ. ל. האַלפּערנס האַנטשריפֿט

מ. ל. האַלפּערן

די האָט גערעדט צו איר פֿון הינטער אויף דער וועלט
פֿון לײַט וואָס האָבן ניט דאָס ביסל קאָפּדערגעלט
צו קויפֿן מעדיצין פֿאַר זייערע קינדער קראַנקע
און זי האָט און זײַן קול דערקענט אַז עס איז שווער
און אַז זײַן אײַנזאַמקייט האָט איז געבראַכט אַהער
איר בלוט אָבער האָט זי צו עס ניט אויסגעהויבן
נאָר פֿאַרגעסן ווי אָבער איר פֿון זײַן צוזאָגער דער רוק
האָט צו באַטראַכט דאָ איז די קווט וואָס אויף זײַן בליק
אויך אויף זײַנע הענט די שטיקער געלד די שווערע
~~און ניט קיין שפּילעוודיק האָט עמן געבראַכט ...~~
~~די בליקן אויף איר פּנים און איר שווערע ...~~
~~פֿאַר אויסגעצייכנט אויף וואָס פֿילט געלט צו ...~~
און זי האָט געוואָרפֿן אפֿשר ניט איר טאָקע אַ וואָרט
צי זאָל אַ הונט טאָן זיך און גיט דערלאָזט צו ווערן
אַראָפּגעלאָפֿן זײַן גאַס ווי אַ פֿון זײַן געווינטער
און גיט דערצו בלוט אויף זיך פֿון דער וואָס זי האָט פֿאַרלאָרן
און גיט זײַן קאָפּ געלד און אויער בלוט האַנט
זאָל זי אַראָפּלויפֿן און אַלע גרויסע קראַנקן
און זאָל געווען אויך אַ פֿאַר געוויינט פֿון געלד
און אפֿשר אויך צו דער אַ ברעכבאַנק גיט אַ טראָגן
פֿאַר איר דערצו געזעגנט זיך ליבסטן איין — — —
דערציילן געלד באַצאָלט וועלט באַוווּנדערט —
באַקאַנט
ווי אויך באַוווּנדערט.
ניט און ווי באַוווּנדערט — — —



אינהאַלט

1. דערקענטעניש 9
2. אין דער פרעמד 14
3. די „יונגע״ און זייערע קרעדאָס 19
4. היים־ווי 24
5. אָן אַ פייגנבלאַט 30
6. קעגן שטראָם 36
7. געזאַנג צו דער זון 41
8. קריזיס 54
9. וואָרצלען און אַ צענטראַלע אידייע 61
10. דער אויסגאַנג פון אַ צענטראַלער אידייע 86
11. Memento Mori 110

משה לייב האַלפּערן אין ראַם פון זיין דור

. . . די עסענץ פון קונסט איז אַן אומענדלעכע איינזאַמ־קייט און מיקאָן זי נישט באַנעמען מיט אַזוי ווייניק ווי מיט קריטיק, בלויז מיט ל י ב ע קאָן מען זיך צו איר דערגרונטעווען, זי דערגרייכן און זי אויפריכטיק אורטיילן.

(ראַינער מאַריאַ רילקע: „בריוו צו אַ יונגן פּאָעט.")

1. דערקענטעניש

עס טרעפט אָפטמאָל אַז פערזענלעכער קאָנטאַקט מיט אַ קינסט־לער רופט אַרויס ביים לייענער אַ געפיל פון אַנטוישונג; אַ פאַרדאַכט, אַז ערגעץ־וואו איז פאַראַן אַ סתירה צווישן דעם ווערק און דעם קינסטלער. דאָס פּאַסירט מערסטנס דעמאָלט, ווען דער לייענער פּרו־בירט אויפן גרונט פון לייכט־אויפגעכאַפּטע אימפּרעסיעס געפינען דעם שליסל צום דיכטערס רייך.

דער לייענער, למשל, קאָן אַמאָל אַנטוישט ווערן ווען ער דערזעט דעם קינסטלער אין פּנים; דעם קינסטלערס אויסזען — זיין קול, זיין אויפפירונג, זיינע מאַניערן שטימען אַמאָל נישט מיט דעם נייגיר, מיט דעם אופן ווי אַזוי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם קינסטלער לייענענ־דיק זיינע ביכער, באַטראַכטנדיק זיינע בילדער און געמעלן, אָדער צו־הערנדיק זיך צו זיין מוזיק. דער מעטאָד, מעכאַניש אַנצומעסטן דאָס ווערק אויפן קינסטלער אָדער דעם קינסטלער אויף זיין ווערק איז זעלטן פּאַסיק, און נאָך זעלטענער צופרידנשטעלנדיק סיי פאַר דעם קינסטלער און סיי פאַר דעם לייענער.

די אָנגעלאָדענע קינסטלערישע ענערגיע וואָס ריזלט אין דער טיף פון יעדן עכטן קונסטווערק רייסט זיך אַלעמאָל און בענקט נאָך אויפריכטיקער און טיפער דערקענטעניש. נאָר דעם קינסטלערס ווערק דאַרף זיין, נייך, איז און מוז זיין, די מאָס־און־וואָג, דער פּרוביר־שטיין, דער נאָפּל־פאָדעם וואָס פאַרבינדט דעם דיכטער מיט דער וועלט. ווייל יעדע שעפערישע טעטיקייט איז אַ געמיש פון באַוואוסטזיניקן און אומ־

באוואוסטזיניקן אַנשטרענג פון שאַפער זיך אויסצושפּרייטן, צו באַצווינגען, צו ווירקן און באַווירקן. דאָס בכבודיקע אַרט וואָס די קונסט פאַרנעמט פון אייביק־אָן, אונטער נאַרמאַלע אומשטענדן, איז באמת אַ פאַרדינטע, ווייל אויב זי שטאַמט אין אורשפּרונג פון אַ ריין עגאָאיסטישן דראַנג צו געבן זיך אַליין, ווערט אָבער דער מין עגאָאיזם פאַרוואַנדלט אין פּראָצעס פון אויסדרוק, אין פּראָצעס פון רעאַליזירן זיך — אין ריינעם אַלטרואיזם. ווייל נישט נאָר ווייל נישט דער קינסטלער זיין דער איינציקער צו געניסן פון זיינע קונסטווערק, נאָר פונקט פאַרקערט, עס ליגט אין עצם פּראָצעס פון שאַפן אַט יענע פיבערדיקע טרייבקראַפט וואָס מאַכט אים (מערסטנס) אַנטקעגן צו טראָגן אַ גלייכגילטיקער וועלט זיינע דערוואָרבענע קונסט־אוצרות. ביים פאַרענדיקן אַ קונסטווערק איז דער שעפער אַלעמאָל בבחינת נח אין דער תיבה — ווען ער האָט אַרויסגעשיקט די טויב — זי זאָל קומען אין באַריר און אים צוריק ברענגען אַ גרוס פון דער לעבעדיקפאַרבליבענער וועלט נאָכן מבול. במילא וואָס גרעסער דער קינסטלער, אַלץ גרעסער איז די טרייבקראַפט, דער דראַנג אַרויפצוצווינגען זיך אויף דער וועלט. אמת, דער דאָזיקער דראַנג באַדאַרף נישט באַגרענעצט זיין צו איין־און־דעם־זעלבן אופן פון אויסדרוק.

פאַראַן שרייבער וויכטיקע און ווייניקער־וויכטיקע וואָס בלויז זייערע ביכער גייען אונדז אָן. זיי אַליין בלייבן אין דרויסן פון זייער ווערק. ווידער איז פאַראַן אַ מין קינסטלער וואָס די מינדסטע באַקאַנטשאַפט מיט זייערע שאַפונגען רעגט אונדזער נייגער, אימפּאָנירט אונדזער קוריאָזיטעט אויך וועגן דעם קינסטלער גופא.

משה לייב האַלפּערן האָט ביי אונדז געהערט צו דעם לעצטן מין. זיינע לידער האָבן אין אונדז אָפּטמאָל אויך געוועקט אַ דורשט צו וועלן וויסן עפּעס וועגן דעם מענטשן וואָס שרייבט אַזעלכע טשיקאַווע, אַזעלכע הייס־אָטעמדיקע, אַזעלכע אייגנאַרטיקע לידער. און ס'האָט טאַקע געטראָפן (מיר זיינען באַקאַנט אַזעלכע פאַלן) ווען מענטשן מיט ניט קיין איבעריק־גרויסן אינטערעס פאַר דיכטונג, האָבן זיך דאָך ערנסט פאַראינטערעסירט אין משה לייבס דיכטונג. די פאַלן ווערן דאָ נישט אָנגעגעבן ווי פּאָעטישע מעלות אָדער ווי פּאָעטישע חסרונות — זיי ווערן דאָ בלויז געבראַכט צו באַווייזן דעם אַנשטעקנדיקן אינדיווידועלן כוח וואָס האַלפּערן האָט פאַרמאָגט אויף אַרויסצורופן צו זיך קוריאָזיטעט. אַן אייגנשאַפט — וואָס איז נאַטירלעך אין יענע זעלטענע פאַלן — ווען מען קאָן נישט איבערשניידן דעם קנופּ וואָס פאַרבינדט

דעם דיכטער מיט דעם ליד און דאָס ליד מיט דעם דיכטער — נישט שעדנדיק ביידע.

שרייבנדיק וועגן דער „גאַליציאַנער אַנטאָלאָגיע", אין „טאָג" פון 23טן אויגוסט, 1936, באַמערקט ש. ניגער אַז „יעדער פון זיי איז רעפּרעזענטירט אין דער אַנטאָלאָגיע סך־הכל נאָר מיט איין ליד, אָדער העכסטנס מיט צוויי לידער, דאָס איז געגוג אפשר פאַר אַ קאַטאַלאָג, אָבער נישט פאַר אַן אַנטאָלאָגיע, אפילו ווען זי איז קליין. סיידן אַ דיכטער איז אַזוי אינדיווידועל, ווי עס איז געווען מ. ל. האַלפּערן, וואָס צו זיין הייליקן „אָנדענק" איז די זאַמלונג אַרויסגעגעבן געוואָרן. אים איז לייכט צו דערקענען פון די צוויי זייטלעך וואָס ער פאַרנעמט אין דער „קליינער אַנטאָלאָגיע". מען קען אָבער נישט פאַרלאַנגען פון אַלע איין־און־דרייסיק פּאָעטן אַזאַ הויכע מדרגה פון אייגנאַרטיקייט ווי די, מיט וועלכער דער פאַרשטאָרבענער מ. ל. האַלפּערן האָט זיך אויסגעצייכנט. אַ געוויינלעכער פּאָעט קען עס אונדז מיט איין ליד ניט זאָגן".

אַ צווייטע באַשטעטיקונג געפינען מיר אין ראובן אייזלאַנדס זכרונות וועגן דער ליטעראַרישער גרופּע „יונגע", וואָס זיינען גע־דרוקט געוואָרן אין „טאָג", 1939. אויף איין אָרט שרייבט ער: „. . . ביי האַלפּערנען איז דאָס קול ביים לייענען אַ ליד, געוואָרן אינ־גאַנצן אַנדערש ווי ביים רעדן, האַלפּערן האָט פּשוט היפּנאָטיזירט מיט זיין לאַנגזאַמען, לאַנגן ראַלענדיקן לייענען, און וואָלט איך ניט גע־וואוסט אַז ער האָט געהאַט אַ סך תלמידים און פאַרערער אויף יענער זייט ים, וואו מען האָט אים קיינמאָל ניט געהערט, וואָלט איך געזאָגט אַז ער האָט אַ גרויסן טייל פון זיין דערפאָלג אַלס דיכטער, צו פאַר־דאַנקען זיין לייענען".

אויך נח שטיינבערג וויל האָבן אין „יונג אַמעריקע" אַז „מען קען פאַרשטיין האַלפּערנס לידער, ווען מען קען אים פּערזענלעך און זיין הויך הפקרדיק געלעכטער, וואָס רייסט זיך אַרויס פון זיין ברוסט מיט אַ היסטערישן האַ!־האַ־האַ!"

מ. ל. האַלפּערנס „הויכע מדרגה פון אייגנאַרטיקייט", זיין אויס־געשפּראָכענע דיכטערישע אינדיווידואַליטעט — לאָזט זיך, ווי מיר דוכט, דערקלערן דערמיט, וואָס ער האָט כמעט אַלעמאָל דערפירט זיין ליד צום סאַמע אינערלעכן גרונט־עיקר פון פּאָעטישן אויסדרוק, תמיד דורכגענומען און דורכגעגליט מיט פייער פון עמאָציע, אַן אומגע־ריכטער אימאַזש, אַ וואוילקלאַנג, איינפאַלערישקייט אין טעמע — וועלכע ער דערפירט קאָנסעקווענט ביז שלימות. — ווען מיט דעם

זעלבן ערנסט און אַרבעטזאַמקייט פלעגט ער אפילו מקפיד זיין — אויף שיינקייט און נעטקייט פון זיין כתב־יד.

עס האָט זיך אים ניט געגעבן גרינג דאָס שרייבן לידער ווי ס׳קאָן זיך אויסדוכטן פון אויבנאויף: און בלויז יענע וואָס האָבן געזען זיינע פערלדיקע און זויבער־ריינע מאַנוסקריפּטן, זיינע צענדליקער ווערזיעס פון איינעם און דעם זעלבן ליד — וועלן ריכטיק באַנעמען דעם פולן זין פון מיין באַהויפּטונג. „אַז משה לייב שרייבט — שרייבט ער מיט אַ קליין גאָלדשמיד־העמערל, ווי אַ פּיליגראַן־קינסטלער, ווי דער קאַווקאַזער זילבער־איינלייגער אינעם האָלץ פון שפּאַציר־שטעקן. פּאַוואָלי־פּאַוואָלי, דריבנע אויסגעצייכנטע בוכשטאַבלעך, פּאַטשער־קעלעך און מערקווירדיק גלייכע (כאָטש ניט געווירעטע) שורות אויף קליינע, שמאָל־לאַנגע שטיקלעך פּאַפּיר״. (משה נאַדיר: „סיג־נאַל״, מערץ, 1936). אַזויפיל געדולד און אַרבעטזאַמקייט קומען פון געפיל פון דיכטערישער אחריות, און האַלפערן איז, אין די שפּעטער־דיקע יאָרן, קיינמאָל ניט פאַרטיק געוואָרן מיט אַ ליד, ביז וואַנען ער האָט אין דעם ניט אַריינגעהויכט אַ לעבעדיקן מענטשלעכן אָטעם. פאַרגלייכט דעם ערשטן וואַריאַנט פון זיין באַרימט ליד „דער גאַסנ־פויקער״ געדרוקט אין „דער קיבעצער״, דעם 22טן סעפּטעמבער, 1911 און וואָס קלינגט אַזוי שוואַך און אומבאַהאָלפן אין פאַרגלייך מיט זיין לעצטן וואַריאַנט וואָס איז אַריין אין זיין בוך „אין ניו יאָרק״.

ערשטער וואַריאַנט:

נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָרל,
מיט מיין פויק און טאַנץ־פּאָרל
טאַנץ איך אין דער וועלט אַרום,
פלינק, געשווינד,
ווי דער ווינט
אָט אַזוי ווי אָט אַצינד
טאַנץ איך אום פון הויז צו הויז.
בין איך קראַנק און אַלט און גראָ
ועמען אַרט עס? האָ־האָ־האָ!

צווייטער וואַריאַנט:

זינגט דער פויגל פריי און פריילעך,
ציטערט אויף זיין טראָן דער מלך,
ציטערן איז ניט כדאַי,
זינג איך ווי דער פויגל פריי,

און געשווינד
ווי דער ווינט
טאַנץ איך הפקר, טאַנץ איך בלינד
גאַס אַריין און גאַס אַרויס,
בין איך קראַנק און אַלט און גרא,
חעמען אַרט עס — האַ־האַ־האַ!

זיין ליד האָט געמוזט ווערן אינטים ווי אַ פּריינטלעכע קאָנווער־סאַציע — כאָטש די מיטלען און די בילדלעכקייט זיינען אָפּטמאָל געצייכנט מיט שאַרפער ברוטאַלקייט. זיין באַליבטסטע פאָרם איז די אינטים־היימלעכע מאַניר פון סאָלילאָגיע (אַ פאָרם פון רעדן פאַר זיך אַליין אין דער הויך); אַ פאָרם — וואָס דער זיידע מענדעלע האָט אָפטמאָל ליב געהאַט צו באַנוצן: „אָמר מענדעלע מוכר ספרים, זאָגט מענדעלע מוכר ספרים", (מסעות בנימין השלישי). אָדער ווי עס וויל האָבן זיין בן־עיר, דער דיכטער דוד קעניגסבערג: „דער נאָמען משה לייב און די אַנווענדונג פון דעם דאָזיקן נאָמען מצד האַלפּערנען אין זיין ליד, וועלכעס ער האָט אַזוי אַרומגענומען, איז אַ רעמיניסצענץ פון דעם לעגענדאַרן משה לייב סאַסעווער, וועלכער פלעגט זיך, כידוע, ביי וויכטיקע געלעגנהייטן ווענדן צו זיך אַליין, אַפּאָסטראָפירנדיק: „משה לייב, משה לייב, וואָס האָסטו געטאָן?" און אין דער אַמעריקאַנער פּוריטאַנישער דיכטונג האָט וואָלט וויטמאַן בשעתו דער ערשטער אומדערמידלעך וואַריאירט מיט דער פאָרם. וואָלט וויטמאַן פרעגט זיך אַליין אין פאַרשיידענע לידער:

— וואָס הערסטו, וואָלט וויטמאַן?

און: — אַ נעם מיין האַנט, וואָלט וויטמאַן!

און משה לייב:

—העי, העי, משה לייב, וואָס שטייסטו דאָ!

אָדער: — טאַנצט דער תכשיט משה לייב!

און: — משה לייב וועט אויסטראַכטן אַ שיף וואָס גייט אַוועק!

אַט דעם מעטאָד האָבן שפּעטער איבערגענומען פיל פון די יינגערע דיכטער, באַזונדערס איציק מאַנגער. דאָס סאָלילאָגירן, דאָס טראַכטן אין דער הויך, אויף אַ קול, דאָס רעדן אָפנהאַרציק, אומ־פאַרשעמט, אָן קונצן, אָן פּאָעטישע פליטערלעך, און די דירעקט־פאַמיליאַרע ווענדונגען צו זיך אַליין פונקט ווי צו אַנדערע — ווירקן אויף דעם לייענער אַזוי, אַז ער דערפילט זיך באַלד היימיש. משה לייבס פּאָעטישע דירעקטקייט ווירקט אַזוי — אַז ער ווערט אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון ליטעראַרישע פאַרמיטלער. מיט זיינע

אייגענע וואַרעמע רייד, מיט זיין אויסטענהן זיך אין דער הויך, אויף אַ קול, מיט ווערלט, מיט שכן — פאַרוואָרפט ער באַלד אַ ברודערישע האַנט אויף דער פּלייצע פון לייענער, ער קריגט זיין צוטרוי און געווינט אים באַלד איבער אַלס שותּף צו זיין דיכטערישער וועלט, צו זיינע האָפענונגען און ספקות.

2. אין דער פרעמד

אַזוי גיך ווי משה לייב האָט אין 1908, אין פּעריאָד פון דער גרעסטער יידישער איינוואַנדערונג קיין אַמעריקע, געלאַנדעט אין ניו־יאָרקער האַפן, האָט ער דאָ באַלד דערפילט דעם עלנט, די פּיין, דעם גרילציקן יעדוויש פון כאַאָס, פון „שמעלצטאָפּ", די הילפלאָזיקייט פון שטאָלצן רעבעל אין זיין ניי־באַשערטער היים.

באַלד, ביים באַטרעטן די ניו־יאָרקער פרעמדע ערד, האָט דער דיכטער, ווי מיט אַ חיהשן אינסטינקט פאַר געפאַר — דערשפּירט די טראַגיק פון דעם אומגעהויערן קאַנגלאָמעראַט פון ראַסן, וואָס איז ווי אין אַ בהלה צונויפגעשלעפּט געוואָרן אַהער פון אַלע עקן וועלט. ער האָט זיך דערפילט פאַרשפּאַרט צווישן תּפיסהדיקע ווענט פון ריזיקע מויערן וואו ער איז געווען פאַרמשפּט נאָכאַנאַנד צו הערן:

דאָס ליד פון שטיין און שטאָל,
וואַנזין פון דער גרויסער שטאָט —
וואו גאָלד ווערט פון בלוט און אייזן געמאַכט!

אָדער:

ווען אַ לייב וואָלט דאָ פאַרבלאָנדזשעט —
וואָלט ער וואַנזיניק געוואָרן,
וואָלט ער זיך אַליין צעריסן!

אַן ענלעכן איינדרוק פון אַמעריקע, האָט אין יענע יאָרן אויך געהאַט מאַקסים גאָרקי. נישט אומזיסט האָט גאָרקי אין 1906 באַטיטלט זיין אויפגעשריבענעם איינדרוק פון זיין באַזוך דאָ: „די שטאָט פון געלן טייוול".ביידע נוצן אפילו די זעלביקע ברוטאַלע מיטלען פון קינסטלערישן אויסדרוק פאַר דעם זעלבן דערשיטערנדיקן איינדרוק. און פאַר גאָרקין ווי פאַר משה לייבן איז דאָ דעמאָלט דער „באַסיאַק" — דער איינציקער וואָס פּאַסט זיך אַריין אין ראַם פון דעם גיהנום:

„פונדערוויטנס זעט אויס די שטאָט ווי אַ ריזיק מויל מיט ניט קיין גלייכע שוואַרצע ציין. מען דערפילט, אַז מען איז אַריינגעפאַלן אין אַ מאָגן פון שטיין און אייזן וואָס האָט איינגעשלונגען עטלעכע מיליאָן מענטשן און צערייבט זיי און קאַכט זיי איבער".

בלויז איינער פילט זיך דאָ היימיש ביי גאָרקין: „דער מענטש גייט, ער שטעלט געמאָסטענע טריט און וויגט זיין הויכן, איינגעבוי־גענעם קערפּער. אין זיין פיגור איז פאַראַן עפּעס דענקענדיקעס, און כאָטש ניט זיכערס, אָבער — באַשליסנדיקס. מיר דוכט זיך אַז ער איז אַ גנב".

דער באַרימטער נאָרוועגישער שריפטשטעלער קנוט האַמסון האָט נאָך פאַר זיי, ווי אַ קאָנדוקטאָר אויף אַ טראַם אין שיקאַגאָ, אַרויסגעטראָגן דעם זעלביקן אורטייל איבער אַמעריקע. און זיי זיינען נישט די איינציקע! מיט זיי הייבט זיך נישט אָן און מיט זיי ענדיקט זיך נישט דאָס צעטל פון די אומצופרידענע, פון די רעוואָלטירנדיקע, — מעג זייער פאָרם פון רעוואָלט, פון זייער קעגנשטעלן זיך דעם שטראָם, נישט אַלעמאָל זיין אַ שפּעדיקע פאָרם וואָס פאַרטיפט און באַזינט דעם רעוואָלט. די אומצופרידנקייט, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, דריקן אויס נישט נאָר „גרינע", איבערגעפלאַנצטע אימיגראַנטן, נאָר אויך עכטע הי־געבוירענע אַמעריקאַנער.

דאָס רויע גרילצנדיקע געווירבל פון פּיאָנערטום, דער ראַשיקער מאַרשרוט פון איבעראַשנדיקע, טעכנאָלאָגישע און וויסנשאַפטלעכע דערפינדונגען וואָס די אינדוסטריעלע ערע האָט מיט זיך אומעטום מיטגעבראַכט, האָבן אויפגעוועקט די שלומערנדיקע נאַטור־כוחות, און וואַנזיניק אונטערגעאיילט די אַנטוויקלונג פון דער קאָמערץ און גרויס־אינדוסטריע אויפן חשבון פון מענטשן, און מענטשנס וואוילזיין.

אַ פּיאָנערן־פּעריאָדע איז אַלעמאָל גורם אַ דרויסנדיק לעבן פון אַקציע, און עס בלייבט ווייניק צייט און ענערגיע פאַרן מענטשנס אינערלעכן לעבן פון קאָנטעמפּלאַציע. אָט־דער פּראָצעס האָט נאָך פון זיין געבורט ביז היינט־צו־טאָג אומעטום באַאומרואיקט די סענ־סיטיווע גייסטער. דער באַרימטער ענגלישער דיכטער שעלי, האָט אין זיין באַקאַנטער עסיי „צו דער פאַרטיידיקונג פון דער פּאָעזיע", נאָך אין אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט ריכטיק אָנגעוויזן אויף דער אומרחמנותדיקער נויט וואָס איז אויפגעקומען אינאיינעם מיט דעם ענגלישן אינדוסטריאַליזם, און ער פרעגט דאָרט מיט פּאַטאָס: „וואָס נאָך פאַר אַ קוואַל האָט דערמעגלעכט אַז אַלע דערפינדונגען וואָס האָבן

באַדאַרפט פאַרגרינגערן, האָבן נאָך מער באַשווערט די קללה וואָס איז אַרויפגעצוואונגען געוואָרן אויף אַדמען״.

און אין אַמעריקע האָבן קינסטלער מיט טראַדיציע הינטער זיך, מיט זעלטענע אויסנאַמען (טאָראָ, עמערסאָן, וויטמאַן, מעלוויל) גע־בענקט און געשאַפן לויט די סאָלידע אייראָפּעאישע סטאַנדאַרטן. קינסטלער מיט אַמעריקאַנער טראַדיציעס ווי הענרי דזשיימס, וויסטלער, ביערס, לאַעל, לאַנגפעלא און באַזונדערס די שפּעטערדיקע ווי עזרא פּאַונד, גערטרוד סטיין, איזאַדאָראַ דאַנקאַן, ט. ס. עליאָט, העמינגווײ, הענרי מילער און צענדליקער וויניקער באַוואוסטע, האָבן פאַרלאָזט זייער געבורט־אָרט מיט אַ געפיל פון פאַראַכטונג ; ברוגזע, וואָס דאָס גרילצנדיקע אַמעריקע האָט ניט אָפּגעשאַצט זייער קונסט, זיינען זיי געוואָרן פּליטים („עקס־פּאַטריאַטן״) ; זיי האָבן (מיט אייגענעם ווילן) זיך אויסגעוואָרצלט פון היימישן באָדן און זיך צעפלויגן איבער אייראָפּע. ביז ערשט אין די לעצטע יאָרן האָבן זיך די מערסטע פון זיי צוריקגעקערט אַהיים אַנטוישטע, און זיינען, אַדאַנק אַ צאָל אויטאָביאָגראַפישע ביכער, באַרימט געוואָרן אַלס „דער פאַרלוירענער דור״ — ווי זיי האָבן זיך אַליין באַצייכנט.

אין 1841 קומט ערשט אַרויס ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן מיט זיין באַרימטער לעקציע וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר האַרוואַרד סטו־דענטן „אונדזער אינטעלעקטועלע דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט״ אין וועלכער ער פאָדערט אויף די אַמעריקאַנער קינסטלער פון זיין צייט, אַז „זיי זאָלן ווערן אומאָפּהענגיק נישט נאָר אין אינהאַלט, נאָר אויך אין פאָרם.״ ער ווייזט זיי אָן ווי וויכטיק עס איז זיי זאָלן פאַרשן און אינספּירירט ווערן פון דער אייגענער סביבה און ניט פון „די ווייטע אינדזלען דריי טויזנט מייל אויף יענער זייט ים״.

ווי ענלעך דאָס איז צום אויפרוף פון י. ל. פּרצן וואָס פאָדערט אויף אונדזערע קינסטלער צו לערנען זיך ביי די אומות העולם און וואָרנט אין דער זעלביקער צייט „באַווירקט צו ווערן, נאָר נישט פאַרלירן זיך און בלייבן זיך אַליין געטריי!״

איצט קען מען זיך שוין פאָרשטעלן דאָס שווערע און פּיינפולע געמיט פון אַ יונגן, דערשראָקענעם פּיאָנערן־דור, צו וועלכן משה לייב אַליין האָט באַלאַנגט. — פון איין זייט איז מען אַנטלאָפן פון די צאַרישע פּאָגראָמען און אויסנאַם־געזעצן ,און פון דער צווייטער זייט — האָט זיך דאָ געפאָדערט „אין דער פרעמד״ פּיאָנערישע עקשנות און אויסדויער, אַז מען זאָל זיך נישט פאַרלירן און אויפסניי

אַנהייבן בויען און פאַרפונדעוועז דורות־אַלטע זיטן און קולטור־טראַדיציעס וואָס זיינען איבערגעבראַכט צעטרייסלט און אויסגעריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען. און דעמאָלט איז האַלפערן, גראָד ער, דער שפעטערדיקער לעסטערער, גרייט געווען אַקצעפּטירן די הערשנדיקע סאָציאַלע און „אידעאַליסטישע" שטימונג פון די יידישע פּיאָנערן־דיכטער דאָ אין לאַנד.

האַלפערנס מיטגעבראַכטע ראָמאַנטישע באַווירקונג פון דער דייטשער פּאָעזיע, האַלט אין איין צייט נאָך זיין אָנקומען קיין אַמעריקע — ביים אויסוועפּן זיך. ער ווערט באַווירקט פון דעם טאָן און דער טעמאַטיק פון עדלשטאַט, באָווסהאָווער, ווינטשעווסקי און מאָריס ראָזענפעלד; באַזונדערס פון לעצטן, מיט וועמען ער האָט אַ סך בשותפותדיקס. (ביידע, סיי ראָזענפעלד און סיי האַלפערן, זיינען ביים אָנהייב שטאַרק באַווירקט פון היינען.) זייער קרובהשאַפט מיט היינען איז אָבער נישט קיין אַרויפגעצוואונגענע, קיין דרויסנדיקע, נאָר איז אין זייער בלוט. זיי פאַרמאָגן אַ היפּש ביסל אייגענע בייסיקייט און היציקן טעמפּעראַמענט (און דערפאַר קאָנען זיי טאָקע אפשר שפעטער נישט הויזן פרידלעך). האַלפערן פאַלט אַריין אין טאָן און הייבט אָן שרייבן ווי מערסטע דיכטער פון יענער צייט — געלעגנהייט־לידער, „פּראָפּאַגאַנדע־דיכטונג", אין וועלכע ער רופט זיך אָפּ און דריקט אויס אויף אַ גאַנץ געוויינלעכן אופן די שטימונגען פון די נישט לאַנג אַריבערגעקומענע אינטעליגענטן, האַלב־פּראָלעטאַרישע און שוואַך־אָרגאַניזירטע מאַסן.

די יידישע מאַסן האָבן דאָ דעמאָלט דורכגעלעבט דעם סוועטשאָפּ פּעריאָד, און געזונגען מיט גרויס אידעאַליזם און התלהבות עדלשטאַטס „מיין צוואה", „גוטער פריינט, ווען איך וועל שטאַרבן", אָדער ראָזענפעלדס „ניט זוך מיך וואו פאַנטאַנען שפּריצן, געפינסט מיך דאָרטן ניט מיין שאַץ"; און האַלפערן הייבט אָן מיטצוזינגען אין כאָר. אין דער „מאָנטרעאַלער פאָלקס־צייטונג" וואו ער האָט אַ שטיקל צייט מיטגעאַרבעט אונטער דער רעדאַקציע פון לעאָן כאַזאַנאָוויטש, געפינען מיר אין דער אויסגאַבע פון 7טן יוני, 1912, אַ ליד, געדרוקט צו דער געלעגנהייט פון דעם דאָרטיקן גרויסן קלאָוקמאַכער סטרייק. דאָס ליד הייסט — „צום סטרייק"! דאָס ליד — ווי אַ סך אַנדערע לידער פון יענע יאָרן (וואָס האַלפערן האָט דעמאָלט געדרוקט און שפּעטער זיי קיינמאָל נישט אַריינגענומען אין זיינע ביכער), איז אָבער כדאי דאָ צו ברענגען אַלס מוסטער, ווי ער האָט אינגאַנצן געשריבן אין סטיל פון די פריערדיקע דיכטער;

צום סטרייק

שטיי אויף, שטיי אויף, גענוג געשקלאַפּט!
גענוג געליטן הונגער, נויט,
פאַרקויפנדיק דאָס בלוט פאַר ברויט,
די ראָד לאָז שטיין, די ברוסט שטרעק אויס,
און קום מיט אונדז אין קאַמף אַרויס!
פאַרלאָז דעם שאַפּ — די שקלאַפן־שטיג,
— שטיי אויף צום סטרייק!

ווי ענלעך דאָס איז צו די לידער וואָס מ׳האָט געזונגען אין יענע יאָרן. עס איז כמעט אַ געטרייע קאָפּיע פון מאָריס ראָזנפעלדס ערשטע מאַרש־לידער אײדער ער איז דיכטעריש רײף געוואָרן און דיכטעריש באַהערשט די טעמאַטיק, און זי פאַרוואַנדלט אין לידער:

מיר זײַנען סאָלדאַטן אין פרייהייטס אַרמיי,
און שטייען גאַנץ פעסט אין די רייען —
מיר קומען באַפרייען די וועלט פון איר וויי,
די מענטשהייט פון קנעכטשאַפט באַפרייען.
באַגייסטערט מיט אמת, באַלאָדן מיט מאַכט,
מאַרשירן מיר קעגן האַרמאַטן,
מיר קומען אין זונשיין פאַרוואַנדלען די נאַכט,
און קומען ווי בראַווע סאָלדאַטן!

(מאָריס ראָזענפעלד: „מיר זענען פרייהייטס־סאָלדאַטן״)

דורך די יאָרן קריסטאַליזירט זיך, רייפט און עס קומט אויף ביי אונדז די וויכטיקע דיכטער־גרופּע „יונגע״. זי שטעלט אַרויס עסטעטישע קרעדאָס און איז אינגאַנצן אַ רעאַקציע קעגן דער הו־מאַנער פּראָפּאַגאַנדע־דיכטונג פון דער פריערדיקן דור. האַלפּערן באַטייליקט זיך אין אַלע זייערע אויסגאַבעס און קעמפט אַלע זייערע געפעכטן. אָפּטמאָל קעמפט ער שוין צו אָפן, צו ברוטאַל, — ווי אין זיין אַרויסטריט קעגן ראָזענפעלדן, מיט וועמען ער האָט, ווי שוין פריער אָנגעוויזן, געהאַט אַ סך מער קרובהשאַפט אין טעמפּעראַמענט ווי מיט די „יונגע״. אָבער אין לויף פון יאָרן, ווען ער האָט זיך אויף אַ צייט באַרואיקט און איינגעזען זיין טעות, איז ער גענוג גרויסמוטיק צו רעווידירן זיין שאַרפן אָנפאַל אויף ראָזענפעלדן. אין אַ דעטאַלן באַריכט, געדרוקט אין „טאָג״ וועגן אַ באַנקעט וואָס דער י. ל. פּרץ פאַראיין האָט אַראַנזשירט לכבוד מאָריס ראָזענפעלדס 60 יאָריקן יובליי, לייענען מיר אויסצוגן פון האַלפּערנס אַ רעדע וואו

ער פאַרגלייכט ראָזענפעלדן „צום ים, וועמען מען מוז מעסטן מיט אַ באַזונדערער מאָס, וואָס ניט יעדער איינער איז מסוגל דאַרויף״.

דאַרף דאָס באַטראַכט ווערן ווי אַן עפנטלעכער חרטה־צייכן — ווייל ער איז אַמאָל אַזוי בייסיק אָנגעפאַלן אויף ראָזענפעלדן — (אַזוי ווי ער האָט געקאָנט !) צי אפשר איז דאָס גאָר געווען אַן אינטואיטיווער אויסדרוק פון געמיינשאַפטלעכן גורל, טראַגישע דערקענטשאַפט פון צוויי עלנטע יידישע דיכטער ?

3. די "יונגע" און זייערע קרעדאָס

אַרום 1910 און שפּעטער, הייבט זיך אָן די שעפערישע ליטעראַרישע טעטיגקייט פון דער דיכטער גרופּע „יונגע״, וואָס באַשטייט פון ד. איגנאַטאָוו, ר. אייזלאַנד, י. אָפּאַטאָשו, א. מ. דילאָן, מ. ל. האַלפּערן, ז. לאַנדוי, ה. לייוויק, מאַני לייב, א. ראַבאַי, י. ראָלניק, י. י. שוואַרץ און פראַדל שטאָק. זיי גיבן אַרויס זשורנאַלן, שריפטן, ליטעראַרישע זאַמלונגען, אַנטאָלאָגיעס, ביכער און שרייבן אַריין אַ וויכטיק און פאַרבנרייך קאַפּיטל אין דער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

פאַרשיידנאַרטיק און אַנדערש ווי איין דיכטער איז נישט געווען פון צווייטן, האָט אָבער די גרופּע אַלס אַ גאַנצע פאַראייניקט די רעאַקציע קעגן דעם פריערדיקן דור דיכטער־אידעאַליסטן, וועמענס מיסיע איז געווען לויט דוד עדעלשטאַטס באַוואוסזיניקער קרעדאָ: „פאָרווערטס שטופּן די פרייהייט רעדער״; קעגן אַ דור—וואָס איז זעלטן געווען שפּאַרעוודיק און איבערקלייבעריש אויפן וואָרט. קעגן אַ דור — וואָס האָט ניט קולטיווירט מיט קריטישער סענסיטיווקייט זיין אויסדרוק־מעדיאום, — זיין שפּראַך־אינסטרומענט, און האָט זיך אויסשליסלעך אָפּגעגעבן מיט סאָציאַלער טעמאַטיק.

די „יונגע״, וואָס די מערסטע פון זיי זיינען אָנגעקומען קיין אַמעריקע אין די יאָרן פון 1905—1908, האָבן דורכגעמאַכט דעם דורכפאַל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע אין 1905, די נאָכפאָלגנדיקע פּאָגראָמען, עקסצעסן ,און זיינען געווען (אין סאָציאַלן זין) אַביסל פאַרצווייפלט און אַביסל אַנטוישט, און אין גאַנצן אונטער דער מידער באַרוישונג פון דעם רוסישן און דייטשישן אימפּרעסיאָניזם און סימבאָליזם. להיפוך צום פריערדיקן דור, וואָס האָט הויפּטזאַכלעך באַנומען די נייע סאָציאַלע סביבה ווי אַ קוואַל פון הומאַנע און עטישמאָראַליזירנדיקע געלעגנהייט־לידער, האָבן זיי אַקצענטירט מיט שאַרפן

טראַפּ דאָס ריין־פּערזענלעכע, דעם דראַנג צו געבן קודם־כּל זיך אַליין; זיי האָבן מיט גוטן געשמאַק ווי וואָרט־מפונקים קולטיווירט דאָס ריין־מוזיקאַלישע און קורץ־געפּאַסטע לירישע ליד. פאַר זיי איז געווען אַמוויכטיקסטן ווי אַזוי און ניט פון וואָס אַ ליד ווערט געמאַכט. מיט זיי קומט אויף צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אַ באַוואוסטזיניקע גרופּע וואָס זוכט נישט קיין שום תכלית אין דער ליטעראַטור אַ חוץ ליטעראַטור.

די גאַנצע גרופּע איז אין די ערשטע יאָרן ווי פאַרשיכורט געוואָרן פון די גרויסע שפּראַכלעכע מעגלעכקייטן וואָס זי האָט געפונען שלומערן אין די טיפן פון דעם פאַרנאַכלעסיקטן יידיש־לשון. זיי האָבן, ווי בכיוון, דעמאָנסטרירט די קינסטלערישע מעג־לעכקייטן אין לוקסוסדיקער וואָרט־וואַריאירונג און אַרויסגעבראַכט אַ נייעם, ביז איצט פאַרבאָרגענעם זין אין שפּיל און צוזאַמענשפּיל פון איינצעלנעם וואָרט. אָט זיינען אַ פּאָר ביישפּילן פון זייערע פּאָעטישע מאַנעריזמען פון יענער צייט:

מאַני לייב:

שנייאיק אין שניי אַ פאַרשנייטער,
וויינען צו דיר פון דעם שניי.

זישאַ לאַנדוי:

פאַרוויגן, וויגן און דערוויגן
וויל איך די טעג צו העכסטער רו.

אמת, פון יענער זייט ים שאַפן שוין אונדזערע גרויסע פּראָזע־קלאַסיקער מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ, זייערע בעסטע ווערק, אָבער די „יונגע״ דעפינירן דאָ אין זייערע שאַרפע אַרויסטריטן קעגן די פריערדיקע אַמעריקאַנער דיכטער, אַז „די געשיכטע פון דער יידי־שער דיכטונג ביזן אָנפאַנג פון היינטיקן יאָרהונדערט, איז אייגנטלעך די געשיכטע פון אַן עפּיזאָד אין דער אַרבעטער באַוועגונג . . . ביז דעם אָנפאַנג פון אונדזער יאָרהונדערט, איז געווען אַ שאַנד צו שרייבן אַנדערע לידער ווי סאָציאַלע״. (זישאַ לאַנדוי — אין דער פאָררעדע צו זיין „אַנטאָלאָגיע״, 1919.)

עס וואָלט אָבער געווען אַן אומרעכט און אַ טעות ניט אָנצואַ־ווייזן, אַז אין אַ טייל לידער, דערציילונגען און עסייען פון זייערע פאָר־גייער, זיינען שוין טיילווייז פאַרזייט די קערנער פון דער אינדיווידואַ־

ליסטישער דיכטונג און פון דער עסטעטישער ריכטונג פון די „יונגע".
דאָס טרעפט מען אין די ווערק פון מאָריס ראָזענפעלד, א. ליעסין, שאַרקאַנסקי, יהואש, יואל סלאָנים, ה. רויזנבלאַט, מ. י. חיימאָוויטש, יואל ענטין, משה נאַדיר און באַזונדערס אין די לידער וואָס גרייכן אונדז אַהער פון יענער זייט ים — פון אברהם רייזען און שפּעטער פון ד. אייגהאָרן, ש. י. אימבער און מנחם.

„וואונדערלעכע יאָרן זיינען דאָס געווען פאַר אונדז, איבערהויפּט די יאָרן צווישן 1907 און 1910. אמת, יאָרן פון בלאָנדזשען און יאָרן פון פּיין, אָבער אויך יאָרן פון אַנטדעקונג און דערקענטעניש. יעדער טאָג האָט געבראַכט עפּעס נייעס, ווען מיר, די ‚יונגע' האָבן דערפילט וואָס עס איז פויל אין דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור, האָבן מיר נאָך אַליין ניט געוואוסט וואָס אייגנטלעך מיר ווילן. מיר זיינען דעמאָלט אפילו נאָך קיין געשלאָסענע גרופּע ניט געווען. מיר האָבן נאָר געוואוסט וואָס מיר ווילן נישט. מיר האָבן נישט געוואָלט דאָס גרילצנדיקע באָמבאַסטישע און מעלאָדראַמאַטישע סאָציאַלע ליד וואָס מיר האָבן געפונען. מיר האָבן נישט געוואָלט דאָס אויסגעווייקטע יידישלעכע מיטן ריח פון טשאָלנט און מקווה וואָס האָט זיך געטראָגן פון די נאַציאָנאַלע לידער. מיר האָבן מער פון אַלץ נישט געוואָלט, אַז דאָס ליד זאָל לעבן אין זכות פון וועלכער עס איז זייטיקער אידייע און זייטיקן אידעאַל, נאָר אין זיין אייגענעם זכות. אמת באַפרידיקט האָט אָבער בלויז דאָס פרעמדע מיט וועלכן מיר האָבן זיך דאַמאָלט באַקענט. ביי די רוסן, ביי די דייטשן, ביי די פּאָליאַקן און ביי די פראַנצויזן, ביי וועלכע אַלע מאָדערנע האָבן זיך געלערנט. זייער ווינציק האָבן מיר געלערנט ביי די אַמעריקאַנער און ענגלישע פּאָעטן". (ר. אייזלאַנד — „זכרונות וועגן דער צייט פון די יונגע", „טאָג", 30טן אַפּריל, 1939.)

און מאַני לייב באַשטעטיקט דאָס אין זאַמלבוך „זישאַ לאַנדוי" (1938). ער באַמערקט דאָרט:

— אונדזערע לערער זיינען די רוסישע און די דייטשע פּאָעטן מאָדערניסטן, און אויך זייערע לערער די פראַנצויזישע פּאָעטן מאָ־דערניסטן".

שפּעטער, ווערן די קינסטלערישע פּרינציפּן פון די „יונגע" נאָך שאַרפער דעפינירט אַ דאַנק דער ווירקונג פון די עסייען פון הערצאָג ד'אַברוציאַ (קאָליאַ טעפּער), און באַזונדערס פון זיין תורה שבעל פּה.

אינטערעסאַנט איז אויך דאָ צו פאַרצייכענען די רייבונגען וואָס זיינען באַלד אויסגעוואַקסן צווישן די דיכטער פון דער גרופּע „יונגע".

און אַט וואָס ר. איזלאַנד גיט אונדז איבער פון יענער צייט אין דער זעלבער סעריע זכרונות אין „טאָג״:

— „רייבונגען האָבן זיך אָנגעהויבן אידער דאָס ערשטע בוך „שריפטן״ איז אַרויס פון דרוק, נאָך אידער דאָס צווייטע בוך איז געגאַנגען צום דרוק, האָט מען שוין געוואוסט, אַז דער ריס איז אומפאַר־מיידלעך. צום דריטן איז אַ העלפט פון דער גרופּע שוין געווען אָפּגע־ריסן, און ווען איגנאַטאָוו, מאַני לייב, לאַנדוי און איך, האָבן זיך גע־קליבן אַרויסצוגעבן דאָס דריטע בוך „שריפטן״, האָבן אָפּאַטאָשו, י. י. שוואַרץ, י. ראַלניק, מ. י. חיימאָוויטש, יואל סלאָנים און אַנדערע, צוגעגרייט דאָס זאַמלבוך „די נייע היים״. אַן פּערזענלעכע מאָטיוון האָט פריער צי שפּעטער געמוזט קומען צו אַ ריס צווישן איגנאַטאָוו און אָפּאַטאָשו, למשל. און דער קינסטלעריש־אידעאָלאָגישער ריס צווישן מאַני לייבן און האַלפּערן, און לאַנדוין און האַלפּערן, האָט ניט געקאָנט אויסגעמיטן ווערן, כאָטש צו קיין פּערזענלעכן ריס איז צווישן זיי קיינמאָל ניט געקומען. האַלפּערן האָט געפילט אַז צווישן אים און די יידישע דיכטער ווערט דער מהלך אַלץ גרעסער. ער איז מיט יעדן טאָג אין זיין ליד געוואָרן אַלץ רווישיקער און שטאַרקער, וואָס מיר האָבן אין יענער צייט גערופן טומלדיקער, און מיר זיינען געוואָרן אַלץ איינגעהאַלטענער און שטילער, וואָס ער האָט ניט איין מאָל באַצייכנט פאַר צעקראָכענער״.

איזלאַנד גיט דאָ אַ געלונגענע אָפּשאַצונג פאַר די מאָטיוון פון דעם גט צווישן משה לייבן און די „יונגע״. אָבער דאָס זעלבע קאָן מען אויך זאָגן וועגן דער אַנדערשקייט צווישן שוואַרצן און מאַני לייבן, אָדער וועגן שוואַרצן און ראַלניקן און איזלאַנדן, אָדער וועגן דעם שפּעטערן העלזעערישן ה. לייוויק און צווישן זישאַ לאַנדוין און אַנדערע פון דער גרופּע.

האַלפּערן איז בלויז דער עקסטרעמער ביישפּיל; ווייל ער איז געווען דער סינטעז, די בריק, די רינג אין דער קייט וואָס פאַרבינדט דעם פריערדיקן דור דיכטער דאָ מיט די „יונגע״. ער האָט זיך פון אָנהייב אָן אָמווינציקסטן אַריינגעפּאַסט אין דער קינסטלערישער פּראָג־ראַם פון דער גרופּע וואָס האָט ווי געזונגען אין כאָר:

שטילער, שטילער, רעדט ניט הויך.

ער איז אין זיינע פּערזענלעכסטע, אין די אינטימסטע לידער געווען אין ווידערשפּרוך צו זייער עסטעטישער טעאָריע; ער איז געווען ראַשיק, אָפן ,הילכיק, און ווי זיין גאַסנפּויקער:

געפּויקט און גדזשינגדזשעט אין די טאָגן!

עס האָט אים, ווי ה. לייוויק און י. י. שוואַרצן געצויגן צו ברייטערע עפּישע לייוונטן. מאַני לייב גיט שפּעטער צו צו זיינע לירישע לידער די קינדער באַלאַדעס; און ווי גראַמען זיך טאַקע משה לייבס הילכיקע טענער פון יענע יאָרן מיט דער מוזיק פון די לירישע קאַמער־לידער? דער צייטווייליקער שידוך מיט דער גרופּע האָט אים אָבער פיל גוטס געטאָן. ער, וואָס איז בטבע געווען הילכיק און טרומייטנדיק, האָט דערלערנט די קונסט פון צאַמען זיך, און פּרובירט קולטיווירן אין זיך די האַלבע טענער — וואָס מען באַדאַרף אָפט אין אַן איבערגאַנג פון איין שטימונג צו אַ צווייטער, וואָס דאָס האָבן שוין לאַנדוי, מאַני לייב, ראָלניק און אייזלאַנד בעסער געקאָנט פון אים. מיר דערוויסן זיך אויך אַז „דער נאָמען יונגע״ איז אורשפּרינגלעך געווען אַ שפּאָט־נאָמען פאַר אַ גרופּע יונגע שרייבער, וואָס האָט נאָך אין 1907 געהאַט די חוצפּה צו דערקלערן, אַז מען דאַרף דאָס ביסל יידישע ליטעראַרישע כוחות אין אַמעריקע באַפרייען פון דעם אַפּיטראָפּסות פון די צייטונגען״. און זיי האָבן געזוכט צו שאַפן אַן אייגן ליטעראַריש ווינקל אין די דינע העפטלעך פון דעם חודש־זשורנאַל „די יוגענד״. פון דעם און פון אַנדערע קוואַלן איז צו זען, אַז מען האָט מיט קיין אָפענע אָרעמס די „יונגע״ דעמאָלט ניט אויפגענומען. אפילו ד״ר חיים זשיטלאָווסקי וואָס רעדאַקטירט אין יענע יאָרן דאַ דעם ערנסטן זשורנאַל „דאָס נייע לעבן״ און שרייבט אַ סך און האַלט פאַרטראַגן וועגן ליטעראַטור און קונסט, פאַרענדיקט אַזוי זיין רעצענזיע וועגן דעם ערשטן באַנד „ליטעראַטור״, וואו ער קומט נאָך אַ לאַגיש־ראַציאָנאַלער אויפקלערונג פון קונסט צום שלוס, אַז: „כ׳לעבן, אונדזערע „יונגע״ האָבן געמעגט אַרויסגעבן זייערע ווערק מיט רש״י און עברי־טייטש״ (דאָס נייע לעבן, אויגוסט 1910).

די רעצענזיע קלינגט היינט צו טאָג מאָדנע און אומגלייבלעך; בפרט אַז מען האָט אינזינען די פּשטות מיט וועלכע די „יונגע״ צייכענען זיך אויס. אָט דאָס איז אין קורצן, די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג פון דער גרופּע: די ראָם — אין וועלכער עס זיינען איינגעראַמט די קינסטלערישע פּאָרטרעטן פון די „יונגע״. און האַלפּערן, וואָס איז אין אַזויפיל פּרטים ניט ענלעך צו זיינע חברים־דיכטער, איז דאָך אַ זייל פון דער דאָזיקער וויכטיקער גרופּע פּאָעטן און דערציילער.

4. היים־ווי

האַלפּערן, ווי עס איז צו זען אַפילו פון זיינע גאָר ערשטע שוואַכע לידער וועלכע זיינען צעזייט און צעשפּרייט אין בלעטער, זשורנאַלן און צייטונגען האָט פאַרמאָגט אַ שאַרף אויג, אַ טיפן איינגעבוירענעם חוש פאַר די געזעלשאַפטלעכע כוחות און זייערע סתירות. אַפילו אין די ערשטע לידער זיינען שוין פאַראַן אָנזאָגן אַז ער קאָן זינגען דאָס ליד פון שטיין און שטאָל, דאָס ליד פון בעטאָן און אייזן. ער איז באַגאַבט מיט אַ שוימיקן טעמפּעראַמענט, מיט אַ ווינטיקן פלאַטער: „האָט דער אָדלער פליגל גרויסע, האָב איך בלוט וואָס זידט און ברענט", ווי ער מאָלט זיך אַליין מיט וואָרט און מיט פּינזל (האַלפּערן איז אויך געווען אַ גרויסאַרטיקער צייכענער).

אין פאַרבינדונג מיט מאָלעריי איז דאָ כדאי אָפּצופרישן אַ כאַראַקטעריסטישן יוגנט־אינצידענט: „ר' אייזיק, האַלפּערנס פאָטערס געשעפטן זיינען געגאַנגען שלעכט, און אַזוי ווי ער איז געווען אַ ייד אַ משכיל, אַ „וועלטלעכער", האָט ער באַשטימט אַז ער וועט שוין זיין איינציקן זון, משה לייבן, נישט מאַכן פאַר קיין סוחר. משה לייב האָט פון קליינערהייט אָן אַרויסגעוויזן פעאיקייטן אין מאָלעריי, האָט אים זיין פאָטער אָוועקגעפירט צו נפתלי, אַ שילדן־מאָלער, אויף פּראָבע. נפתלי איז געווען שטאָלץ דאַרויף. ער גיט משה לייבן אויסצומאָלן אַ שילד פון אַ טאַבאַק־טראַפיק: אַ טערק מיט אַ לאַנגער ליולקע. משה לייב מאָלט אויס אַ קאַריקאַטור פון אַ טערק מיט ברייטע גלאָטעטע הויזן אָן אַ ליולקע. ר' נפתלי כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ:

— ס'טייטש, אַלע טערקן אויף די שילדן האָבן בלויע גרינע הויזן!

— דאָס זיינען אייערע טערקן, איך האָב אַנדערש געזען דעם טערק! — ענטפערט משה לייב.

— און די ליולקע?

— מען וועט אַרויסנעמען אַ ליולקע פון טראַפיק און אויפהענגען אויף דער שילד. קאַרג ליולקעס האָט דער טראַפיקאַנט?"

דאָס דערציילט זיין בן־עיר — יעקב מעסטל („מאָמענטן מיט משה לייבן", „אויפקום", סעפּ.־אָקט. 1932).

אָבער דער קאַפּיקער רויש פון זיין נייער היים, די גרויזאַמע און קאַלירדייכע פּרעמדע, די שאַרפע ווידערשפּרוכן, האָבן אים דאָ צופיל באַאומרואיקט. דער „הונגער" (אין בוכשטעבלעכן זין) ווערט אַ צו אָפטער גאַסט ביי אים. אַ שטיק צייט אַרבעט ער אַלס קעלנער אין אַ רעסטאָראַן. ער באַמיט זיך אויסצולערנען פּרעסעריי (ווי עס האָט

נאָך זיין טויט איבערגעגעבן יצחק בלום, „פאָלקס שריפט", לאָס אַנגעלעס, דעצ. 1933 :

„אין 1910—1911 האָב איך געהאַט אַ 'קלינינג סטאָר' אין די בראָנקס, וואו אייניקע פון די בעסערע יונגע יידישע דיכטער און דערציילער האָבן גראָד דעמאָלט געוואוינט. דאָס פלאַץ איז אויך געווען אַ ליטעראַרישער צענטער. האַלפּערן האָט גראָדע געוואוינט דאַונטאַון, און פלעגט בלויז פון צייט צו צייט אַריינפאַלן ווי אַ גאַסט. איינמאָל איז ער אַריינגעקומען אַ פאַרזאָרגטער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ שווייגנדיקער אין אַ ווינקל — און געזעסן אומבאַוועגלעך אַ לענגערע צייט. פּלוצים האָט ער זיך אַ הייב געטאָן, זיך דערנענטערט צו מיר און ווי אַרויסגעברומט : הערט, איך וויל ווערן אַ פּרעסער !

— אַזוי שמאָל האָלט עס מיט אייך ?

— ערגער ווי איר קענט זיך פאָרשטעלן . . .

ס'איז ווערט געווען צו זען ווי אַזוי משה לייב שטייט מיט אַ שווערן אייזן אין זיינע גרויסע ריזיקע הענט און פּרעסט אַ פּאָר הויזן, חזרט אויף אויסנווייניק פערזן פון אַ ניי ליד, און זיין פּנים גליט מיט אַ דיכטעריש פייער. פּלוצים — אַ פאַרסמאַליעטער ריח . . .

— משה לייב, די הויזן ברענען ! . . .

משה לייב גיט זיך אַ כאַפּ, בלייבט שטיין אַ פאַרלוירענער, אין זיין גאַנצער ווילדער גרויס קוקט ער אויף מיר ווי אַ גרויס קינד מיט אַ פאַרשולדיקט פּנים — און דאָס ליד בלייבט אים שטעקן אין האַלדז . . ."

ער ווערט שפּעטער אַ מיטאַרבעטער אין דעם הומאָריסטישן וואָכנבלאַט „דער קיבעצער" וואו ער דרוקט אונטערן פּסעוודאָנים „העלפען" גוטע און שלעכטע לידער, ווי אויך סתם גראַמען און וויצן. ער האָט אָבער, ווייזט אויס, אַליין געוואוסט דעם ליטעראַרישן ווערט פון די דאָזיקע ווערק, ווייל ער האָט זיי קיינמאָל נישט אַריינגענומען אין זיינע ביכער. אָבער באמת אָרגאַניש אַריינפּאַסן זיך און צופּאַסן זיך צו דעם הו־האַ, צום גרויסן וועלט־יאַריד פון קויף־און־פאַרקויף געלינגט אים ניט. זיין טעמפּעראַמענט איז צו גראַדליניק, צו שאַרף און צו שפּיציק. און ער דערציילט אונדז אין לידער פון יענער צייט אַז „אין שענקלעך אָרעמע פאַרלעב איך מיינע נעכט", און „אַ שווערע גרויקייט גייט דורך אַלע מיינע טעג".

פון עטלעכע ערשטע שורות אין פאַרשיידענע לידער וואָס ווערן דאָ ציטירט, איז לייכט זיך צו שאַפן אַ באַגריף ווי אַזוי ער זעט און

מיט וואָס פאַר אַ ביטערקייט ער רעאַגירט אויף זיין נייער סביבה און באַזונדערס אויף דער מענטשלעכער געבויגנקייט און קנעכטיש־קייט, וואָס ער טרעפט דאָ אומעטום:

1: קנעכטיש בלוט פון הינט דיין אָפּשטאַם!
2: נאָך איז דער קאָפּ געבויגן שווער!
3: די גאַס איז פאַר הענדלער און לייט.
4: און אַזוי פאַר ברויט מיט רינדפלייש גיט מען אָפּ די טעג פון לעבן.
5: ווי דו האָט ער די שטאָט ניט ליב!

ער דערזעט דאָ, ווי קיינמאָל פריער נאָך, די שאַרפע קאָנטראַסטן, די רחמנותלאָזע עקספּלואַטאַציע, און באַזונדערס ווי הכנעהדיק דער מענטש דאַרבט דאָ און ווערט אויפגעפרעסן פון נויט, פון זאָרג, פון מעכאַנישער מאָנאָטאָניע. ער גאַרט נאָך יאָנטעוו, נאָך פייערלעכקייט, ער זוכט אומערמידלעך אַ ציל, אַ זין אין דעם וואַנזין. ער ווענדט זיין פּנים צו דער פאַרגאַנגענהייט. און ווען ער פאַרעפנטלעכט (אין 2טן זאַמלבוך „שריפטן”, 1913) זיין אַמביציעזע עפּישע פּאָעמע „אין דער פרעמד”, איז קאָנטיק אַז זיין אומצופרידנקייט מיט זיין נייער היים, אַמעריקע, ווירקט אַזוי, אַז דער דיכטער פאַרגעסט אינגאַנצן (אויף אַ צייט), אַז זיין געבורט־אָרט, פונוואַנען ער האָט זיך ערשט אַרויסגעראַטעוועט, איז ווייט פון צו זיין אַ גן־עדן, ווי אים אַליין הייבט זיך אָן פונדערווייטנס אויסצודאַכטן. ער פאַרגעסט אַז ער האָט אונדז ערשט ניט לאַנג אַליין אָנפאַרטרויט (אין לידער) וואָס פאַר אַ טרויעריקע קינדהייט ער האָט דאָרטן דורכגעמאַכט; אַז ער האָט קיינמאָל ניט ליב געהאַט די אָדלייט פון פוילן; אַז איינזאַם איז ער אויף דייטשלאַנדס ערד געווען וואו דער לערער און די קינדער אין „שקאָלע” פלעגן אויף אים תמיד קוקן מיט פאַראַכט, מיט בייזע בליקן, און אַז—

אַלע אָוונט ווען די קלויסטער גלאָקן קלינגען,
געציטערט האָב איך דאַן אַליין אין שטוב צו זיין.

דאָ איז אים אָבער אויך נישט גוט געווען. פּנים־אל־פּנים מיט אַ קאַלטבלוטיקער אַמעריקאַנער וואָר, אוועקגעריסן פון טאַטע־מאַמע, פון אייגענע; אין נייעם, פרעמדן לעבנסשטייגער נישט באַוויזן אַריינצוואַקסן און פון אַלטן אויסגעוואָרצלט, האָט ער איצט אַ פאַר־טרוימטער געווענדט זיינע פאַרבענקטע בליקן צו דער פרישער, צו דער נישט־לאַנגאָניקער פאַרגאַנגענהייט. פערספּעקטיוויש, ווי דורך אַ בענק־שפּאַקטיוו, האָט דאָס אויסזען פון זיין געבורטשטאָט זיך אַצינד

צעבליט אין זיין טרוים. פונדערוווייטנס — האָט ער פּלוצים דערזען זיין היים איינגעהילט אין וואַרעמער שיין פון הימלעכער היימישקייט, פון איינגעזעסנקייט, פון זיכערקייט און רו, — ווי ער האָט זי ביז איצט נאָך קיינמאָל פריער ניט געזען. ער האָט פּלוצים אַנטדעקט די אַנדערע זייט פון דער מטבעה. ערשט איצט האָט ער אויסגעפונען — אַז זיין היים האָט אַמאָל פאַרמאָגט חוץ שאָטן אויך ליכט.

זיין בענקשאַפט, זיין נאָסטאַלגיש־שווער געמיט, האָט אים געמאַכט צו פאַרטושן די לעבעדיקע וואָר; זיינע ערשטע פּרימיטיווע און קאָמפּלוסטיקע טענער ווערן אַנטשוויגן, ער איז געצוואונגען צו קוקן אויף דער פאַרגאַנגענהייט ווי דורך אַ ראָמאַנטישן פאַרגרעסער־גלאָז. ער איז אַריינגעפאַלן, ווי אַ סך פּאָעטן פון יענער צייט, אין אַ נעאָ־ראָמאַנטישן טאָן און אָנגעהויבן אידעאַליזירן דאָס „שטעטל" און די גלאַררייכע פאַרגאַנגענהייט אויפן חשבון פונעם ברוויזיקן אַרום. ער האָט גענומען פּוצן און לאַקירן דעם עבר. ער האָט גענומען, ווי שלום אַש, שלייערן דאָס שטעטל אין אידילישער פרידלעכקייט, וואָס האָט גיכער געשטימט מיט דעם גוטן ווּאונטש, מיט דעם סובלימירטן געפיל פון דיכטער, ווי מיט דער אמתערווירקלעכקייט.

קיין אָרעמאַן האָט נישט געפעלט ביים רייכן טיש, טאָג איין, טאָג אויס,
און גאָט — געבענטשטער פרידן האָט געהערשט אין גאַס, אין יעדן הויז.
און איבער אלע ספרים פיל אײדעלע און יונגעלייט
און מיידלעך האָבן תפילין־זעקלעך אויסגענייט פון גאָלד און זייד,
און ווי אין פרילינג בליט די בלום אין פעלד און אויפן בוים דאָס בלאַט —
אַזוי האָט רואיק, פרידלעך אויפגעבליט אַ דור נאָך דור,
און ווי אַ גאָלדענע קייט געצויגן האָבן זיך פיל הונדערט יאָר.

(אין דער פרעמד)

דער אָטעם פון דער לאַנגער פּאָעמע איז אַ ברייטער, כאָטש אַביסל האַמעטנע און געמישט מיט אַ סך פּראָזאַימען. זיין ליד פאַרמאָגט נישט דעם בלויען כישוף וואָס מאַני לייבס מוזיקאַלישקייט רופט אַרויס, דערפאַר דעמאָנסטרירן די ברייט־אָטעמדיקע שורות אין דער פּאָעמע די דינאַמישע ריטמיק פון גרויסשטאָט, וואָס זיינען נאָך דעמאָלט אַ זעלטנהייט אין דער יידישער פּאָעזיע. דער עטיש־פייערלעכער הינטערגרונט שטיקט מיט טרויער, און דער ריטם איז מענגלעך־מאַסיוו, די בענקשאַפט איז פאַרצויגן מיט אידילישקייט, דאָס פּאַטריאַרכאַלישע געמיט און די שטימונג פון די שורות צוימען דאָ זיין געוויינלעכע צעברויזקייט; ער ווירקט נישט אַזוי מיט

נייער בילדלעכקייט ווי מיט זיין כוח וואָס באַשטייט אין שוואונג פון די שורות וואָס הילכן אָפּ ווי האַמער־קלעפּ. ער מאָלט און שילדערט אין דער זעלבער פּאָעמע דעם הינטערגרונט פון דער אימיגראַציע אויף אַזאַ דירעקטן אופן און מיט אַזויפיל ווייטיק — וואָס איז אינ־גאַנצן ניי און אַנדערשדיק:

...און ווי־געשרייען טויזנט נייע, וויסטע טראָגן זיך מיט זיי,
און אַלע זייערע בלוטן האָסן זיך און מישן זיך צונויף,
און ווערן קיינמאָל איינס, און ראַנגלען זיך, און גיבן זיך ניט אויף —
און זייערע כוחות רייסן זיך, צערייסן זיך און ליידן ווי.

די פּאָעמע ציט באַלד אַ סך אויפמערקזאַמקייט, ווייל מיט אַלע חסרונות דעמאָנסטרירט זי פאַר אונדז נישט קיין געוויינלעכן פּאָעטישן כח. דאָס געמיט פון דער פּאָעמע איז דאָס דעמאָלסטיקע געמיט פון דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. און מאָדנע, אַז דאָס געפיל פון „היים־ווײ" ווערט זעלטן אָדער אינגאַנצן ניט באַרירט פון דעם ערשטן דור יידישע דיכטער אין אַמעריקע. צי דאָס איז דערפאַר ווייל דער ערש־טער דור, עדעלשטאַט־באָוושאָווער, איז דעמאָלט מערסטנס באַשטאַנען פון נאַאיווע קאָסמאָפּאָליטן, אַסימילאַטאָרן, אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין סאָ־ציאַלן קאַמף, וואָס האָט אין דער נאָענטער צוקונפט באַדאַרפט לייזן די סאָציאַלע און במילא אויך די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם, צי ווייל דער צווייּ־טער און דריטער דור איז שוין באַשטאַנען פון מערער נאַציאָנאַל־באַ־וואוסטזיניקע מענטשן, מיט אַ ברייטערן און טיפערן בליק אויף יידישע פּראָבלעמען, וואָס האָבן דאָ באַנומען דעם עבר, די קולטור־ירושה, די אַלטע זיטן און טראַדיציעס מיט אַ סך אַפּשיי; יעדנפאַלס זיינען זיי דאָס די יעניקע וואָס האָבן דאָ געזוכט צו שאַפן און געשאַפן דעם סינטעז פון „וולעדניק און נעוויאָרק". ניעזשין און ווילנע, וואַרשע איהומען און קיידאַנאָוו, זלאָטשאָוו, טאַרנאָוו, לובלין און לאָדזש, נאַראַיעוו, מינסק, מלאַווע און פיל אַנדערע נעמען פון יידישע קיבוצים פון יענער זייט ים, האָבן דאָ צוגעשטעלט זייער „קוואָטאַ" יידישע שעפערישע ענער־גיע צו דעם גרויסאַרטיקן בנין וואָס הייסט: יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע.

אַלע טראָגן זיך אין יענע יאָרן אַרום דאָ מיט אַ בענקשאַפט, מיט אַ געמיט — צעריסן צווישן צוויי היימען: „נייע היים" און „אַלטע היים". און ווען דער היים־ווײ ווערט שוין (אין דער ליטעראַטור) אַ סינאָנים פאַר באַנאַליטעט, גיט מען זיך אַן עצה, און מען סטי־ליזירט די בענקשאַפט ווי זישאַ לאַנדוי, משה נאַדיר, און שפּעטער

יעקב גלאַטשטיין טוען דאָס. זייער היפּערסענסיטיוויקייט צו באַנאַ־ליטעטן טרייבט זיי צו פֿאַרמאַסקירן זייער בענקשאַפֿט און זי דער־לאַנגען אונדז אין אַ סטיליזירטער פֿאָרם, ווייל די בענקשאַפֿט נאָך די קינדער יאָרן נאָך אַ טייל פֿון זיך אַליין — איז אַזוי נאַטיר־לעך, ווי דאָס אָטעמען. אַ בענקשאַפֿט וואָס פֿאַרלאָזט אונדז קיינמאָל ניט. לויט פֿרוידס פּסיכאָ־אַנאַליטישע שטודיעס, זיינען אונדזערע איינגנשאַפֿטן און רעאַקציעס אין די רייפֿע יאָרן בלויז אַ סכום פֿון דעם, וואָס אונדזער קינדהייט האָט פֿאַרמירט און שוין דעמאָלט געהאַט באַשטימט פֿאַר אונדזער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. אַז ה. לייוויק קומט אַהיים צוגאַסט קיין איהומען, באַטרעט ער נישט די ערד, נאָר: „טריט קושן אויס טראָטואַרן". א. ליעסין זינגט פּאַטעטיש אין דער סעריע לידער „פּייערן אויף בראָדוויי":

> און אויף אַ פרעמדער ערד, אַ פרעמדער גיי איך אום,
> און פרעמדקייט קוקט אויף מיר פון אַלץ און אומעטום.

און ווען אברהם רייזען דערמאָנט זיך דאָ, שוין מיט יאָרן שפּעטער אין זיין אַמאָליקער היים, סומירט ער די זעלבע שטימונג מיט זיין געוויינלעך־באַגלייבטער אינטימיטעט און מיט אַ ליריש־עלעגישן פּרעגצייכן:

> עס איז אַזוי ווייניק געווען,
> פֿאַרוואָס איז אַזויפיל געבליבן?

און אין דער נייער פּראָזאַ שרייבט דוד איגנאַטאוו, אַ זייל פון די „יונגע" אַזוי:

„די נייע, פרעמדע מענטשן וואָס קומען פון אַריבערן ים אין אָט דער ניט־געדאַכטער און ניט־געזעענער שטאָט, דערפילן אַז צו שטאַרק איז דער שטראָם, אָט און ער וועט זיי אומוואַרפן, אָדער אָפּרייסן, און זיי וועלן מער ניט פילן זייערע אייגענע פיס אונטער זיך. מיט טייוולשן אימפּעט און ריזיקער קראַפט יאָגן זיך איבער די גאַסן באַנען, טראַמ־ווייען און אָטאָמאָבילן. ס'לויפן אָן אויפהער אום כוואַליעס איילענדיקע מענטשן, זייערע פנימער ווערן פֿאַרטראָגן און געוואָרפן, ווי שוים אויף די כוואַליעס. די מויערן אַרום זיינען אַזויבע טרוקענע, שטומע און הויכע — קוים מיטן אויג צו דערלאַנגען, און די מענטשן וואָס קומען אין דער שטאָט פון אַריבער ווייטע ימען קריגן גלייך ברייט־צעעפנטע אויגן. זיי דערפילן מיט שרעק די וואָגיקייט פון די איינגעשטעלטע גאַסן. ווילד און ניט גלויבלעך איז דאָס אַלץ." און האַלפּערן זינגט

דאַ אין זיין „פאַן יאַבלאָנסקי״ וועגן דער צעשפּליטערטקייט, מיט די ווערטער:

פאַרטרייבט מען אַ מענטש אין די יאָרן פון היימלאַנד,
ווערט איבערגעריסן זיין לעבן אויף צוויי:
איין העלפט גייט אַרום אין דער פרעמד, און די צווייטע
בענקט שטענדיק אַהיים, און גאָר טיף איז איר וויי.

5. אַן אַ פייגנבלאַט

דעם בענקשאַפט-פאַדעם מיט יענער זייט ים האָט משה לייב טאַקע קיינמאָל אינגאַנצן נישט איבערגעריסן. די בלוטיקע פאַרוואַנדשאַפט צווישן זלאָטשאָוו זיין געבורטשטאָט און ניו-יאָרק — זיין נייע היים, האָט ער אַ לעבנלאַנג טיף אין זיך געטראָגן און אָפּגעהיט:

ווי דאָס לעבן אין פרילינג וואַכט אויף אין מיר
מיין אָרעם ביסל בענקשאַפט צו דיר —
מיין היים, מיין זלאָטשאָוו!

ער איז זיך מודה אין דעם אַזוי שפּעט ווי 1924. אָבער די צייט טוט זיך אירס. דאָס געפיל וועפט זיך אויס און הערט אויף צו זיין אַקטועל. איצט איז דאָס שוין אַ בענקשאַפט וואָס קומט שוין מער פון זכרון ווי פון געפיל, דערפאַר סטיליזירט ער שפּעטער זיין היים-וויי. ער דערפילט ווי מ׳קאָן זען אין פינאַל פון דעם זעלבן ליד, אַז ער מאַכט שלום מיט זיין גורל וואָס איז דאָ אויף אייביק פאַרזיגלט:

איז דאָס טאַקע די איינציקע טרייסט כאָטש פאַר מיר,
וואָס מען וועט מיך נישט באַגראָבן אין דיר, —
מיין היים, מיין זלאָטשאָוו!

ער וואוינט יאָרנלאַנג ביים ים, און שרייבט פיל לידער און וואַריאַציעס אויף דעם ים-מאָטיוו (איינע פון די באַליבטסטע טעמעס ביי פיל דיכטער). פאַר אים איז אָבער דער ים נישט ווי פאַר אַ סך — בלויז אַ דיכטעריש אַנווענד-מיטל, אַ געלונגענער אימאַזש, אַ גוטער מעטאַפאַר; פאַר אים ווערט דער ים אַן אָפּרו פּלאַץ, אַ מקום-מנוחה פון דער אַרומיקער פרעמדער און פיינטלעכער סביבה. און אין קאָני-איילאַנד, וואָס ווערט פאַר אים אַ קוואַל פון גראָטעסק, זעט ער

נאָך אַלץ דעם ויידן און דאָס שיקסל פון ויידנס פעלד. און אַז ער זעט דעם טויט, זעט ער אים אויף די כוואַליעס: „און אַז משה לייב דער פּאָעט וועט דערציילן, אַז ער האָט דעם טויט אויף די כוואַליעס געזען, צי וועט מען דאָס גלייבן משה לייבן? . . .”

עס ווערט אָבער אָפּטמאָל קאָנטיק ווי דער ים ווערט פאַר אים אַ לייכט אויסרייד־מיטל ווי אַזוי צו אַנטלויפן און אַרויסצודרייען זיך פון דער פרעמדער און פיינטלעכער שטאָט:

און בענקסטו, מענטש, אַוועקצוגיין אַמאָל
ווייט, ווייט פון אַלץ,
פון זיך אַליין —
פאַרלאָז די שטאָט און גיי צום ים אַרויס!

אָבער אַז ער קומט צום ים, קאָן ער, ווייזט אויס, אויך דאָרט נישט געפינען קיין רו. ער קאָן אויך דאָרט ניט געפינען קיין אָפּרו, און דאָס צווינגט אים צו פאַרוואַנדלען קאָני־אײלאַנד מיט דעם כוח פון זיין פאַנטאַזיע, אין אַ הייליקער מעקאַ, וואו ער, משה לייב, פאַר־שפילט זיין אומעט מיט דעם, וואָס ער שפּילט דאָ דעם גראָטעסקן סולטאַן. ער פרעגט זיך אַליין און ענטפערט זיך אַליין:

פאַרוואָס איז אומעטיק דעם סולטאַן משה לייב?
— — — — — — — — — — —
— משה לייב, ווייסטו וואָס,
זאָל זיך דיר אויסדאַכטן אַז זאַמד איז גראָז,
וועסטו זיך אויף דעם סולטאַנס אָרט אַנידערלייגן
און וועסט זיך אויסמאָלן אַז דו ביסט ער,
וועסטו שוין מער ניט דאַרפן זיין אָט־דער,
וואָס ליגט ביים ים אין קוני־אײלענד דאָ אין רעגן.

און ווייטער אין דער זעלבער גראָטעסקער פּאָעמע — די געוויינ־לעכע אַנטוישונג, נאָכדעם ווי די אילוזיע ווערט צערונען און די ניכ־טערע רעאַליטעט פאַרנעמט איר אָרט:

האָט ער אַהיים זיך אומגעקערט אַליין,
און אָט־וואָס ער דערציילט:
נישטאָ קיין מירטל מער אויף אַללאָס וועלט,
אַ קראַנקע פרוי איז דאָ
אויף אַזאַ אינדזל וואָס איז ווי אַ מדבר וויסט;
קיין בוים אויף מיילן ווייט נישטאָ,
בלויז זאַמד און דאָ און דאָרט אַ בערגל מיסט,
און קעץ וואָס וויינען מיטן ים און מיטן צפון־ווינט.

די שטיבלעך זעען אויס
ווי אויפגעשטעלט פאַר הינט
און אָרעמע שניידערס בלויז,
און גאַסן־רייניקער באַוואוינען זיי.

(אוונט־רו ביים ים).

ער ליידט פון באַרעדעוודיקייט אין אַ סך פון די לידער. ער שיסט אָפטמאָל אַריבער דעם אָנגעצייכנטן ציל. זיין היפּערפּאַטעטישקייט דיקטירט אים צו באַנוצן זיך מערסטנס מיט דעם אויסרוף־צייכן, און ער איז נישט איבערקלייבעריש מיט זיינע אָפטע אויסגעשרייען „העי!“ און „האָ“ און „אוי!“ וואָס זיינען אין דעם פאַל נישט קיין סימני גבורה, נאָר פאַרקערט, אָפטמאָל דיכטערישע הילפלאָזיקייט; סוראָגאַטן — פאַר דעם עקזאַקטן וואָרט, פאַר דעם דינעם ניואַנס, פאַר דער גייטיקער פּאָעטישער שאַטירונג. מ'האָט אָפטמאָל דעם איינדרוק ווי ער טראָגט זיך נאָך דעם ווילדן גאַלאָפּ פון זיין אייגענעם שטאַרקן ריטם, ווי ער יאָגט זיך נאָך נאָך דעם ווירבל פון זיין אייגענעם ווערטער־שטראָם. אַ גוטער ביישפּיל איז זיין ליד „דער רויטער רעגן“, „פון אַ מיידלס טאָג־בוך“ און אַנדערע לידער פון דעם מין. אַזעלכע לידער ווערן שנעל אויפגעכאַפּט, ווייל זיי לאָזן זיך גרינג דעקלאַמירן, ווייל זיי זיינען פון אָנהייב־אָן אויפגעבויט אויף אַ מעלאָדראַמאַטישן פינאַל — וואָס איז אין תוך ניט מער ווי צעשוואומענע סענטימענטאַלקייט. אַ כאַראַקטער־שטריך וואָס איז מערסטנס פּרעוואַלענט ביי היפּער־עמאָציאָנעלע דיכטער. אויך מאָריס ראָזענפעלדס פיל לידער ליידן פון דעם זעלבן חסרון: איבערגעלאָדענע רעטאָריק, פריילאָזן און פאַרלירן דעם קריטישן קאָנטראָל, דעם אויפברויז און איבערפלוס פון עמאָציעס. ווייל דיכטונג איז, לויט דער קורצגעפאַסטער דעפיניציע פון דעם באַרימטן ענגלישן דיכטער וואָרדסוואָירט: „עמאָציע אויפגעלעבט אין באַרואיקייט“ — Emotion recollected in tranquility.

האַלפּערן איז אין די יאָרן געווען ווייניקער ספּאָנטאַן ווי ראָזענפעלד. „ביי ראָזענפעלדן“, באַמערקט ריכטיק נ. ב. מינקאָוו, (אין זיינע „אידישע קלאַסיקער פּאָעטן“, 1937): „איז די שטאַרקייט נישט געווען קיין מאַניער ווי ביי אַנדערע גבורהדיקע. ביי אים איז דאָס געווען אַ וואונדנדיקער דראַנג, אַ טראַגישע אויפריכטיקייט און אַ ספּאָנטאַנער אויסברוך... דער שטענדיקער הויפּט־אויסגעשריי אין זיין וואונדנדיקן ראַנג טראָגט זיך פאַנאַנדער מיט טראַגיזם און שרעקלעכקייט. אומבאַגרענעצטע, געפינען זיינען בלינדע אינסטינקטן דעם פולן גאַנג... זיין אומערמידלעכע רויע שטראָמיקייט האָט אַנטפּלעקט דאָס טראַגישע אין דעם סאַמע נאָענסטן און גשמיותדיקן פון אונדזער לעבן“.

משה לייב איז נאָך אין יענע יאָרן אָפטמאָל וואָרן וואוילינגעריש און עס וואַרפט זיך אין די אויגן זיין באַהעמישקייט, דער דראַנג נאָך עפעקט, וואָס ווירקט פאַרדעכטיק, און שטויסט אָפטמאָל אָפּ פון זיך עלעמענטן—וואָס דער דיכטער האָט נישט געוואָלט און נישט באַדאַרפט אָפשטויסן: „אַז עקלען זאָל פון מיינע רייד ווי פון אַ טויטער קאַץ אין מיסט", און אין די אויגן זאָל זיך וואַרפן „מיין חוצפה ווי אַ וויסטער הורנטאַנץ". עס איז נישט געווען אין זיין בלוט צו פאַרגלעטן זאַכן. זיין עקס־טרעמער סוביעקטיוויזם האָט נישט פאַרליטן קיין גלייכגילט, קיין פּאַסיוויטעט. פאַר אים איז אַמבעסטן אָנגעמאָסטן וואָס ער אַליין זאָגט וועגן זיך:

> מיין מאַמע האָט מיך נאַקעט געהאַט —
> קאָן איך נישט ליידן קיין פייגנבלאַט.

(אויפן וואָקזאַל ביים שערער).

ער באַמערקט אַמאָל, רעצענזירנדיק אַ בוך פון דעם דיכטער אַלטער עסעלין, אין דער „וואָך" 1930: „דעם דיכטער גייט שטאַרק אָן זיין אייגן לעבן אין דער וועלט, נאָר ער האָט מורא מע זאָל דאָס נישט זען נאַקעט, טוט ער עס אָן אין אַלערליי שמאַכטעס." זיין איבערגעטריבענע ניי־גונג צום נאַקעטן נאַטוראַליזם האָט זיך גענומען פון אַן איבערגע־טריבענער שנאה צו געקינצלטקייט, צו פאַרגלעטן זאַכן. ער האָט אויף אַלץ וואָס איז אים אַנטקעגנגעקומען אויפן דיכטערישן וועג — אַרויפ־געלייגט זיין שאַרפן חותם. און ש. ניגער באַמערקט טאַקע אַמאָל, שרייבנדיק אין „טאָג" וועגן מ. ל. האַלפּערנס ערשטן בוך לידער: „די צווייטע העלפט פון ליד וואָלט איך געקאָנט ציטירן נאָר, ווען איך וואָלט געהאַט אין זיך האַלפּערנס . . . ניט שעמעוודיקייט."

אָבער איך מיין, אַז די ערשטע העלפט פון ליד איז אויך גענוג צו באַווייזן, וואָס פאַר „אַ גרויסן וואַנזין און וואָס פאַר אַ קוואַל פון וואַנזין" האַלפּערן געפינט אין דער ריזנשטאָט, אין דער שטאָט „וואָס פרעסט מענטשנפלייש פון פרי ביז אָוונט און גרייט ביינאַכט זיך נייע שפּייז".

ער האָט זעלטן (אין די יאָרן) דרויסן פון זיך געפונען אָביעק־טיווע מיטלען פאַר זיין בלוטיקן סוביעקטיוויזם. ער האָט זיך אָפטמאָל אַריינגעמישט דאָרטן, וואו אַביסל דערוווייטערונג וואָלט אים פיל גוטס געטאָן. ווייל אָביעקטיוויזם מיינט נישט גראָד אָביעקטיוו זיין אין ווערטערבוך־טייטש פון דעם וואָרט. פאַר אַן עכטן קינסטלער איז אַזאַ

סאָרט אָביעקטיוויטעט אײנגאַנצן אָן אוממעגלעכקייט. אָבער אונטער האַלפּערנס ברויזיקן סוביעקטיוויזם, האָט זיך דאָס טריוויאַלע אין זיין דיכטונג אָפטמאָל צעבליט און צעוואָקסן אויפן חשבון פון די גרונט־עיקרים פון ליד. אין די פאַלן קולמינירט אָפטמאָל זיין דיכטערישע אידייאישקייט; און אַמאָל טרעפט דאָס נישט אַזוי צוליב דעם שלעכטן אידייאישן באַנעם, ווי צוליב דעם דראַנג צו וועלן שאָקירן דעם לייענער — אַ נייע און ווייט־גייענדיקע פּאָזע אין האַלפּערנס שאַפן. אין דעם איז באַשטאַנען זיין כוח און אויך זיין שוואַכקייט. ווייל האַלפּערן האָט פיל בעסער באַנומען זאַכן אינטואיטיוו, מיט זיין רייכער פאַנטאַזיע, ווי מיט דעם אינטעלעקטועלן אויג. דערפאַר האָט ער נישט געקאָנט לאַנג סובלימירן די פאַרגאַנגענהייט — און ער איז פון איר שנעל איבערגעגאַנגען צו דעם „אָנפאַן טעריבל" פּעריאָד.

די אַמעריקאַנער סביבה וואָס פאַרליידט ניט קיין פייערלעכע פּאַטעטישקייט, גיכטערט אים אויס — און ער לאָזט זיך אַוועק אין זיין נייער, אָדער בעסער געזאָגט, אין זיין פאַרטיפטערער פּאָזע; — שווימען קעגן שטראָם! ערשט איצט געפינט ער דעם באַלאַנס צווישן דעם אימאַגינאַטיוון און דעם רעאַלן. ער באַלעבט די וואָר מיט דעם הויך פון דער מענטשלעכער פאַנטאַזיע. די פּאָזע באַשטייט אין אָפענטפערן מיט שפּאָט, מיט חוזק דער גלייכגילטיקער סביבה ארום זיך, און מיט אַלע כחות באַמיען זיך זי צו שאָקירן. מעג דאָס זיין אַ שפּאָט און אַ געלעכטער מיט יאַשטשערקעס. דאָס איז אַ געמיינשאַפטלעכער שטריך פון אַלע ראָמאַנטיקער פון פריערדיקן יאָרהונדערט. עדמאָנד ווילסאָן, היינטצוטאָג אפשר דער וויכטיקסטער אַמעריקאַנער ליטע־ראַטור־קריטיקער, דעפינירט די דאָזיקע שטרעמונג, אין זיין גלענצנ־דער שטודיע וועגן די פראַנצויזישע, ענגלישע און אַמעריקאַנער נאָכ־פאָלגנדיקע סימבאָליסטן אויף אַזאַ אופן: „אין דער אוטיליטאַרער געזעלשאַפט, וואָס איז צושטאַנד געקומען מיט דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע און מיט דעם אויפשטייג פון דעם מיטלקלאַס — איז פאַרן פּאָעט ניט געבליבן קיין פּלאַץ מער. גאָטיעס דור האָט שוין באַטראַכט די בורזשואַזיע ווי זיין שונא. מ'האָט אָבער נאָך געהאַט גרויס פאַר־געניגן פון קאַמף וואָס מ'האָט געפירט מיט איר . . . און וואו דער ראָמאַנטיקער, אין זיין אינדיווידואַליזם, האָט אָדער רעוואָלטירט, אָדער פראָפאַנירט די סביבה מיט וועלכער ער האָט ניט געלעבט בשלום, האָט שוין דער סימבאָליסט אינגאַנצן זיך אָפּגעזונדערט פון דער געזעלשאַפט און זיך געשולט אין גלייכגילטיקייט צו איר". (זייט 265, (Axels Castle

אַט־אַ־די לעצטע פּאַזן מאַכט אויך דורך משה לייב. עס איז אויך וויכטיק דאָ צו ברענגען נאָך איין ציטאַטע וועגן דער ראָל פון דעם קינסטלער, וואָס שווימט קעגן שטראָם — ווי עס האָט דאָס דעפינירט דער באַרימטער ענגלישער נאָוועליסט סעמועל באַטלער אין זיין טשיקאַוון נאָטיץ־בוך:

„איך בין" — שרייבט ער — „דער אַנפאַן טעריבל אין דער ליטעראַטור און וויסנשאַפט. ווייל אויב איך קאָן נישט, און איך ווייס איך קאָן נישט, אַרויסקריגן ביי די גרויסע ליטעראַטור און וויסנשאַפט־מאַכער אַן איינצעלנעם שילינג, קאָן איך אין זיי שליידערן ציגל"...

וואָס סעמועל באַטלער באַמערקט דאָ וועגן זיך, איז ווי אָנגעמאָסטן אויף משה לייבן און זיינס גלייכן. ביי משה לייבן איז דאָס אויך אַ קאָמפּענסאַציע פאַר זיין גרויסן אַפּעטיט צום לעבן וואָס ער האָט נישט די מעגלעכקייט קיינמאָל צו שטילן. ווייל בלויז אַ מענטש מיט אַ היפּער־אַנטוויקלטן חוש פאַר שיינקייט — קאָן אַזוי חלפדיק־שאַרף באַנעמען און זינגען מיט אַזאַ זאַכלעך־פיזישער בילדלעכקייט פון מיאוסקייט און פון צביעות אַרום זיך.

אין איינער פון זיינע גאָר ערשטע לידער (וואָס ער האָט קיינמאָל נישט אַריינגענומען אין זיינע ביכער) איז שוין פאַראַן אַן אָפענע קריגס־דערקלערונג דער באַלעבאַטישער וועלט אַרום זיך. דאָס ליד איז פאַקטיש רוי און אומבאַהאָלפן, עס איז אָבער דאָקומענטאַל וויכטיק צוליב דער שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער זעלביקער אידעאָלאָגיע — וואָס איז אין איין צייט געוואָרן זיין דיכטערישער לעבנס־באַרוף:

כ'האָב קיינמאָל אין לעבן געטראַכט פון אַ תכלית.
דאָס אייגענע טראַכט איך אויך היינט:
כ'האָב קיינמאָל נישט ליב געהאַט מענטשלעך „באַלעבאַטים",
איך האָב זיי אויך איצטער נאָך פיינט!

ער אָפּערירט נאָך דעמאָלט נישט מיט דער דיכטערישער סוגעס־טיע און דערפאַר איז לייכט צו זען די אויסגעשפּראָכנקייט, די פיינט־לעכע באַציאונג צו די רעפּרעזענטאַנטן פון פיליסטערטום. ער באַ־צייכנט זיי נישט „מענטשן", נאָר „מענטשלעך", און דאַכט זיך אים אַז ער האָט דאָס נאָך אַלץ נישט גענוג אונטערשטראָכן, שטעלט ער אַוועק אין גענדזנפיסלעך דאָס וואָרט „באַלעבאַטים".

נאָר אויב ביי אַ רייך און נאָרמאַל פאָלק בלייבט נאָך אַלץ אַ ביסל רוים פאַר אַ קינסטלער, וואָס שטייט אין קאַמף מיט זיין סביבה, — איז ביי אונדז, וואו די גרויס־בורזשואַזיע און אַ גרויסער טייל פון

מיטלקלאַס זיינען אינגאַנצן אינדיפערענט צום יידישן קינסטלער און צום יידישן שאַפן, — ביי אונדז איז דאָס שווימען קעגן שטראָם — אַזוי גוט ווי זעלבסטמאָרד! . . . —

6. קעגן שטראָם

איידער מיר טרעטן צו צום אַנאַליז פון די אויבנדערמאָנטע פּאָזן אין משה לייבס וווייטערדיקן שאַפן, איז נייטיק צוצוגעבן צו דער פריערדיקער אינפאָרמאַציע נאָך אַ פּאָר וויכטיקע דאַטעס, ביאָ־ביבליאָגראַפישע הויכפּונקטן אין דיכטערס לעבן:

1) אין 1913 דערשיינט אין 2טן בוך „שריפטן" זיין לענגערע פּאָעמע „אין דער פרעמד";

2) אין 1914 ברעכט אויס די ערשטע וועלט־מלחמה וואָס געדויערט 4 יאָר צייט;

3) אין 1915 פאַרעפנטלעכט ער אין דעם זשורנאַל „ליטעראַטור און לעבן" זיין פּאָעמע „יצחק לייבוש פּרץ", געשריבן באַלד נאָך פּרצעס טויט. אין דעם זעלבן יאָר רעדאַקטירט ער מיט משה נאַדירן דאָס ליטעראַרישע זאַמלבוך „פון מענטש צו מענטש".

4) אין 1916 רעדאַקטירט ער מיט מנחמען דאָס ליטעראַרישע זאַמלבוך „איסט־בראָדוויי" וואו ער פאַרעפנטלעכט זיין לאַנגע אַפּאָקאַליפּטישע פּאָעמע „אַ נאַכט", אין וועלכער ער שיידט זיך מיט דעם פאַרמעל־קלאַסישן ליד.

5) אין 1917 ברעכט אויס די רוסישע רעוואָלוציע. עס פאַלט די יאָרנלאַנגע צאַריסטישע זעלבסטהערשאַפט, און עס נעמען פליגלען ליכטיקע האָפענונגען.

6) אין 1919 האָט משה לייב חתונה געהאַט מיט רייזעלע באַראָן (רייזעלע באַראָן איז געבוירן געוואָרן אין קאַליילישאַק, ווילנער גובערניע, ביי ר' משה און חיה שרה באַראָן).

אין דעם זעלבן יאָר, אין 1919, דערשיינט אויך זיין ערשט בוך לידער „אין ניו־יאָרק".

אָט די זיינען, אומגעפער, די וויכטיקסטע פּונקטן אויף דעם אַלגעמיינעם און פערזענלעכן הינטערגרונט פון דיכטערס לעבן דורך די יאָרן.

האַלפערן, וואָס האָט פאַרמאָגט, ווי שוין פריער באַמערקט, אַ שאַרף אויג, אַ טיפן איינגעבוירענעם חוש פאַר די געזעלשאַפטלעכע כוחות, פאַר דער סאָציאַלער סטרוקטור און די אַרויסוואַקסנדיקע

שאַרפֿע קאָנפֿליקטן, האָט לויט די מאָגערע ידיעות וואָס מיר ווייסן וועגן זיין קינדהייט, נאָך יונגערהייט אַריינגעקוקט אין „סאָציאַליס־טישע ביכלעך״. אין ווין, עסטרייך, וואו ער האָט אַלס יונג ייִנגל זיך געלערנט ווערן אַ שילדן־מאָלער, האָט ער זיך באַקאַנט מיט דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפֿט. דערפֿון זיין קאָנען שוין אין די פֿריע יאָרן, אין איין פֿערז, „אין גאָלדענעם לאַנד״ איבערגעבן און פּאַראַ־פֿראַזירן קאַרל מאַרקסעס באַרימטע אויסטייטשונג וואָס עס באַ־שטימט דעם ווערט און פּרייז פֿון פּראָדוקטן. ס׳קאָן אויך מעגלעך זיין, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ צופֿאַל, אָבער אָן ענלעכקייט צו מאַרקסעס אַנאַליז איז דאָך פֿאַראַן אין די דאָזיקע שורות:

— אוי מאַמע, מיין מאַמע, צי פֿאַלט עס דיר איין,\
אז ברויט ביי אונדז וואַרפֿט מען אין וואַסער אריין\
דערפֿאַר — ווייל עס גיט אונדז אַזויפֿיל די ערד,\
אַז ס׳הייבט אָן פֿאַרלירן דעם גאָלדענעם ווערט ?

און פֿון דעם וואָס די מאַמע ענטפֿערט אים קלאָמערשט, דערוויסן מיר זיך (אומדירעקט) וועגן דעם דיכטערס וואוילשטאַנד:

מיין זון, פֿאַר אַ מאַמען באַהאַלט מען זיך נישט,\
מיר דאַכט זיך, אַז דו האָסט קיין ברויט צו דער זאַט,\
אויך דאָרט אין דעם גאָלדענעם לאַנד ניט געהאַט.

דער ציל און זין פֿון זיין שאַפֿן ווערט ביסלעכווייז אַ באַוואוסטזי־ניקער דראַנג כדי צו צעשטערן די זיסע באַקוועמלעכקייט פֿון די איבערגעפֿרעסענע און זאַטע. ער וויל מסתם שאָקירן און אויפֿטרייס־לען די זעלבסטצופֿרידנקייט פֿון די פֿיליסטער וואָס דרימלען פֿויל און געלאַסן אינמיטן פֿון זיין סדום. און אויך מסתם דערפֿאַר — ווייל דאָס איז געווען זיין איינציקע קאָמפּענסאַציע, זיין איינציק־פֿאַרבליבענער אינדיווידועל־ניהיליסטישער אופֿן פֿון פּראָטעסט; זיין קינסט־לעריש וואָפֿן — אָפּצורעכענען זיך מיט די, וואָס שלאָפֿן איינגעהילט אין וואַרעמער רואיקייט, אין זיסער רו, ווען ער איז היימלאָז און אויס־געשטעלט צום הפקר. און זעט ער זיך פֿרירן אויף די גאָטלאָזע שטאָ־טישע גאַסן, ווילט זיך אים דערפֿאַר (מיט נאָכמאַכן דעם קריי פֿון אַ האָן) אין מיטן נאַכט, כאַטש אויפֿוועקן די שטאָט פֿון שלאָף. ער דערמאָנט אונדז דאָ אָן גאָרקיס: „באָסיאַק״, וואָס בלאָנדזשעט איבער דער שטאָט:

אַ, גינגילי ! מיין בלוטיק האַרץ,\
ווער קאָרטשעט זיך אין דרייען איין

און האַפּקעט ביים לאַמטערנשיין ? —
דאָס איז דער תכשיט משה לייב,
וואָס שטעלט אין שניי זיך טאַנצן
כדי עס זאָלן אים די פּיס
ניט איינפרירן אינגאַנצן.
און ווייל אים דאַכט זיך אַז מען האָט
דעם לעצטן האָן דערוואָרגן,
צעקרייט ער זיך אַליין און זאָגט,
צו זיך אַליין — גוט מאָרגן !
קרייט דער תכשיט משה לייב,
זינגט דער וועכטער — טרי־לי־לי,
ענטפערט דער באָסיאַק האָפּטשי,
מאַכט דאָס הינטל האַוו־האַוו־האַוו !
מאַכט דאָס קעצל מיאַ־או !

עס איז כדאי דאָ צו ברענגען אַ פּאָר פּערזן פון יוסף באָוושאָווער, פּערזן — אויף אַן ענלעכן מאָטיוו, אַז מען זאָל באַלד דערזען וואָס פאַר אַ מהלך דאָס אידישע ליד אין אַמעריקע האָט דורכגעמאַכט אין אַזאַ פאַרהעלטנסמעסיק קורצער צייט :

הערט מיין שטימע, שטאָלצע הערשער,
וועלטן־רויבער, ליגן־שמידער,
און פאַרציטערט זאָלן ווערן
אייערע שמאַלץ־באַדעקטע גלידער.

און די גרויסע, רייכע צימערן,
אויף די ווייכע זיידענע קישן,
וואו איר ליגט איצט ויין־באַטרונקען
און געניסט דעם שלאָף דעם זיסן.

באָוושאָווערס פּראָטעסט איז רוי, פּרימיטיוו און האַלפּערנס איראָניע איז ביטער, זיין סאַטירע — שאַרף. אָט דאָס פּאַרל, איראָניע און סאַטירע, איז איצטער זיין כלי־זיין. ער איז, ווייזט אויס, אין פולן הסכם מיט זיין פאַרגייער מאָריס ראָזענפעלד, וואָס האָט שוין מיט יאָרן פריער דעפינירט :

עס קען אָפט די סאַטירע
מיט איר שטעכיקע געווער,
באַפרידיקן די וועלט פיל מער
ווי די געבענטשטע לירע.

(פאַרוואָס איך בין איך)

אָבער ווען עס ברעכט אויס די וועלט־מלחמה אין 1914 צע־טרייסלט זי דעם סאַמע יסוד פון דער וועלט. עס שטייען אָן יאָרן פון הונגער, נויט, מגפות, — און ווי אַלעמאָל ווען די רעאַקציע קריגט די אויבערהאַנט — ווערן די אַלע נגישות באַגלייט מיט אומגעהערטע מיטלאַלטערלעכע רדיפות און פּאָגראָמען אויף די יידן פון יענער זייט ים, און די קונסט פאַרלירט ווי אַ וואָרזאָגערין און פאָרזאָגערין — איר גלייכגעוויכט. עס פעלט כמעט אין גאַנצן דער גלויבן אין מענטשן, אין דער מעגלעכקייט פון אַ ליכטיקער וויזיע. די קינסטלער, ווי מיזאַנטראָפּן, צערטלען קראַנקהאַפטע זעאונגען און טוליען זיך ווי בלינדע צו דער אַרומיקער פינצטערניש, זיי ווערן ווי סאָוועס — פּראָפעטן פון אייביקער נאַכט.

אין די יאָרן רוקט זיך ה. לייוויק אַלץ ווייטער אוועק פון דער גרופּע „יונגע". אין גייסט פון יענע יאָרן שרייבט ער אָן זיינע אַפּאָ־קאַליפּטישע ווערק „דער וואָלף", „חלפים", „דער גולם", און אַנדערע לידער. לאָמיר שאַפירא גיט אונדז זיינע בעסטע קאָנדענסירטע און דינאַמיש־דראַמאַטישע פּאָגראָם־דערציילונגען, „ווייסע חלה", „די יידישע מלוכה". א. לעיעלעס — „די מעשה פון הונדערט", און פון די דעמלסטיקע יינגסטע זינגט יעקב גלאַטשטיין — שוין נאָך דער וועלט־מלחמה, אין 1919, אין אַ געמיט־צושטאַנד וואָס איז ווי אַ דירעקטער עכאָ־גרוס פון די קאָשמאַרישע מלחמה־יאָרן:

אומעטום פאַלן עקסטראַס פון אויבן,
און צעפלאַטשען מיין וואַסערדיקן קאָפּ.
און איינער מיט אַ לאַנגער צונג
האָט מיט אַ שטיק רויט מיינע ברילן אויף אייביק באַפלעקט
און רויט, רויט, רויט, רויט.

אויך האַלפּערן איז דורך די יאָרן באַהערשט פון דער הערשנ־דיקער שטימונג, ער שרייבט אָן זיין לאַנגע פּאָעמע „אַ נאַכט", וואָס ווערט פאַרעפנטלעכט אין 1916 אין זאַמלבוך „איסט־בראָדוויי", און וואָס איז די לענגסטע און לעצטע פּאָעמע אין זיין ערשטן בוך לידער. דער נאָמען „אַ נאַכט" איז נישט קיין צופעליקער; פינצטערניש, מרה־שחורה און האָפנונגסלאָזע רעזיגנאַציע באַהערשן דעמאָלט זיין געמיט־צושטאַנד. די „נאַכט" איז אַ פאַרלויפערין פון די שפּעטער־דיקע צעבראַסטעטע „קופּעס", „כאַליאַסטרעס" און „אַלבאַטראָסן", וואָס זיינען אויפגעקומען אין חרובן נאָך־מלחמה לעבן פון פוילן. פּרץ מאַרקישעס מאַניפעסט אין „אַלבאַטראָס", וואַרשע, 1922, איז אַ

דירעקטער המשך פון משה לייבס „אַ נאַכט”, געשריבן אין שטאַנד פון די מלחמה־יאָרן. ביי מאַרקישן איז דער מאַניפעסט נישט מער ווי אַ היסטערישער אויסגעשריי: „אָן די טויערן פון אונדזערע חרובע שטעט — קלאַפּן און באַראַבאַנעווען מיליאַנעדיקע טריט פון צע־בונטעוועטע טויטע דיוויזיאָנען, אויפגעשטאַנענע פון הונדערט מיליקע שלאַכט־בעטן מיט שוואַרצע קראָען אין די לײדיקע וויגעלעך פון טרערן און הייסן אונדז זינגען דאָס אויפשטאַנד־ליד. — זינגען מיר!

אונדזער מאָס איז ניט שיינקייט, נאָר — שוידערלעכקייט!”

און ביי האַלפּערנען איז דאָס קראַנקהאַפטע יידיש־געשיכטלעכע געוועב—מיט דעם צייט גייסט ווי אַ הינטערגרונט—ווידער אַמאָל אַ באַוויז פון זיינע גרויסע פּאָעטישע כוחות וואָס שלומערן אין אים. אַ פּאָעטיש־פּאָטעטישער דאָקומענט וואָס פאַרמאָגט אַלע געבורטס־סימנים פון יענע גרויליקע יאָרן:

קומען יידן נאָכאַנאַנד,
בלוטנדיק פון קאָפּ ביז האַנט.
קומען טאַנצנדיק אַרויס
לייט פון שול און לייט פון קלויז.
לויפן אָן די ווייבער אויך,
פליען פעדערן פון בויך,
קומט אַן אַלטער ייד וואָס ברענט,
מיט אַ תורה אין די הענט.
פלעכטן זיך אַריין אין טאַנץ,
יידן ניט דערקוילעט גאַנץ.

די פּאָעמע פאַרמאָגט דעם שוידער פון פאַנטאַסמאַגאָרישע האַלו־ציניאַציעס, זי איז געשריבן ווי אין אַ טראַנס, אָבער אויך דאָ גנבעט זיך אַריין דער פּראָפאַנירטער עלעמענט פון דער אויבנגעבראַכטער „אַנפאַן טעריבל” ריכטונג, וואָס באַמיט זיך צו שאָקירן אונטער אַלע אומשטענדן, און ווען נייטיק אפילו אויפן חשבון פון דער אייגענער אויסגעוויטאַקטער דיכטונג:

אַנגעוואוירן האָט דיין ברודער
נעבעך, ביידע הענט אין שלאַכט,
קען ער זיך שוין מער ניט קראַצן,
נעמט אים ניט קיין שלאָף ביינאַכט.

ווער וועט פאַר אים דאַווענען איצטער,
ווער וועט תפילין לייגן — ווער?
און מיט שיקסע־בריסט זיך שפּילן
קען ער דאָך שוין אויך ניט מער. — (אַ נאַכט).

אין 1918, ווען די יאָרנלאַנגע וועלט־מלחמה ענדיקט זיך, ווען עס רייסט אויף ווי אַ פלאַם די רוסישע רעוואָלוציע וואָס שטירצט דעם צאַריזם, אָטעמט אויך אָפּ די קונסט לייכטער. עס קלינגט ווידער מונטער די דערשטיקטע שטים פון מענטשלעכן געוויסן. איבער דער וועלט צעטראָגט זיך דער עטיש־הומאַנער רוף פון ראָמען ראָלאַנס „זשאַן קריסטאָף", עס הילכט אָפּ די רעבעלירנדיקע שטים פון באַר־ביסעס רעוואָלטירנדיקע סאָלדאַטן. אַלעקסאַנדער בלאָק שרייבט אָן זיין פּאָעמע „צוועלף". און משה לייבס לעצטע שורות פון דער פּאָעמע „אַ נאַכט" וואָס שליסט זיין ערשטן בוך לידער אין 1919, קלינ־גען פּראָפעטיש, — אָנזאָגנדיק דאָס וואָס רייפט אין אים:

ווען איך וועל טויט זיין, הייב מיך אויף
און בינד מיך אויף אַ פערד אַרויף,
פּאַרטיליק דעם לעצטן צייכן דאָ
פון דעם — וואָס איז שוין מער ניטאָ.

זאָל זיין אַז בלויז אַ טרוים פון שרעק
איז דאָ געווען און איז אַוועק,
מיך האָט דאָ קיינער ניט געזען,
איך בין דאָ קיינמאָל ניט געווען.

איצט: ביי דער גרענעץ, ביים שאַרפן בייט פון אַן עפּאָכע — האָט ער זיך צערעכנט, צעצאָלט, אונטערגעפירט אַ חשבון הנפש אויף אַ קורצער צייט מיט דעם משה לייבן פון הפּענונגסלאָזער רעזיגנאַציע. דעם "טרוים פון שרעק" האָט ער געלאָזט אָוועקרייטן אויפן אַלטן פּעגאַז. ער האָט זיך איצט אויסגעטרוימט אַ „גאָלדענע פּאַווע", ער האָט אָפּגעקערט זיין פּנים פון דער פינצטערניש ווי דער לעגענדאַ־רישער איקאַרוס — און מיט אַלע רמ"ח אברים געריסן זיך און גע־צויגן זיך צו דער זון!...

7. גענאַנג צו דער זון

באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה טראָגן זיך האָפענדיק איבער דער וועלט, פּרעזידענט ווילסאָנס צוזאָגנדיקע 14 פונקטן: זעלבסטבאַשטימונג פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, אַן אָנדייט אויף ארץ ישראל ווי אַ צוקונפטיקע יידישע היים, אַ פּראָיעקט פאַר „אַ פעלקער־ליגע", עפּעס וואָס דערמאָנט אָן דעם אַלטן חזיון פון אונדזערע נבי־אים: (והיה באחרית הימים). און די וועלט רייבט זיך די אויגן ווי נאָך אַ געפערלעכער און פאַרצויגענער קראַנקהייט.

די רוסישע רעוואָלוציע, פּונקט ווי פאַר איר די אַמעריקאַנער און פראַנצויזישע רעוואָלוציעס, טרייסלט אויף מיט אירע ווייט־גייענדיקע סאָציאַלע ענדערונגען דעם אַלטן פונדאַמענט פון אַ קראַנקער עקאָנאָמיק און קראַנקער ציוויליזאַציע. אירע אויפרופן און לאָזונגען ווערן פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. אין 1921 הייבט אָן אין ניו יאָרק צו דערשיינען די טעגלעכע קאָמוניסטישע צייטונג „די פרייהייט". די צייטונג גרופּירט באַלד אַרום זיך פאַרשיידענערליי אומצופרידענע עלעמענטן. אַ גרויסער טייל פון די אַנגעזעענסטע יידישער דיכטער און פּראָזאַאיקער שטייען צו צו דער צייטונג. און משה לייב איז איינער פון די ערשטע, אפשר טאָקע דער סאַמע ערשטער פון די אַנגעזעענסטע יידישע דיכטער — וואָס ווערט דאָרט אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער. ער דרוקט דאָרטן יעדע וואָך אַ ליד, אַמאָל צוויי. ער שרייבט רעצענזיעס, עסייען, פּראָוואָצירנדיקע אַרטיקלען. ער פאַרט אַרום איבערן לאַנד און האַלט לעקציעס. ער איז פּראָדוקטיוו; זיין ליד וואָס איז אַלעמאָל אין תוך געווען ברוטאַל און דינאַמיש, ווערט איצט נאָך ברוטאַלער, נאָך דינאַמישער, און אויך שפּילעוודיקער. זיין וואָרט דריקט איצט אויס די אַנגעזאַמלטע אומצופרידנקייט פון אַ סך מיליטאַנטישע לייענער און ער ווערט באַלד פּאָפּולער און באַליבט ביי זיי. ער קריגט דאָ דעם טיטל „בונטאַר" פון מ. אָלגינען און ווערט אַלעמאָל פּראָקלאַמירט אין דער קאָמוניסטישער פּרעסע אַלס „דער גרויסער פּראָלעטאַרישער דיכטער".

צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן קריגט ער אַ גרויסע אוידיענץ פאַר זיין ליד פון רעוואָלט—און אויך אַ געלעגנהייט צו שווימען אַ גרעסערן שטח קעגן שטראָם. זיין ליד וואָס האָט ביז איצט אויסגעדריקט זיך אין פּראָפּאַגאַציע, טרעט איצט אריין אין אַ פאַזע נישט נאָר פון שאַקירן צוליב שאָקירן—נאָר אויך, און הויפּטזאַכלעך—ווערט זיין ליד איצט געטריבן—פון דראַנג צו זוכן נייע ווערטן. ער איז געווען צו אומרואיק צו פאַרבלייבן לאַנג אויף איין אָרט. אָבער דאָס זוכן אַליין—איז אין דעם ספּעציפישן פאַל געווען אַ גרויסער דיכטערישער אויפטו. ער האָט נישט גענאָרפט מאַכן קיין קאָמפּראָמיסן מיט זיין געמיט. פאַרקערט, ער איז געווען פון די גאָר ווייניקע פּאָעטן—וואָס איז געווען צוגעגרייט —אינערלעך צוגעגרייט—אויפצונעמען דעם צעשויבערטן מיטאָס פון דער צייט. מיט דעם גאַנצן אימפּעט און ברען, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך האָט ער איצט אויסגעלאָדן זיין אַנגעזאַמלטע אומצופרידנקייט. ער האָט געריסן זיך צו ווייטע אויסגעבענקטע ווערטן. ער פאַרוואַרפט

די קלאַסישע פאָרם אין וועלכע ער האָט מערסטנס געשאַפן ביז איצט און וואָס האָט אָפּטמאָל געפּענטעט זיין צעברויזט געמיט. זיין שורה ווערט עלאַסטישער, ער פּאָרט (נאָך איצט מער ווי פריער) אַקטועלקייט מיט פאַנטאַסטיק, פּובליציסטיק מיט ליריזם, גוטמוטיקייט מיט פּאָלע־מיק, ווי זיין רבי הײנריך הײנע.

אין 1923 איז משה לייב געוואָרן אַ טאַטע. עס איז אים געבוירן געוואָרן זיין בן יחיד, וועמען ער האָט אַ נאָמען געגעבן נאָך זיין טאַטן, וואָס האָט געהייסן אייזיק.

אין 1924 איז דערשינען זיין צווייטער בוך לידער „די גאָלדענע פּאַווע", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין קליוולאַנד, אָהייאָ, פון אַ גרופּע יידישע קולטור־טוער און פאַרערער פון משה לייבס דיכטונג. אין דער אַקציע זיינען באַזונדערס אַקטיוו געווען די אַרטיקע פאַמיליע דראַסט, לעבנסלאַנגע פריינט און פאַרערער פון דיכטער.

די מערסטע לידער אין בוך „די גאָלדענע פּאַווע" און אַ סך פון די לידער אין ערשטן באַנד פון די דערשינענע 2 בענד אין 1934, נאָכן דיכטערס טויט, ווערן געשאַפן אין משך פון די יאָרן. ער זוכט אַ נייע פאָרם, ער עקספּערימענטירט מיט אַ נייער ריטמיק פאַר זיין נייעם אידייאישן באַנעם. מיטן קוואַל פון טרויער וואָס איז אַזוי אייגנטלעך פאַר אים, שיידט ער זיך טאַקע נישט — דער טרויער ווערט אָבער ביי אים דורכזיכטיקער, געלייטערטער. עס ווייעט פון אים איצט מיט רייפער ווייזהייט פון פיינלעכער דערפאַרונג וואָס קומט דורך אַ האַלב־פאַרקרימטן און פאַרטרויענדיקן שמייכל. אינמיטן פון ליכטיקע וואונטשן און האָפענונגען, באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט ער כמעט פּראָפעטיש אָפּגעלאָכט פון אַלע פאַרשריבענע באַבסקע רפואות פאַר דער קראַנקער וועלט. נאָך דעמאָלט פרעגט ער מיט אויסערגעוויינלעכער ווייטזעעוודיקייט ביי די הויפּלייט, וואָס האָבן אויפן באַפעל פון זייער קיניג שוין איינגענומען די מדינה און יענע מדינה:

איצט האָט מען שוין איינגענומען די וועלט,
וואָס זאָל מען טאָן מיט איר?
די קען נישט אַריין אין דעם קעניגס שלאָס,
מען האָט פאַרגעסן צו נעמען אַ מאָס
פון דער וועלט — ווען מען האָט געמאַכט די טיר.
און די וועלט שטייט נאָך אַלץ אין דרויסן . . .

יאָ, אפילו אין יענע יאָרן ווייסט ער, אַז „די וועלט שטייט נאָך אַלץ אין דרויסן"! און אַז „אויף די חורבות פון דער וועלט, זיצט אַן אַלטע ראָב און שעלט". מ'קאָן זען פון זיין ליד „פרילינג ניינצן־צוויי־

און־צוואנציק״, נאך דער פרידנס־קאנפערענץ אין גענוא, אז ער האט ניט קיין אילוזיעס וועגן דער איביק־פארשאלטענער וועלט:

א קראנקער וואס שמייכלט אויפן טויטן־בעט,
א מענטש וואס גייט ארום מיט די הענט אין ביידע ארבל און שוויגט:
אן אלטער וואס קוקט — אויף זיין דערהרגעטן זון
מיט א ליולקע אין מויל.
ביים ברעג פון גרויסן ים זיץ איך,
און מיינע אויגן ביי מיר זעען אויס
ווי צוויי גרויסע געשווירן
אנטקעגן דער זון, וואס גייט אויף.
איך זוך רייד און איך געפין
בלינד פון שרעק אין מיר וויטאקן,
און ווערים וואס קריכן ארום
ווי אויף א טויטן.
— — — — — — — — — — — —
גענוא.

און ווי פארט זיך אזא געמיט מיט א „פראלעטארישער אנשויאונג פון קונסט״ וואס מ׳האט אין יענע יארן אין דער קאמוניסטישער פרעסע פרובירט צוקלעפן צו משה לייבן? די פראלעטארישע אנ־שויאונג — אויף וויפל זי איז טעארעטיש באגרינדעט געווארן, און אויף וויפיל מיר געפינען זי אין דער קונסט — איז דאך אין אירע הויפט־עיקרים: תמיד און אומעטום האפערדיק־אפטימיסטיש, דורכגע־נומען מיט א גלויבן אין א פראגרעסיוו־פאזיטיווער עוואלוציע. אמת, ביי האלפערנען האבן זיך אין יענע יארן דורכגעריסן אמאל ליכטיקע טענער, א שטיפערישקייט, ווי מיר טרעפן אין זיינע לידער צו זיין זונעלע:

איך האב מיר א זונעלע א שיינעם,
שפילן מיר זיך ביידע אינאיינעם,
ווי א קליינטשינקער ברודער מיט א גרויסן
דערווייל אויפן בערגעלע זאמד אין דרויסן,
אבער ווען ער וועט זיין דער מלך
אהא — וועט דאס דעמאלט ווערן פריילעך!

עס כאפט זיך אמאל ביי אים ארויס אויפן גאנצן קול א האפערדי־קער טאן. אבער דער האפערדיקער טאן איז זעלטן כאראקטעריסטיש פאר האלפערנס שאפן. סקעפּטיציזם און איראניע, וואס זיינען געווען די הויפט־קוואלן פון זיין דיכטונג, פארלאזן אים קיינמאל ניט. א חוץ דעם וואס דער „כי טוב״ אפטימיזם איז פשוט ניט געווען אין זיין

בלוט, איז ער געווען צופיל קינסטלער — ער זאָל אָננעמען דעם קאָלעקטיוון „מיר" דעם סימן פון פּראָלעטאַרישקייט אין יענע יאָרן:
„מיר קומען, מיר שטורעמען, מיר זיגן!"

משה כץ קאָן זיך זיין גערעכט אין זיין אָפּשאַצונג אין דער „פרייהייט", אויגוסט 30, 1936, וואו ער שרייבט: „אין דער צייט ווען די יידישע פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור איז נאָך געווען אין די וויקעלעך אפילו אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און האָט געמאַכט אירע ערשטע און ניט־זיכערע טריט אין אַמעריקע, איז מ. ל. האַלפּערן באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ גרויסער פּראָלעטאַרישער דיכטער, און ער האָט באַדייטנדיק באַווירקט די ערשטע פּראָלעטאַרישע שרייבער אונדזערע". ער גיט אָבער באַלד צו דעם צו: „אין דער אמתן איז ער קיין פּראָלע־טאַרישער דיכטער ניט געווען און איך צווייפל צי ער אַליין האָט זיך ביים לעבן ווען עס איז געוואָלט באַטראַכטן פאַר אַזאַ." אָבער גייט עס דען אין דעם צי איינער באַטראַכט זיך יאָ צי ניט פאַר אַ פּראָלע־טאַרישן דיכטער, צי אין דעם, אין וויפיל איינער האָט דעם אמתן פּאָעטישן כוח „צו באַווירקן באַדייטנדיק די פּראָלעטאַרישע ליטעראַ־טור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ווי אויך די היגע ערשטע פּראָלעטאַרישע דיכטער?" מען קאָן ציען די ליניע ווייטער, און אויפווייזן ווי האַלפּערן האָט געווירקט און באַווירקט די היגע, די פּוילישע, די רומענישע און אַנדערע דיכטער וואָס וואָלטן לויט כצן קלאַסיפיצירט געוואָרן אַלס „קאָנסערוואַטיוו" אָדער אפילו אַלס „רעאַקציאָנער". ווייל וואָס גרעסער דער טאַלאַנט אַלץ מער אַרומרנעמענדיק, אַלץ מערער אַלמענטשלעך איז ער. און אָט־דאָס באַדאַרף זיין, אין לעצטן אַנאַליז, דער קריטעריום מיט וואָס צו קריטיקירן און משפּטן קונסט־ווערק און קינסטלערישע פאַרדינסטן.

האַלפּערנס דיכטערישער אויפטו פון יענער צייט באַשטייט אויך אין דעם, וואָס אין די יאָרן דערפילט ער זיך נאָך מערער סאָלידאַריש מיט דעם באַליידיקטן, מיט דעם אָפּגעגאַרטן, מיט דעם שווער־פאַרהאָרעוועטן און פשוטן פאָלקסמענטש. סימנים פאַר דעם זיינען שוין געווען קלאָר און קאָנטיק אפילו אין זיינע סאַמע ערשטע לידער. זיין ליבשאַפט צום „דערשלאָגענעם קוימענקערער" צום „היימלאָזן גאַסנפּויקער", צום „יתומל", צום שוסטעריונג", צום טראַגישן גאַסנמיידל", צום „מע־לאַנכאָלישן אַרלעקין", צו דעם געשיר־וואַשער, „פאַן יאַבלאָנסקי".
מער נישט, ער האָט שפּעטער דעם טיפּאַזש פאַרטיפט, ווייל ער אַליין איז עלטער, רייפער געוואָרן. זייער לעבן, אַרויסגעזען פון א

קאָמפּליצירטן פּלאָנטער אין אַ געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור, האָט במילא גורם געווען אַ קאָמפּליצירטערע פאָרם פון קינסטלערישן אויס־דרוק. באַמערקט טאַקע ש. ניגער אין „טאָג" וועגן זיין נייעם בוך לידער „די גאָלדענע פּאַווע": „עס איז גוט וואָס מ. ל. האַלפּערן איז ניט געבליבן שטיין אויף איין אָרט. זאָגן שטאַמלענדיק עפּעס נייעס איז בעסער ווי איבערחזרן, וואָס עס איז שוין געזאָגט געוואָרן" . . . און ניגער ענדיקט: „ווער ווייסט, אפשר איז דאָס קלאָונישע קוליקען זיך און קונצנמאַכעריי פון מ. ל. האַלפּערן אַן אָנהייב פון דער גרויסער און אמתער קאָמעדיע, פון דעם גרויסן און אמתן געלעכטער וואָס דאַרף קומען און אויפטרייסלען און אָפּפרישן אונדז". אַזוי האָט ניגער פאַר־שטאַנען: די נייע פּאָזע אין האַלפּערנס שאַפן, (הויפטזאַכלעך) דורך די יאָרן ווען האַלפּערן האָט געלעבט!...

די אידייאישע גרונט־עלעמענטן אין זיין דיכטונג זיינען די זעלבע וואָס אַמאָל, ער איז בלויז קינסטלעריש רייפער און אָנגעלאָדע־נער געוואָרן. ווייל אויב זיין לעסטעריי האָט אַמאָל געקלונגען וואויל־יונגעריש און סוביעקטיוו, ווייל ער האָט זיך אָפּטמאָל געקריגט בלויז אין נאָמען פון „משה לייב דעם פּאָעט" — האָט ער איצטער דער־גרייכט אַ קאַרדינאַלן אָביעקטיוויזם, וואָס דער באַרימטער דיכטער און קריטיקער ט. ס. עליאָט דעפינירט אַלס אַ העכערע פאָרם פון אויס־דרוק, ווען דער קינסטלער אָביעקטיוויזירט זיך; ד"ה, ער פורעמט אויס אַן אימאַגינערע דריטע פּערזאָן וואָס רעדט און גיט איבער דעם קינסטלערס דערפאַרונג.

רעדט טאַקע איצט משה לייב דורך אַ דריטער פּערזאָן. ער רעדט איצטער דורך דעם מויל פון „זרחין", דורך „חנה מירלען", דורך דעם „באַד־גוי" דורך זיין „ברודער שמואל", דורך דעם „קוילן־טרע־גער הארש בער", דורך דעם לעמבערגער דייטש, דורך דעם קצב, דורך „דזשים וואַלדאַר" און אַנדערע אויסגעפורעמטע געשטאַלטן זיינע. ער האָט נאָך אַלץ דעם זעלבן קוק ווי זיין פאַרגייער מאָריס ראָזענפעלד, וואָס האָט נאָך מיט יאָרן פריער געזונגען:

דאָס צוקער־קראַנקע דיכטן!
דער קראַנקער צוקער — ליטעראַט!
ביי אים איז אַלץ זיס און גלאַט,
האָט גאָרנישט צו פאַרניכטן,
אַ, פאַלשער נביא, זיסער סם!
אויף אַלץ און אַלע זאָגט ער „באָם"!

אמת, האַלפּערן ווייסט מסתם ניט פון עליאָטן, ער דערשלאָגט זיך אָבער אינטואיטיוו צו דעם קריטיש־קינסטלערישן אמת. זיין פּיינט־שאָפּט צו דער „שטאָט" — וואָס איז פאַר אים א קוואַל פון וואַנזין" — איז אַ פּיינטשאָפּט צו דער גאַנצער אינדוסטריעלער ציוויליזאַציע און צו דער רשעות וואָס באַגלייט זי אומעטום.

ער האָט איצט געזען נאָך קלאָרער ווי אַמאָל, אַז „די געלט־בייטש פון איבער און אונטער דער ערד — שניידט לייבער אַזוי ווי מיט אַ שווערד" און אַז „דאָס וויסטע מיליאָנען האַרץ, די נויט, שרייט ווי אַ מכה אונטער דער הויט". און אויך זיין שנאה צום „מוסר־זאָגער און פאַלשן פּאָעט" איז ניט וויניקער ווי ראָזענפעלדס, זי איז אָבער מער אַרטיקולירט, און אין פּרט פון קינסטלערישן אויסדרוק שטייגט ער איצט פיל אַריבער ראָזענפעלדס פּרימיטיוויזם:

. . . אַן אייביק ליכט, ווי אין הימל די זון
וואָס וועקט אונדז אויף מיט איר מאָרגנשיין.
און דער פויגל ווייסט דאָך אפילו נישט
אַז ער זינגט פאַר אונדז — געבענטשט זאָל ער זיין —
אויפן בוים ביים פענצטער אין מאָרגנשיין,
נאָר דער מוסר־זאָגער און פאַלשער פּאָעט, —
זייער געוויין איז אונדז אייביק פרעמד,
אפילו אין נאַכט אַזיל דער באָסיאַק,
וואָס טרייסלט אויס אויף אונדז דאָס העמד,
איז אונדז קיינמאָל נישט ווי זיי אַזוי פרעמד.

(דער מוסר־זאָגער און פאַלשער פּאָעט)

און ווי אַלעמאָל שאָנעוועט ער ניט זיך אַליין:

איך האָב שוין געזען דעם פּלאַקאַט אויף דער וואַנט —
איך שטיי דאָרט און האַלט אַ בוך אין האַנט,
אוי, ווי איז מיר!

ער פאַרמאַסקירט זיך אָפטמאָל, און רעדט דורך דעם מויל פון אַנדערע פּערסאָנאַזשן פון, און וועגן זיך אַליין. אָבער דער געניטער לייענער דערקאָנט סיי־ווי־סיי אין זיי דעם פאַרשטעלטן דיכטער. דאָס געניטע אויג און דאָס געניטע אויער כאַפּן באַלד אַז אונטער דער מאַסקע פון די ניי־נאָמענדיקע געשטאַלטן באַהאַלט זיך נישט קיין אַנדערער — ווי דער אייביק־אומרואיקער משה לייב אַליין. אינ־טואיטיוו, נישט וויסנדיק פון קיין טעאָריעס, עפּעס וואָס בלויז גרויס טאַלאַנט באַזיצט, פּרובירט ער אין זיך גובר זיין דעם נאַקעטן סוב־

יעקטיוויזם. און בייזערט ער זיך און טאַדלט, און מוסרט אַ פּיקטיווע פּערזאָן אין אַ ליד, פאַרגעסט ער אָבער אַפּטמאָל, און איז באַלד זיך מודה, אַז דאָס האָט ער נישט געמיינט קיין אַנדערן — חוץ זיך אַליין. ער איז אַליין געווען די פּיל, דער ציל און דאָס ציל־ברעט. און דער רעזולטאַט איז, ווי דער אירלענדישער פּאָעט וויליאַם באַטלער יעיטס וויל האָבן: „אַז פון קריגן זיך מיט יענעם שאַפט מען רעטאָריק, פון פירן קריג מיט זיך אַליין — שאַפט מען דיכטונג".

דער גאָט־פאַרשאָלטענער אינטעליגענט,
ער האָט צוויי פּאַסקודנע ווייסע הענט,
וואָס הילן ניט אַרבעטן, דרייט ער מיט זיי
דאָס אייביקע, גראָבע פינגער־געדריי!

און טאַקע אין דעם זעלבן בוך לידער „די גאָלדענע פּאַווע", לאָזט ער אַרויס די קאַץ פון זאַק, אַז דאָס האָט ער גאָר געמיינט זיך אַליין:

אַ, זון, פאַרגיב מיר פאַר מיינע הענט,
פאַרגיב מיר פאַר מיינע ווייסע הענט,
אין זיי דיין גאָלדן בלוט וואָס ברענט.

(זונאויפגאַנג)

און נאָכדעם דער פיינפולער פינאַל פון ליד:

און מיר טוט דערביי אַזוי מאָדנע באַנק,
און מיין לעבן איז צום שטאַרבן קראַנק,
און איך ווייס ניט וואָס צו טאָן מיט זיך,
און איך ווייס ניט וואָס צו טאָן מיט זיך.

אויך אין פיל אַנדערע לידער ווערט אַקצענטירט דער זעלבער באַגלייט־מאָטיוו פון דעם זעלבן טרויער:

ווער דאַרף איך זאָל ניט אויפהערן מיין רו צו מאָנען
ביי אָט־די הענט מיינע — געליימטע מיינע, שונאים מיינע!

די שולד, וואָס דער דיכטער וואַרפט אַלעמאָל אַרויף אויף זיינע הענט איז לייכט צו פאַרשטיין, כאָטש זי נעמט זיך שוין גאַרנישט דער־פון וואָס משה לייב געהאַט אַ פּאָר „געליימטע הענט". פאַר־קערט, ער האָט פאַרמאָגט צוויי גאָלדענע הענט. זיי האָבן צו אַלץ זיך אויסגעטויגט. זיי האָבן געקאָנט מאָלן, נייען, צושניידן, פּרעסן, וואַשן, שניצן, און ער האָט דאָס גוט געוואוסט. און לויט זיין פּריי־מיטיוור־אַרטיזאַנישן קוק אויף הענט ווי אויף שפּייזער און דערנע־

רער, — וואָלטן זיי דאָך באַדאַרפט זיין אַ ברכה פון גאָט, זיינען זיי אָבער אין דער הייַנטיקער מעכאַניש־טעכנישער אַנטוויקלונג גאָר באַטראַכט געוואָרן פון דעם דיכטער ווי אַ קללה פון גאָט, ווי שונאים: „הענט מיינע, געליימטע מיינע, שונאים מיינע!" די הענט ווערן פאַר אים אַ סימבאָל פון אַ פאַרשאָלטענער ערא.

מאַני לייב וואָס איז אַמאָל געווען אַן אויסגעצייכנטער שוסטער־געזעל, האָט אויך אַמאָל געשילדערט אין אַ ליד דעם צער פון מייסטע־רישע הענט, וואָס ער פירט אומזיסט אַרויס אויפן יאַריד צום פאַר־קויפן, — און קיינער באַדאַרף זיי נישט. דער מאָטיוו פון פאַסיווער און תכליתלאָזער איזאָלאַציע פון קינסטלער קומט איינצייטיק צום פּיינ־פולן אויסדרוק אין אַ סך וויכטיקע ווערק. ט. ס. עליאָט רופט אָן זיין אַמביציעזע פּאָעמע: „וויסט־לאַנד", און וועגן זיין דור זאָגט ער: „מיר זיינען די אויסגעהוילטע מענטשן". משה קולבאַק, איינער פון אונדזערע וויכטיקסטע נאָך־מלחמה־דיכטער — פון יענער זייט ים — פאַרענדיקט זיין ליד „די תפילה" מיט דעם זעלבן געפיל פון טרויער און איבעריקייט:

און וואו איך גיי, טראָג איך מיט דעם ריח פון פינצטערניש.
בין איך מקנא דעם פויגל, וואָס איז בעסער פאַר אונדז,
און דעם ליים, וואָס איז בעסער פאַר אַלעמען.
וואָס זאָל איך טאָן מיט מיין האַנט, וואָס איז מיר איבעריק.
און מיט מיין האַרץ וואָס איז מיר איבעריק?

און משה לייב ווערט נישט מיד צו וואַריאירן:

אַ ווייַנט נישט, מיינע פאַרשעמטע הענט,
איך וועל גיין מיטן קאָפּ צו דער ערד און אייך טרייסטן
ווען איך וועל אַ קוסט מיט רויזן פאַרבייגיין.

משה לייב שעפּט מיט ברען זיין טיפּאַזש פון קעניגלעכן הויף פונקט ווי פון קוילנגרוב, פון דער קצב־און־שוסטער־גאַס פונקט ווי פון אַללאַס האַרעם. ער זיפּצט מיט אַרלעקינען און טרוימט מיט קאָלומבינען; ער ניצעוועט איבער דעם גאַנצן באַלאַדע־גאַרדעראָב: ער גיט זיי פּאַפּירענע קרוינען, פּאַפּירענע שווערדלעך און לייגט זיי אַריין אין מויל נייע, גליענדיקע ווערטער. ער דערהייבט די האַרש־בערס, די שוסטער־יונגען, די קעסל־הייצער, די הכנעהדיקע ד יפּ־דינער, און מאַכט זיי צום לויכטן אין זייער ערלעכן טראַגיזם. ער צירט זיי אויס אין דעם חן פון אַלטן יידישן פּורים־שפּיל:

דער קעניג אַליין אין גאַנצער פּראַכט
האָט די שיך צו פּאַרריכטן געבראַכט,
איז אָבער אַ יתום געקומען פריער,
לאָזט מען דעם קעניג שטיין ביים טיר.

און אַז דער קעניג לאָדט איין האַרש־בערן, דעם קוילן־טרעגער צו זיך, פּאַסירט אַט־וואָס:

און איידער ער פּאַספּייעט נאָך אַראָפּצושלעפּן
פון זיך דעם צווייטן שטיוול,
ליגט ער שוין מיט זיינעביידע שוואַרצע
שווערע הענט אונטערן קאָפּ,
און מיט דער באָרד אַרויפצוצו און שלאָפט
מיט אַזאַ געשמאַק און אויף אַזאַ הויך קול,
אַזוי ווי ער וואָלט דעם קעניג קיינמאָל אין זיין לעבן
גאָרנישט ניט צוגעזאָגט.

ב. ריווקין האָט אין זיין שטודיע וועגן משה לייבן, געדרוקט אין די „בריקן", שיקאַגאָ, ריכטיק אונטערגעשטראָכן דעם יידישן עלעמענט ביי האַלפּערנען. אין דעם קאַפּיטל „די הויפּט־קוואַל פון געשטאַלטיקייט ביי מ. ל. האַלפּערן", שרייבט ער, — „האָט אַ שטאַרקן בלוט־סימן פון יידישקייט, און אויף דעם סימן אַליין לאָזט זיך אויפבויען אַ טורעם. און דעם יידישן סימן זע איך ניט אַזוי אין דעם אינהאַלט פון זיין פּאָעזיע, ווי אין דער פאָרם, כאָטש אַ העלפט פון משה לייבס דיכטונג איז אויך געווען יידיש; ער האָט געזונגען אַזעלכע צער־און־צאָרן־לידער, ווי ער וואָלט געווען ירמיהוס אַן אייניקל".

ס'איז זייער וויכטיק אין דעם פאַל אינזינען צו האָבן דעם אונטערשייד צווישן נאַציאָנאַל און יידיש, אָדער פאָלקיש, ווייל כאָטש משה לייב שלאָגט אָפטמאָל אָן אַ נאַציאָנאַלן טאָן, איז אָבער דער יידישער קוואַל גורם די פאָרם אין געשטאַלטיקן זיין טיפּאַזש און נישט דער רעטאָריש־נאַציאָנאַלער טאָן. אויך איז דאָ וויכטיק ווי אַזוי און מיט וועמען ער אידענטיפיצירט זיך, ווי אַזוי און צו וועמען ער דריקט אויס אויף אַ גרויסן, קינסטלערישן אופן זיינע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס. דאָס איז פיל וויכטיקער ווי פיל ליבעס־דערקלערונגען און דעקלאַראַציעס וואָס קינסטלער האָבן געמאַכט אַזוי אָפט אין די לעצטע יאָרן — צו די אונטערדריקטע און ליידנדיקע מאַסן.

אין יעדן באַליידיקטן, אין יעדן איינעם „מיטן קאָפּ אַרונטער", מיט פינצטערניש אין זיך, האָט דער דיכטער דערקאָנט זיין „אָרעמען

ברודער דאָן קיכאָט׳׳ ווי ער דריקט זיך אויס אין אַ ליד: ער האָט אין זייער אָנגעזיכט ווי אין אַ שפּיגל תּמיד דערזען די אייגענע פאַר־לוירנקייט. דאָס ערשטע ליד אין זיין צווייטן בוך ,,די גאָלדענע פּאַווע׳׳ געדרוקט פאַר זיך אַליין — ווי אַן אַריינפיר צום גאַנצן בוך, הייבט זיך אָן אַזוי:

און דאָ איז דאָס ליד פון אַלע לידער.
אין אָנהייב זענען געווען דריי ברידער:
איינער מיט פאַרחלומטע אויגן,
איינער ווי אַ דעמבענער בוים אַ געזונטער,
און איינער וואָס איז אַרומגעגאַנגען מיטן קאָפּ אַרונטער.
האָט דער מיט די פאַרחלומטע אויגן
גענומען פאַר זיך די לבנה;
האָט פאַרנומען די זון דער געזונטער;
איז געבליבן פאַר דעם מיטן קאָפּ אַרונטער — די פינצטערניש.
האָט ער זיך צעוויינט מיט אַ גרויס געוויין.
— — — — — — — — — — — — — —
און זינט דעמאָלט — ווי מען קען ניט ציילן אויפן קאָפּ די האָר,
קען מען נישט ציילן די יאָר,
און דער מיטן קאָפּ אַרונטער
בלאָנדזשעט אַרום אין דער פינצטערניש
אַזוי ווי אַלעמאָל מיט זיין געוויין.
און מיר, די חכמים פון דער וועלט, וואָס הערן אים וויינען,
דרייען די לאָמטערנס אַרום דעם חכמה־שטיין
און מיר לערנען זיך ביז אין טויט אַריין איבערלייענען,
אַז ערגעץ דאָ — דאָרט — נישט ווייט פון אומעטום —
אויף דעם וועג וואָס איז נישט גלייך און נישט קרום —
זיצט עמעץ וואָס מיט אים איז עפּעס נישט דאָס —
און ער וויינט, ווייל יאָר ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס . . .

(שיר השירים)

די ירושה־לאַסט פון דריטן ברודער (וואָס האַלפּערן אַליין האָט אין זיך געטראָגן) האָט אים אַ לעבנלאַנג ווי געטאָן און באַאומרואיקט. ער האָט דאָס קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרגעסן. צו דער אויסגע־נאַריטער אָדער אָוועקגערויבטער בכורה — צו דער זון — האָט ער זיך אַ לעבנלאַנג געריסן פון די געדיכטע פינצטערנישן וואָס האָבן אים אַ לעבנלאַנג פאַרהילט און געהאַלטן ווי אין געפאַנגענשאַפט:

ס׳איז פינצטער מיר אַזוי נאָך קיינמאָל ניט געווען,
דאָס איז דער סוף וואָס קומט: איך וואַרט עס זאָל געשען.
ווי פינצטער איז יענעם וואָס טרינקט זיך אין ים,

און זעט ניט פון ווייטן קיין שיף
— — — — — — — — — — — —
ווי פינצטער איז מיר וואָס איך זע דאָס און טראַכט —
אין מיטן דער שטאָט און אין מיטן דער נאַכט.
ווי פינצטער איז מיר, אָ, ווי פינצטער איז מיר!

אמת, דאָס זיינען שורות פון זיינע ערשטע לידער, אָבער אויך אין די שפּעטערע יאָרן באַגלייטן אים איביק אומעט און פינצטערניש.

אין אַן ענטפער צו אַ פריינט, וועלכער פרעגט אַן ביי אים דעם זין פון זיין פּאָעמע „אַרלעקין" (דער בריוו איז אָפּגעדרוקט אין „העפטן", דעטראָיט, 1936), ברענגט דער דיכטער אַרויס פּאָלגנדיקן אינטערעסאַנטן פאַקט, וואָס באַלויכט נישט בלויז די פּאָעמע „אַרלעקין", נאָר דעם דיכטערס אַלגעמיינעם צוגאַנג און בליק אויף קונסט און קונסט־פּראָבלעמען:

„— מיר וואונדערט באמת, וואָס איר גלייבט, אַז איר פאַרשטייט ניט דאָס ליד „אַרלעקין". עס קאָן זיין אַז איר ווילט אין אַלץ אַריינטייטשן מער ווי מען דאַרף, אָדער איר לייענט נישט גענוג אויפמערקזאַם. דווקא פאַר דעם ליד האָב איך געהאַט אַ סך לויבגעזאַנג — און לאָמיר אייך זאָגן — עס געפעלט מיר אַליין אויך. — און זייער זעלטן, אַז מיר געפעלט מיינס אַן אייגן ליד. איך באַווייז דאָרט פשוט דעם דערהויבענעם מענטשן, (דאָס הייסט — דעם מענטשן וואָס פאַרן אויג קאָן זיך דאַכטן, אַז אים איז זייער גוט, ווייל ער איז דערהויכט איבער אַלעמען — אַ גרויסער דיכטער, לאָמיר זאָגן, אַ גרויסער שוישפּילער, אַ גרויסער מאַלער און אַזוי ווייטער) אונטערן פאַרהאַנג. דאָס הייסט, איך לאָז אַ קוק טאָן אין זיין נשמה ווען ער איז אַליין מיט זיך — איידער ער גייט אַרויס פאַר דעם פובליקום וואָס וואַרט אויף אים מיט אומגעדולד אים אָפּצוגעבן גרויס כבוד צו זיינעם אַ יום־טוב, לאָמיר זאָגן, אַ יובילייַ, אָדער עפּעס אַן ענלעכן יום־טוב. איך וויל לאָזן זען ווי עלנט ער איז און ווי אומעטיק ער איז און ווי ביטער עס איז אים מיט זיין גאַנצער גרויסקייט.

איצט, אַז איר האָט די פּאָעמע, לייענט זי נאָכאַמאָל און הערט זיך גוט איין צו אַלץ וואָס אַרלעקין טראַכט —וועט אייך ווערן זייער וואויל אויפן האַרצן וואָס איר האָט אַ געבענטשטע האַנטווערק און וואָס איר דאַרפט ניט זיין קיין געניע!"

שפּעטער גיט זיך משה לייב ניט אונטער אַזוי לייכט דער פינצטערניש, ער וואַרט ניט „עס זאָל געשען", און אָט דער קאַמף איז אונדז ביז גאָר וויכטיק. — לויט אַ פראַגע וואָס ער שטעלט שפּעטער זיך אַליין: „פון וואַנען ווייסט מיין בלוט דערפון אַז בלאַנד איז ליכטיק ווי די זון „און לויט דעם ענטפער וואָס ער גיט זיך אליין — ערשט שפּעטער מיט יאָרן — איז קאָנטיק זיין רייסן זיך צו ליכטיקייט, צו דער זון:

אַ מענטש זאָל ליב האָבן די זון
באַדאַרף ער זען אַז ס'איז דאָ אַ נאַכט!
און אַ טויטן באַוויינט מען צוליב דעם,
מען זאָל זיך פרייען מיט אַ קינד וואָס לאַכט,
ווי מיט דער זון וואָס פאַרטרייבט די נאַכט.

און:

ווער בין איך? ווער בין איך? ווער וואָלט זיך געריכט?
אַז אַלץ וואָס איך טראַכט זאָל ווערן ליכט?

אין דער בעסטער און אויסשעפּלעכסטער קריטישער שטודיע וועגן דעם רעטעניש אין דער פראַנצויזישער דיכטונג: אַרטור רעמבאָ, באַהאַנדלט עניד סטאַרקי די זון ווי אַן עלעמענט אין רעמבאָס דיכטונג.

רעמבאָ, וועלכער האָט צו צוואַנציק יאָר פאַרברענט זיינע מאַנוסקריפּטן און איז געוואָרן אַ סוחר און געווער־שמוגלער אין אַפריקע, און קיינמאָל מער נישט געוואָלט זיך צוריקקערן צו דיכטונג, איז היינט צו טאָג דאָס לעצטע וואָרט אין דער געשיכטע פון דער מאָדערנער וועלט־פּאָעזיע. און סטאַרקי שטעלט זיך אָפּ אין איר קאַפּיטל „די קבלה", וואָס פאַר אַ ווירקונג די קבלה האָט געהאַט אויפן גאַנג פון רעמבאָס לידער, און באַמערקט דאָרט: „אָקולטיסטן פון אַלע צייטן האָבן געזען אין דער זון דעם סימבאָל פון אוניווערסאַלער ענערגיע אין אונדזער סיסטעם. סווידענבאָרג האָלט, אַז גאָט באַווייזט זיך אין די הימלען ווי די זון, ווייל ער איז די געטלעכע ליבע א דאַנק וועלכער דער גייסט עקזיסטירט, פּונקט ווי אַ דאַנק דער זון לעבן אַלע נאַטור־באַשעפענישן. געטלעכע ליבע שיינט אַראָפּ אויף אונדז ווי די וואַרעמקייט און דאָס ליכט פון דער זון". רעמבאָ, שרייבט זי ווייטער, „ווייזט אַרויס אין זיין שאַפן באַזונדערע ליבשאַפט פאַר אימאַזשן פון דער זון. אין זיין פּאָעמע „וואַגאַבונדן", וואו ער דערציילט וועגן דער ראָל וואָס ער האָט געהאָפט צו שפּילן אין ווערלענס לעבן, דריקט ער זיך אויס: „איך האָב אין טיפן ערנסט געהאָפט צו פאַרוואַנדלען דעם פּרימיטיוון שטאַנד אין אַ זו(ה)ן פון דער זון!" אין די פאַרצווייפלסטע מינוטן ווען האָלפערן איז דערשעפּט און געפינט נישט קיין טרייסט אַרום זיך, ווענדט ער זיך תפילהדיק צו דער זון:

וואו איז די היים פון דער וועלט,
און וואָס וועט מען טאָן אין דער היים, אין דער פינצטער?
— אָ, זאָל די זון שוין רחמנות האָבן

אַזוי ווי די מאַלפּע אויף אירע קינדער —
אויף אונדזער אָרעמער וועלט.

(נאַכט אין מאַנהעטען — וטער באַנד „לידער" (1934)

און אַז זרחי (האַלפּערן) קאָן ניט שלאָפן ביינאַכט, און ער הערט „ווי סע ברומט דער ים דורכן פענסטער אַריין", דוכט זיך אים אויס, אַז „דאָס ברומט די וועלט פון שלאָף אַרויס". און חלומט זיך אים שוין אַמאָל אַ נייע וועלט, טרוימט ער זי אַזוי, אַז עס זאָל קיינמאָל קיין נאַכט נישט זיין אין איר, און אַז אייביק זאָל אין איר לויכטן די זון:

עס טראַכט שוין זרחי פון גאָרנישט מער.
אַזוי ווי בליי איז דער קאָפּ ביי אים שווער.
ער זאָגט אים אויך צו אַז ער קומט צוריק,
ער גייט נאָר רופן דעם שמיד האַרשביק,
מיט דער זון וואָס ער האָט ביי אים באַשטעלט.
די זון וועט שוין אַנדערש זיין געמאַכט.
זי עט שוין שיינען אפילו ביינאַכט,
און מען וועט שוין נישט דאַרפן פאַרטרויערט זיין —
וואָס מען שלאָפט ניט און מען האָרכט אין ים אַריין.

זון־און־פינצטערניש—זיינען אויך ביי משה לייבן מערער ווי צוויי צופעליקע ווערטער וואָס ווידערהאָלן זיך נאָכאַנאַנד אין זיינע לידער. פינצטערניש־און־זון — ווי צוויי לייטמאָטיוון, ווי צוויי אַלעגאָרישע באַגריפן אין אַ פּאַראַבל, ווי צוויי בלוטיקע פעדים גייען זיי דורך — דורך האַלפּערנס שאַפן. ווי אַ געצנדינער רייסט ער זיך מיט פינצטערניש דורך פינצטערניש — צו דער זון! און דעם דריטן ברודער „מיטן קאָפּ אַרונטער" וואָס האָט ווי האַלפּערן, „געירשנט די פינצטערניש", אים געהערט דעם דיכטערס שיר השירים, זיין פּאַגאַניש ליד פון אַלע לידער, זיין געזאַנג און זיין בענקשאַפט נאָך דער זון! . . .

8. קריזיס

אין 1924, בעת אַ לעקציע־טור איבערן לאַנד, האָט אויסגעבראָכן אַ סכסוך צווישן האַלפּערנען און דער „פריהייט", — דער סוף איז געווען, אַז אין שיקאַגאָ האָט משה לייב געהאַלטן די לעצטע לעקציע. דער טור איז אָפּגעשטעלט געוואָרן אינמיטן. ער פאָרט אָפּ פון שיקאַגאָ קיין דעטראָיט, וואו ער ווערט קראַנק און מאַכט דורך אַן ערנסטע אָפּעראַציע. ער וואוינט נאָכדעם אַ לענגערע צייט אין

דעטראָיט און אין קליוולאַנד; און פון 1927 ביז 1929 וואוינט ער מיט זיין פאַמיליע אין לאָס־אַנגעלעס, קאַליפאָרניע.

צוליב וואָס און ווי אַזוי דער ברוגז איז פאָרגעקומען, גייט נישט אַריין אין דער ראַם פון דער דאָזיקער קריטישער אַרבעט, וואָס גיט זיך הויפּטזאַכלעך אָפּ מיט דעם דיכטערס ווערק. —כאָטש דער אינצידענט וועט זיכער פאַרנעמען אַ פּראָמינענטן פּלאַץ אין אַן אויספירלעכער און דעטאַלער ביאָגראַפיע פון דיכטער; אָבער זאָל דאָ דערווייל פאַר־צייכנט ווערן, אַז האַלפּערן וואָס איז דער ערשטער צוגעשטאַנען צו דער „פריהייט״, איז אויך דער ערשטער אַוועק פון איר און קיינמאָל מער ניט מיטגעאַרבעט דאָרט. די ביאָגראַפישע פראַגמענטן און דאַטעס, וואָס מ׳טרעפט אין דער אַרבעט, זיינען געבראַכט געוואָרן בלויז אויפן סמך פון שייכות, און אויף וויפיל זיי זיינען פאַרבונדן מיט דעם דיכטערס ווערק. אין דעם קריטיק באַדאַרף גילטן די דעפיניציע: — אַז אויב די ווערק פון אַ מענטשן קלערן אונדז עפּעס אויף, קלערן זיי זיכער אויף דאָס לעבן פון דעם מענטשן וואָס האָט זיי געשאַפן.

עס לוינט זיך פונדעסטוועגן באַקענען דעם לייענער מיט אַ פּאָר כאַראַקטער־שטריכן פון דיכטער. ראובן אייזלאַנד, וועלכער האָט גוט געקאַנט האַלפּערנען דורך אַלע זיינע יאָרן אין אַמעריקע, דערציילט דאָס פאָלגנדע: „פון אַלע זיינע קאַלעגן איז אויף מיין גורל אויסגעפאַלן צו זען משה לייב האַלפּערן אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן . . . פיר און צוואַנציק יאָר האָט ער געלעבט צווישן אונדז אין ניו־יאָרק. צוויי און צוואַנציק יאָר איז ער אַלט געווען ווען איך האָב אים באַ־געגנט צום ערשטן מאָל״.

און אייזלאַנדס איינדרוק איז:

— „זיין גאַנץ לעבן איז דער פּאָעט משה לייב האַלפּערן געווען אַ רעבעל. מיט זיין וואָרט איז ער אויפגעשטאַנען קעגן אַלץ, וואָס שטייט אין וועג צווישן דעם מענטש און זיין געוואונטשטן גליק. און ווי די מערסטע רעבעלן און פּראָטעסטלער, איז ער נישט שטענדיק געווען אָפּגעהיט מיט זיין וואָרט... כדי צו דערגרייכן עפעקטן האָט מ. ל. האַלפּערן גאַנץ אָפט אויסגעקליבן אַזוינע ווערטער וואָס זאָלן שאָקירן, און דאָס האָט געווירקט. איין צייט האָט מען אים שיר ניט געקרוינט פאַר דעם דיכטער פון „גראַבע רייד״, און מען האָט געמיינט אַז דערמיט האָט מען שוין אַרומגענומען זיין דיכטערישן מהות. אָבער ניט דאָס בין איך אויסן, איך האָב דאָ נאָר געוואָלט אָנווייזן אויף משה

לייב דעם רעבעל, וואָס איז מיט זיין וואָרט אויפגעשטאַנען קעגן יעדן סאָרט דעספּאָטיע, פּערזענלעכע און געזעלשאַפטלעכע, מאַטעריעלע, גייסטיקע, טראַדיציאָנעלע און קעגן די וואָס קלייבן זיך ערשט ווערן די שאַפער פון אַ נייער טראַדיציע". („טאָג", 4טער סעפּטעמבער, 1932).

אין 1929 קומט משה לייב צוריק מיט זיין פאַמיליע קיין ניו־יאָרק. זיי וואוינען אויף 1725 וויקס עוועניו, בראָנקס ,וואָס איז, אגב, געווען זיין לעצטע וואוינונג. ער גיט זיך אָפּ אַ סך מיט מאָלן און פאַר־ענדיקט דורך די יאָרן אַ צאָל אויטאָפּאָרטרעטן, פּאָרטרעטן פון זיין פרוי און זיין ייִנגעלע אייזיק, און פון אייניקע גוטע פריינט און פאַרערער.

אין 1929 ווען אַ גרופּע אָנגעזעענע יידישע שרייבער פאַרלאָזן די „פרייהייט" איבער די „באַוואוסטע" פּאַלעסטינער עקסצעסן, און הייבט אָן ארויסצוגעבן די „וואָך", ציט אים צו די גרופּע ווי אַ נאָענטן מיטאַרבעטער. ער דרוקט דאָ אַ צאָל נייע אינטערעסאַנטע לידער, צווישן זיי די פּאָעמע „סאַלוט", וואָס קאָן פאַרנעמען אַ בכבודיק אָרט אין אַן אַנטאָלאָגיע פון דער בעסטער רעוואָלוציאָנערער וועלט־פּאָעזיע. עס רוקט זיך אָן דער פינאַנציעלער וועלט־קריזיס איבער גאַנץ אייראָפּע און שלאָגט אויך אָן די ברעגן פון אַמעריקע. עס וואַקסט די אַרבעטס־לאָזיקייט איבערן לאַנד, עס מערן זיך די באַנקראָטן און די זעלבסט־מאָרדן, און פון די טיפענישן פון דער סאָציאַלער וועלט־סטרוקטור זייגען שוין קאָנטיק די דראָענדיקע געפאַרן פון אַ נייער גרויסער וועלט־קאַטאַסטראָפּע. זיין אַנטוישונג הויערט צווישן די נייע און די אַלטע וועלט־דערלייזער.

דעם דיכטערס מאַטעריעלע לאַגע איז איצט נאָך שווערער גע־וואָרן; אים איז אויסגעקומען צו טראָגן אין שטאָלצער הילפלאָזיקייט אַ דרייפאַכן יאָך פון נויט: — פון אַ מאַן, אַ פאָטער און זיך אַליין. זיינע נאָענטסטע באַקאַנטע האָבן זיך אָנגעשטויסן אז אים לעבט זיך שלעכט. אָבער קיין איינציקער פון זיי האָט (צום באַדויערן) נישט געוואוסט, אַז אַ חוץ דאגות־פּרנסה איז ער ערנסט קראַנק. מיט זיין שטאָלצער האַלטונג, מיט זיינע אָפּגעטראָגענע אָבער אַלעמאָל אויסגע־פּרעסטע, עלעגאַנטע און געשמאַקפולע קליידער, איז האַלפערן גע־לונגען צו פאַרשטעלן (אויסערלעך) זיין אָרעמקייט, פּונקט ווי אים איז — צום באַדויערן — געלונגען צו פאַרדעקן מיט שטאָלץ (פאַר דער דרויסנדיקער וועלט) דעם אינעוויניקסטן סוד — זיין ערנסטע קראַנק־הייט. מאַני לייב, וואָס האָט אים גראָד אָנגעטראָפן אויף דער גאַס

אַ וואָך פאַרן טויט, האָט צו משה לייבס אָנדענק אָפּגעדרוקט דאָס קורצע רירנדיקע ליד, וואו צווישן די שורות ווערט דערציילט פיל מער וועגן משה לייבן ווי אין די שורות אין אַ סך גוט־געמיינטע ביאָגראַפישע עסייען און נאָטיצן וועגן דיכטער:

משה לייב האַלפּערן

אויף דער עוועניו, דאָרט אויף דער ברייטער,
גרוי און שלאַנק, אין עלעקטרישן שטויב,
און אין שאָטנס פון נאַכט א פאַרווייעטער,
איז געשטאַנען אליין משה לייב.

איבער קעפּ הויך זיין פּנים, זיין הייסן,
שטאָלץ פאַרריסן און וועלפיש־פאַרשאַרפט —
אפשר האָט ער א פריינט דאָ פאַרשטויסן,
אפשר האָט ער א פריינט גאָר געדאַרפט.

משה לייב... מאני לייב... און א ציטער
אין דער ברייטער געצערטלטער האַנט.
משה לייב... משה לייבן איז ביטער,
און די שטאָט איז איין שטיינערנע וואַנט.

און ער קרימט ווי א קינד, ניט קיין בייזן,
נאָר א שמייכל וואָס שניידט ביז אין ריפּ,
פון דעם פראַנטישן קנייטש פון די הויזן
ביז דעם קנייטש פון דער נעגערשער ליפּ.

און די אויגן — פון הימל נאָך בלויער,
לאַכן אינגליש פאַרשייט און ניט גוט.
און צו מיר איז דאָס בלוט פון זיין טרויער,
אויף אייביק אריין אין מיין בלוט.

אויף דער עוועניו, דאָרט אויף דער ברייטער,
גרוי און שלאַנק, אין עלעקטרישן שטויב,
און מיט שאָטנס פון נאַכט א פאַרווייעטער,
איז געבליבן אליין משה לייב.

די נויט (אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט) טריפט טראָפּנס הונגער־סם אין שטאָלצן האַרצן פון דיכטערס פאַרוואָרלאָזיקייט. ער איז באַהערשט פון אַ גרויסער איינזאַמקייט און פון אַ גרויסער הילפ־לאָזיקייט. ער איז אָנגעשראָקן, ווי איינער וואָס האָט זיך געראַטעוועט

נאָך שווערע יסורים און אַנגסטן — פון אַ שיפּברוך. דער איביקער וואַנזין איז נאָך אַלץ איינגעשלאָסן אויף טויזנט ריגלען אין זיין גאָלדענעם, גלייכגילטיקן דאַך־שטיבל. די וועלט איז אַלץ געבליבן אויף הפקר „אין דרויסן", שוין נאָך דער נייער מאָס וואָס מען האָט פון איר גענומען; און וואָס עס איז אים פאַרבליבן, איז גאַל און געוויין, וואָס מען קאָן צולייגן פאַר רחמנות ווי שפּינוועבס צו די נייע, גע־קרייצטע וואונדן פון דער וועלט. ער זעט נישט קיין זין און קיין גרענעץ צו דער אומהיילבאַרער מענטשלעכער געפאַלנקייט און קנעכ־טישער אונטערטעניקייט. ער זעט נאָך איצט קלאָרער ווי אַלעמאָל, אַז דער מענטשלעכער פּראָגרעס — איז נישט מער ווי זעלבסט־באַ־רימעריי. אַז טראָץ אַלע וויכטיקע דערפאַרונגען און איבעראַשנדיקע וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען — איז דער מענטש, דער מענטש אַליין, געבליבן פאַרוואָרלאָזט און ניט אַנטדעקט! דאָס שלום מאַכן אַצינד מיט דעם באַנייטן געדאַנק וועגן מענטש־און־וועלט באַנקראָט, קומט אים נישט אָן אַזוי גרינג — ווי עס קאָן זיך פון אויבן אויף אויס־דאַכטן. ער האָט געהאַט צו־וואַכע געזעלשאַפטלעכע חושים און אַ צו־שטאַרקן איינגעבוירענעם אַפּעטיט פאַרן לעבן, אַז ער זאָל מעשה־נזיר, מעשה־אַסקעט זיך אָפּקערן מיטן פּנים פון דער וועלט. עס איז נישט געווען אין זיין בלוט צו צערטלען און צו קוויקן זיך מיט די וואונדן פון אַ פאַרפייניקטן אמת. זיין אייגנטימלעכקייט וואָס איז באַ־שטאַנען אין אַרונטערצורייסן און צו אַנטבלויזן היפּאָקריטישן אָנשטעל, פרומע מינעס, ווי ער האָט אַמאָל טרעפלעך באַמערקט וועגן זיך, „מיין מאַמע האָט מיך נאַקעט געהאַט קען איך נישט ליידן קיין פייגנ־בלאַט", ווערט איצט נאָך מערער אַקצענטירט אין זיינע לידער:

און איך בין ניט קיין טייג אויפן לאָקשנברעט —
וואָס מען קנעט דאָס איבער מיט אַ גלעט.
און מיין אמת שרייט דאָך אַזוי ווי אַ קינד —
ווען עס ווערט געבוירן נאַקעט און בלינד.

(צווייטער באַנד נייע „לידער", 1934)

משה לייב וויל זיך נישט אונטערגעבן נישט דער רשעות און נישט דעם גלעט, און פירט מיט זיך אַליין קיכאָטישע געפעכטן פאַר־און־קעגן דעם מענטשן און זיינע אויפטואונגען. ער איז פאַרצווייפלט — און טרייסט זיך אַליין. ער מונטערט זיך אַליין כדי צו קאָנען ווידער צווייפלען און אַנצופאַנגען פון ס'ביי — קעגן זיך אַליין — נאָך אַ שטאַרקערע אָפענסיווע ווי פריער!

װער דאַרף מיך דאָ ?
דער רויבער היט זיין מעסער אונטערן פלאַשטש,
און איך פאַרדעק מיט ליפּן ווייך ווי יאַכעמאַשטש
די ציין וואָס איך פאַרקריץ —
צו קענען בעסער חלומען דעם טויט וואָס קומט פון בליץ.
די וויסטעניש פון וואָלקנבראַך !
און וואָס איז מיר די שפּיל דערנאָך
פון רעגנבויגן דאָ ? פון זון אויף מיין געזיכט ? —
אַז איבער מיר דער הענגלייכטער מיט זיינע חלב־ליכט,
באַצירט דעם האָרב פון רב, און די לבנה איז אין מדבר שטויב —
אַ לאָמפּ פאַר דעם שאַקאַל, וואָס וויינט און גייט אויף רויב.

(צווייטער באַנד נייע „לידער" 1934)

זיין צעשפּליטערטקייט איז אויף אַ קורצע צייט ענלעך אויף דער געשפּאָלטנקייט פון דעם רוימישן גאָט יאַנוס, מיט די צוויי פּנימער, וואָס האָבן געקוקט אין פאַרקערטע ריכטונגען — זיי האָבן אַלץ צוגעזען און געבליבן באַוועגלאָז. אמת, די עכטע צעשפּאָלטנקייט וואָס עסט אים אַליין אויף — נערט אין דער זעלבער צייט זיין דיכ־טערישן טאַלאַנט און צינדט אָפּטמאָל אָן זיין סקעפּסיס מיט דעם פייער פון פויל־געהילץ וואָס לויכט אַזוי כישופדיק, אַזוי פאַרפירעריש אין פינצטערע נעכט: — ווייל אין דער קונסט איז נישט וויכטיק וואָס עס פּאַסירט אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט מיט דעם קינסטלער — נייערט, וואָס ער דערגרייכט און מאַכט פון זיין לעבנס־דערפאַרונג !

ער באַווייזט אַנצושלאָגן אַ גבורהדיקע ריטמיק, ער וואַרפט אָן שילדערונג אויף שילדערונג פון בילדלעך־באַנומענע און סקולפּטאַריש־אויסגעקנאָטענע דעטאַלן. עס געלינגט אים נאָך אַמאָל, אפילו אין די יאָרן, אָנצוצינדן מיט פּראָטעסט די שורות וואָס רייסן אויף ווי אַ פייער דעם פינצטערן אָרום, און דראָען צו פאַרצערן ביז אַש זיינע וואונדיקע צווייפלען. ער דרוקט אין 1929 זיין פּאָעמע „סאָלוט", וואָס איז אָנגעלאָדן מיט סאָציאַלן אינהאַלט. די שנאה פון אַ ווייסן צעיור־שעטן המון ביים לינטשן אַ נעגער — איז דאָ אויסגעקריצט ווי מיט אַ לאַנצעט, און ער שאַנעוועט דאָ קיינעם נישט, נישט די לינטשער, נישט דאָס געזעץ, נישט די כלומרשט־פאַרגוואַלטיקטע ווייסע אַלטע מויד: און ווי אַלעמאָל — שאַנעוועט ער נישט זיך אַליין.

אָט איז דער אָנהייב פון ליד:

ביי אונדז אין לאַנד איז אויך עפּעס דאָ
און ווען קיין לאָמטערן־סלופּ איז ניטאָ

איז דאָ א בוים — און דאָס מיינט דאָך קלאָר
אַז א נעגער איבער צוואַנציק יאָר —
מעג האַסן אלץ וואָס שטרעקט זיך אַרויף
צו האַלטן דעם, וואָס מען הענגט אים אויף.
נאָר יענעם וואָס איך האָב שטאַרבן געזען,
קיין פופצן איז ער ניט אַלט געווען.

די ווייסע אַלטע מויד האָט ניט אויסגעזען זיס.
אַ פאַרזשאַווערט שלאָס אויף אַן אַלטן וואַליס
די נאָז מיטן פּיסק — און די הענט מיט די פּיס,
איך זאָג דיר — זיך צוצורירן הויט צו הויט
צו אַזאַ מין פליאַקע, איז בעסער — טויט.

און איך זאָג דיר, ס'איז ניט דער קרעכץ פון צווייג,
ניט דער שטריק מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג.
ניט דאָס פּעדערל אין ווינטגעטרייב
וואָס האָט פאַרזאַמט זיך צו קלעפּן צום לייב.
נאָר דו — דאָס טרויער־געשטאַנק פון דער וועלט,
וואָס האָט זיך פון ווייטן אַנידערגעשטעלט
מיט די הענט דורך די קעשענעס ביים דיך,
פאַרטראַכטן א ליד פאַר דער וועלט און פאַר זיך.

האַלפּערן שלאָגט נאָך אָן, עטלעכע חדשים פאַר זיין טויט, א לוסטיקן פאָלקס־טאָן, אַ פאָלקסטימלעכע שפּילעוודיקייט אַנגעקליידט אין עשירות פון יידישן קאַלאַמבור, וואָס איז אַ געמיש פון חוזק, פון איראָניע און פון תמימותדיקער שפּילעוודיקייט:

איך בין דער ריטער פון האָצאַ־צאַ?
איך בין דער ריטער פון האָצאַ־צאַ!
פרעג איך ביי מיין געליבטער פרוי, —
ווער האָט דיר דעם שנור מיט די פערל געבראַכט,
וואָס זינגען אויף דיר ווי די שטערן ביינאַכט?
— זאָגט זי: דער שטאָפּיק פון פעסל מיט ווייַן
האָט א שאָס געטאָן ביזן הימל אריין,
און האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך אויף צוריק
שטערנדלאַך, זיבן מאָל טויזנט שטיק!

(ערשטער באַנד נייע„ לידער", 1934)

ער שרייבט נאָך אַמאָל לוסטיקע לידער צו זיין „יינגעלע" אַנגעלאָדענע מיט שפּילעוודיקייט און שטיפעריי — אָבער אָט דאָס געמיט ווערט אַלץ זעלטן און זעלטענער אין זיינע לעצטע יאָרן. ווי דורך אַן

אַנגריף פון אַטאַוויזם קומט ער איצט ווידער צום שלוס, ווי אין זיינע ערשטע יאָרן אין אַמעריקע — אַז דער מענטש איז דאָ, אין דער נייער אינדוסטריעלער סביבה — נאָך מער אומגליקלעך ווי ער איז געווען אַמאָל — אויפֿן שויס פון דער נאַטור; און אַט די פּרימיטיווע אַנשויאונג דערפירט ער אין זיינע לעצטע יאָרן, מיט זיין געוויינלעכער קאָנסעקווענטקייט, צו דעם — אַז דער מענטש באַדאַרף זוכן זיין גליק ביי דער אייביק־גוטער און אַלהיילנדיקער מוטער־ערד! אַן אויסוועג, אגב, צו וועלכן אַ סך פון די וויכטיקסטע קינסטלער פון אונדזער צייט זיינען געקומען, צוליב אַזאַ אָדער אַן אַנדערן מאָטיוו; ביי אַט דער לעצטער פּאָזע פאַראַנקערט ער זיין שיף. אַט די איינשטעלונג ווערט דער איינציקער קוואַל וואָס נערט אַצינד זיין דיכטערישן טאַלאַנט.

9. וואָרצלען, ענלעכקייטן, און די עוואָלוציע פון אַ צענטראַלע אידייע

דורך די קריזיס־יאָרן, ווען דראַענדיקע וואָלקנס רוקן זיך אַלץ נענטער און נענטער אַנטקעגן דער טרייסטלאָזער קעגנוואַרט, ווערט משה לייב אַלץ מער און מער פאַרצווייפלט. ער דערפילט איצט, אַז די פריערדיקע מיסיע פון דעם קינסטלער־ווידערשפּעניקער (אַנפאַן טעריבל) איז אויסגעשפּילט, און קלינגט אַצינד נאַאיוו און קינדעריש. און בלייבן אַ זייטיקער און פּאַסיווער צושויער פון אַקטיוון לעבן, איז אים איצט, ווי תמיד, אינגאַנצן נישט צום הארצן. אַ ראָמאַנטיקער בטבע, האָט ער אָבער דורך אַלע ראַנגלענישן דאָך נישט געקאָנט אַקצעפּטירן זייער רעליגיע פון דינען דער „שיינקייט פון קונסט". ווען דאָס לעבן אַרום האָט אים אויסגעזען אַזוי מיאוס און פאַרשפּיגן. ער האָט געפילט אַז דער שווערער יאָך וואָס צעדריקט און צעבויגט דעם מענטשן נעמט זיך דער־פון, וואָס דאָס לעבן איז צעשפּליטערט, הפקר, און איז מער נישט קיין אָרגאַנישער טייל פון קאָסמאָס, סיי אויסערלעך, סיי אינערלעך. ער האָט זיך מער נישט געקאָנט אויסלעבן אין אַ פּאָזיטיוון זין אין דער קונסט— אַלס ווידערשפּעניקער, אַלס באַהעם. און וואָס איז אים פאַרבליבן איצט, אַ חוץ אָפּצולייקענען איר באַרימעריי פון אומשטערבלעכקייט און אייביקע ווערטן! וויל ווי קאָן אייביק לעבן אין טויט דאָס יעניקע וואָס איז באַם לעבן טויט און איבעריק געווען?

דער אַמאָליקער פאַרגעניגן צו שאָקירן דעם פּיליסטער, דעם פאַר־וועניו, האָט אים מער נישט באַפרידיקט. ווייל דער פּיליסטער האָט

זיך איצט נאָך מערער אויסגעלאַכט פון קונסט בכלל, און פון יידישער קונסט בפרט. דאָס געפיל אָפּצוזונדערן זיך, צו לעבן אין „שטאָלצער איינזאַמקייט ווי אַן אָדלער", וואָס די ראָמאַנטיקער פון אַלע צייטן עצה'ן די אינגערע דיכטער אויסצופּאָלגן, איז אים אויך נישט געווען צום האַרצן. און ווי ווייניק ער האָט דאָס ניט פּראַקטיצירט אַמאָל, האָט דאָס אים קיין גליק און קיין באַפרידיקונג סיוויסיי נישט געבראַכט. ער האָט נישט געקאָנט זיין אויף דער וועלט און נישט זיין קיין טייל פון איר, און דערפאַר איז אים שפּעטער אָנגעקומען גרינגער שלום צו מאַכן מיטן טויט ווי מיטן לעבן. דערצו ווערט גאָר די קונסט, די יחסנטע, אין די יאָרן אַלץ מער און מער געצוואונגען צו ווערן אַ באַדינערין; זי מוז, אין די לעצטע יאָרן, צושטיין צו איינעם אָדער צו דעם צווייטן צד פון די מאַכט־האָבער. די „שטאַרקע" ווערן אַלץ מער אַגרעסיוו אין זייער קאַמף און פאָדערן מיט גוטן און מיט שלעכטן זייער פונט פליש. זיי פאַרגינען איצט נישט מער די קינסטלער דעם לוקסוס צו לעבן ווי פריער „פריי" און איזאָלירט אין בוידעמשטיבלעך, און ביסלעכווייז אויסגיין פון הונגער, אָדער באַגיין זעלבסטמאָרד. אַ מאָטיוו מיט וועלכן דער ראָמאַנטיציזם האָט אפילו אָפּטמאָל שטאָלצירט. דער נאַאיווער זין פאַר אַבסאָלוטן יושר און פאַר אַבסאָלוטער גערעכטיקייט, וואָס דער ליבעראַליזם פון אָנהויב 19־טן יאָרהונדערט האָט אַזוי אייפערדיק געפּריידיקט — ווערט איצטער פּרעך און ציניש אויסגעלאַכט, און ווערט פאַרביטן אויף אַ רעלאַטיוון יושר און אויף אַ רעלאַטיווער גערעכטיקייט פון שאַרפער קלאַסן־צעטיילונג.

האלפערן האָט אָבער צו טיף געוואָרצלט אין דער „אַבסאָלוטער" טראַדיציע ער זאָל פּלוצים קאָנען פעלשן אין איר. ער האָט זיך צו לאַנג „געשולט" אין ווידערשפעניקייט, אין אָפּלאַכן פון צביעות וואו נאָר ער האָט זי געפונען, אין אַרונטעררייסן פאַלשע מאַסקעס, אין פאַראַדירן אין פאַעטישער נאַקעטקייט, אַז ער זאָל פּלוצים קאָנען צירן זיך אין מאָדע־פעדערן און אַקצעפּטירן שפּאָגל־נייע לוחות. אַן איינזייטיקער אמת פאַרשקלאָפּט אַמאָל און אַ לייכטער סקעפּטיציזם איז אָפּטמאָל אַ באַפרייענדיקער כוח. און ער איז געווען צופיל סקעפּטיקער — ער זאָל קאָנען בלינד נאָכפאָלגן און אויספאָלגן דעם אָדער יענעם פירער. עס האָט אים „געשטופּט, אפשר ווייסט אַ שד וואָס דאָס איז, מיין אומרו—געי'ירשנ'טער קאַפּריז", ער זאָל אַלעמאָל רעוואָלטירן — קעגן זיך אליין פונקט ווי קעגן יענעם, און אַלעמאָל

אַנטקעגן־גיין דער געפאַר און אומעטום זוכן דעם מענטשן אויף אַלע וועגן:

צי הייסטו וואָלף, דו מענטש, צי לייב, צי חיים־בער,
אויב נאָר דו לויפסט און שרייסט, ווייל מאָרד איז דיין באַגער
און זוכסט מיך ערגעץ־וואו, אַזוי ווי איך זוך דיך —
אָט האָסטו מיך!

נישט שלאָף, נישט רו ביינאַכט, נאָר אויגן צוויי און הענט
וואָס זוכן וואונדערליכטס אין הונגערהאַס, וואָס ברענט
ביים שפּין, וואָס פרעסט די פליג אויף גרויער וואַנט און קיך —
אָט האָסטו מיך!

צום מענטש „מיט ברילן אויף דער נאָז", צום „פילאָזיאָף", צום „שטערנזעער", צום „אינטעליגענט" האָט ער זיך סאַי־ווי־סאַי אַלעמאָל באַצויגן מיט פאַרדאַכט, מיט חוזק און אפילו מיט פאַראורטייל, ווייל ער האָט מסתם אין אים אַלעמאָל געזען זיינע אייגענע שוואַכקייטן און זיין אייגענע אומבאַהאָלפנקייט. דערפאַר האָט ער אים אַלעמאָל געמאָלט אַמבעסטן אין זיין אומגליקלעכער אומבאַהאָלפנקייט. אַ כאַראַקטער שטריך וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט און פראָמינענט באַלויכטן אין די ווערק פון די אויסגעשפּראָכנסטע קינסטלער־פּרימיטיוויסטן. איינער פון אונדזערע טאַלאַנטפולסטע און אויסגעשפּראָכנסטע פּרימיטי־וויסטן־דערציילער שילדערט אויף אַזאַ אופן דעם פאַרדאַכט און די פיינטשאַפט וואָס טליען צווישן די צוויי קעגנזעצלעכע נאַטורן — דעם אינטעלעקטואַל און דעם פּרימיטיוויסט — וואָס זענען ביידע נישט גלייכגילטיק צו דער באַלעבאָסטעס טעכטערל. איינער — דער מענטש פון וואַגנדיקן טאַט, וואָס שטעלט זיך פאַר גאַרנישט אָפּ צו רעאַליזירן זיין פּלאַן, און דער צווייטער — דער מענטש פון וואָרט, אַ וואַקלדיקע האַמלעטישע נאַטור: „... און אַז די פריילין האָט דערהערט פון ביכער — גיט זי אַ שטעל־פאַר אונדזער שמערלען פאַר איר בחור, „אַז דיזער מאַן איז זייער אַ געלערנטער מאַן" — און איר בחור דערלאַנגט שמערלען אַ האַנט, און צו איר זאָגט ער אַזוי:

— יאָ, די לייט אין די צימערלעך קענען גוט אין די ביכער....

און בשעת־מעשה קוקט ער אויף איר מיט אַ ממזריש אויג, און דאָס היטעלע אַ ביסל פאַרשפּיצט אָן אַ זייט, ווי איינער רעדט: דער ערל ווייסט, וואָס ער דבר'ט.... און גיט אַ וואונק־צו מיט אָן אויג אַזוי,

אַז אונזער שמערלען ווערט אַזש פינצטער פאַר די אויגן.״ (א. מ. וויסנבערג: „בערל און שמערל״.)

אויך האַלפּערנס גאַר ערשטע לידער זיינען שוין פול מיט רמזים פון חשד אויפן חשבון פון דעם גאווהדיקן בעל־שכל, וואָס וויל שאַפן דעם איינדרוק, אַז ער זעט אַלץ און ווייסט אַלץ, ווען אין דער אמתן איז ער גאַר בלינד:

און דו מיט ברילן אויף דער נאָז,
און מיט א שטערן פון א רעכנקינסטלער,
שטיי אין מיטן נאַכט
ווי אַ געשעפטספירער אין אַ פאַבריק
מיט בליישטיפט און פּאַפּיר
און ווי אַ בלינדער.

אָדער:

און זיין מעלזאַק טראָגט דאָס אייזל
ווי עס טראָגט זיין קרוין דער קעניג.
און אויך דו, מיין שטערנזעער, ביזט מיר אייביק אונטערטעניק.
באַם שפּאַקטיוו די קני געבויגן, שטייסטו און ווילסט מיד ניט ווערן —
און אין ציפערן פאַרבייסטסטו נאָענטקייט, וווייטקייט, זון און שטערן —
כאָטש פון דיר וועט פון דיין חשבון אויף די זעלבע נול פאַרבלייבן.

די דאָזיקע ציטאַטן זיינען פון זיינע ערשטע לידער, און שפּעטער ווערט ער נאָך שאַרפער אין זיין אָפּענסיווע קעגן דער אויפגעקומענער זעלבסטזיכערקייט פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט און אירע דער־גרייכונגען. ער צאָרנט קעגן דעם ראַציאָנאַלן, פאַרשקלאַפנדיקן שכל, ער פאַרלירט זיין פילאָזאָפישע רואיקייט מיט וועלכער ער פלעגט אַלע־מאָל קינסטלעריש רעאַגירן אויף דער זעלבער טעמאַטיק:

איצט ליגן די גאנצע בערג אין דרויסן
און די חכמים ווי בלינדע בערן,
פארדרייסן זייערע קעפּ די פּאַסקודנע,
און קענען ניט געפינען דעם שטערן.

אויב ער האָט נאָך אַמאָל א פונק גלויבן אין עמיצן, איז דאָס איצט ווי אַלעמאָל אין פּשוטן, געזונטן פאָלקס־מענטשן, וואָס ווערט אָפט איבערגעפירט און פאַרפירט פון פאַלשער פירערשאַפט. אָט־דער מין מענטש איז ביי אים אצינד דער איינציקער וואָס רעבעלירט נאָך און ברעכט אויס אין א פּראָטעסט. און חלומט ער ווען אַצינד פון א

נייער, ליכטיקער וועלט, דאַרף זיין „דער שמיד האַרשביק״ דער יעניקער וואָס „וועט אָנצינדן דאָס ליכט אין איר״.

אָבער זיין כוח באַשטייט געוויינלעך אין אָפּפרעגן און שטעלן פראַגן. ער פרעגט אין א ליד „ווער וועט ראַטעווען?״ און האָט נישט קיין ענטפער. „ווער וועט ראַטעווען די וועלט פון דעם האַס אין איר וואָס ברענט ווי א פייער?״ און ענדיקט ווי געוויינלעך מיט א פראַגע. ער שרייבט אָן א לאַנגע פּאָעמע „א באַנקעט־רעדע״ (2טער באַנד „לידער״ 1934), וואו ער רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן, און וואו כמעט יעדע צווייטע שורה ענדיקט זיך מיט אַן אימהדיקן פרעג־צייכן:

> ווער טרייבט די נאַכט פון פענצטער פינצטערע ווי מיין־לעכער?
> ווער ברעכט דעם וואָלקן איבער אונדז פון טויזנט קוימען רויכן?

אָדער:

> ווער דאַרף די טויב? ווער קען זי אויסלערנען אַריבערשוועבן
> דעם רויבפויגל וואָס וואַרט אויף איר אין אַט דער הויך, דער בלויער?

דאָס זענען אַלץ אייביק־מאַטערנדיקע פראַגן, און כדי צו דער־טראַכטן זיך צו זיי אויף אַזאַ בלוטיקן, קינסטלערישן אופן, באַדאַרף מען פריער דורכגיין מער ווי איין גיהנום. אין די געשטעלטע פראַגן הערט מען פיל ווייניקער דאָס קלאָגן זיך אויף די ליידן, ווי אויף דעם זוכן א זין פאַר די ליידן און מאַטערנישן, וואָס דער דיכטער געפינט ניט! א זין — וואָס זאָל באַרעכטיקן דעם מענטשנס דער־נער־וועג.

די אַלע מאַטערנדיקע פּראָבלעמען ווערן אָוועקגעשטעלט אין א שאַרף ליכט, און דער דיכטער ווערט נישט מיד אָנצוהורבן, ווי אין דעליריום, פראַגע אויף פראַגע:

> נאָר פלאָנטער זיך אין חכמה־קנויל, מיט נעגל רייס און בינד —
> וואָס וויסטו מער פון וואָלקן און פון ווינט?
> וואָס רופט מען וועלט?
> די שפּיל פון קאַץ און מויז ביים שיין פון שטערן?
> דעם טרויער פון בוים וואָס שווייגט אַראָפּ צום בערגל ערד, דעם טויטן?
> דעם האָן וואָס וועקט מען זאָל אוועקשענקען זיין קאָם, דעם רויטן,
> אינאיינעם מיט זיין קאָפּ צום הונט אין הויף —
> ווען ער וועט געקוילעט ווערן?

ער איז אָמבעסטן אין די דאָזיקע לידער; ווייל דער עמאָציאָנעלער שטראָם איז דאָ אין א שטענדיקער ריטמישער באַוועגונג; איין געפיל פאַרשווענקט דאָס צווייטע געפיל, ווי א כוואַליע פאָלגט נאָך א כוואַליע אין א צעבויטעטן ים. דער סוף פון א פערז אָדער סטאַנס פאַרענדיקט דאָ נישט דעם געדאַנק, און איז נישט קיין אָנזאָג פון א פינאַלע, וואָס גיט די געלעגנהייט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם; נאָר פאַרקערט, אין די לידער איז דאָס אַ ריטמישע באַטאָנונג פון א נייעם אָנהויב פון דעמזעלביקן געדאַנק. אַן אַנדער בילדלעך־געוועב פון דערזעלביקער אידייאישקייט. אַן אומענדלעכע וואַריאַציע אויף דערזעלביקער טעמע. ער איז צוגעשטאַנען, ווי דער ספינקס איז צוגעשטאַנען, אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע, צום קעניג עדיפּוס מיט דער רעטעניש: וואָס איז דער זין פון מענטשן אויף דער וועלט? און אַז האַלפּערן האָט נישט פאַרמאָגט קיין צופרידנשטעלנדיקן באַשייד אויף זיינע פיינלעכע פראַגן און מאַטערנדיקע רעטענישן, האָט זיך אים געוואָלט —

וייל מיין אייגענע זעל איז מיד און קראנק,
אזוי ווי א פייער איבער דער שטאָט
וויל איך ס׳זאָל נישט בלייבן א שטיין אויף אַ שטיין —
אין דעם פייער — ווען זי וועט אונטערגיין.

(דער פויגל מערציפיגט, ערשטער באַנד „לידער״, 1934).

ער איז איצטער אינגאַנצן זיכער, אַז דער פּראָגרעס אויף וועלכן מען האָט אַזויפיל געהאָפט, איז אין דער אמתן געווען נישט מער ווי א מיראַזש, אַז די גאַנצע ציוויליזאַציע איז נישט מערער ווי א בלענדעניש פון ראַקעטן־פייער, און מ׳קאָן גאָרנישט דערוואַרטן פון איר. אָבער אין תוך גענומען איז זיין איצטיקער צושטאַנד א דירעקטער פועל־יוצא פון דעם וואָס ער האָט, ווי עס איז שוין פריער אָנגעוויזן געוואָרן, אַלעמאָל געטראָגן טיף אין זיך. די שטאָט, ווי אַ סימבאָל פון אַ מאַטעריאַליסטישער און שטיינערנער סביבה, און דעם מענטשנס ראָל אין איר — הערן אים ניט אויף צו מאַטערן, און גיבן אים קיין רו נישט.

די שטאָט איז נאָך פריער מיט יאָרן געווען פאַר אים נישט מערער ווי א „מיסטקאַסטן״ (אַזוי באַצייכנט ער ניו יאָרק) — אין א בריוו דאַטירט דעם 23טן יולי, 1917, געשריבן צו רויזעלע באַראָן (שפּעטער זיין פרוי). מיר געפינען שוין אין דעם בריוו, וואָס מיר ברענגען

דאָ, א באַשטעטיקונג, ווי שווער, ווי אומגלויבלעך שווער, עס איז געווען פאַר דעם דיכטער זיך איינצולעבן און זיך אײַנצוגלידערן אין זיין נייער היים, אין דעם „מיסטקאַסטן" ניו יאָרק. ער שרייבט רוי־זעלען אין דעם בריוו:

„...דו ווייסט: אָפטמאָל דאַכט זיך מיר אויס, אַז איך וועל פון זינען אַראָפּ פון גריבלעניש און פון מאַטערן זיך. וואָס וויל איך? פאַראַן אַ וועלט מיט מענטשן — לעבן דאָך א סך פון זיי נישט בעסער ווי איך. מיט וואָס טרייסטן זיי זיך? זיינען זייערע אַקסל אזוינע ברייטע? אז זיי טראָגן די לאסט פון אָט־דעם לעבן און פילן דאָס ניט?

אויף אַ גרויען גלאַנציקן שטיין,ביים ברעג פון ים זיצט אַ פרוי מיט אַן אַפּירגעשטעקטן קאָפּ, מיט אַן אָפן מויל, מיט רויט־אָנגעלאָפענע אויגן קוקט זי אין דער פינצטערניש אריין און וויינט — — — —

עס קאָן זיין אז די דאָזיקע פרוי איז א באַשאַפענע פון מיין קראנקער בענקשאפט, אָדער פון דער האָפענונג מיינער וואָס שטאַרבט אין מיר ביסלעווייז אָפּ; אָדער אפשר איז דאָס בלויז דער ליריקער וואָס קאָקעטירט מיט זיינע ליידן ווי אַ פּאַיאַץ מיט די גלעקלעך פון זיין מיצל, אָדער ווי א קבצן וואָס קלינגט מיט די עטלעכע גראָשן אין קעשענע כדי מענטשן זאָלן גלויבן אז ער איז רייך אין גאָלד?

ווייל, נאָך אלעמען, איז דאָך נאָך דאָ א ליכטיקער טאָג חוץ נאכט. און איך בין נאָך ניט אזוי אַלט צו זאָגן אז אלץ איז גאָרניט. דער אמת אבער איז, אַז וואָס ליכטיקער דער טאָג אלץ פינצטערער ווערט מיין האָפענונג. און ניט ווייל אלץ איז גאָרניט, נאָר ווייל אלץ איז א סך! און אויב עפּעס איז דאָ וואָס איז גאָרניט — בין איך דאָס, איך אליין וואָס וואלגער זיך ארום שוין צען יאָר צייט מיט מיליאָנען מענטשן אינאיינעם, ווי איין גרויס שטיק לעבעדיק פלייש, אין דעם אומגעלומפּערטן מיסטקאסטן: ניו יאָרק.

יאָ, מיין רויזעלע ,געבענטשט איז דער מענטש וואָס נעמט מיט דאָס קינד מיט זיך אין די דערוואַקסענע יאָרן אריין...

דיין

מ. ל. האַלפּערן

ג. ב.

גיט אָפּ אַ גרוס פון מיר דעם ים. זאָג אים, אז צוליב דיר, פארגיב איך אים וואָס ער האָט מיר אריבערגעבראכט אהער, און איך בעט זיך מיט אים איבער. און זאָל ער זיך ניט אָפּרייסן דאָס געזונט. אומזיסט וואָס ער ווארפט זיך צו די ברעגן. דעם „מיסטקאסטן" ניו־יאָרק, וועט ער שוין קיינמאָל ניט איינוואַרפן. — און אפשר? ווער ווייסט? זאָל ער „טרייען" אויב אים ווילט זיך".

אמת, ער האָט נאָך אין זיינע ערשט לידער פּרובירט צו באַווייזן, אַז גרויסשטאָט איז נישט מער ווי אַ סינאָנים פאַר גיהנום. ער האָט שוין דעמאָלט—מיט דיכטעריש־רויע און נאַקעטע, נאַטוראַליסטישע מיטלען געשילדערט די זונה, דעם גנב, דעם שיכור, דעם בעטלער, דעם פאַלי־

ציימאַן — די אייגנטימליכסטע שטאָט־פּראָדוקטן; פּראָדוקטן און געמיטס־צושטאַנדן, ווי אַ רעזולטאַט פון אַ פלאַכן אוטיליטאַרן מאַטעריאַליזם, עקספּלוטאַציע, און פון דער פאַרערלעכונג פון ברוטאַלער מאַכט. ער האָט אָבער מיט איראָניע און סאַטירע באַקעמפט און געקעמפט קעגן די דערדריקנדיקע פאַקטאָרן, ווייל עס האָט אים תמיד פאַרפאָלגט אַ מורא פאַר אָט־די לויערנדיקע געפאַרן. אָפטמאָל פלעגט די מורא צעוואַקסן זיך אין האַלוצינאַציִשע וויזיעס, אין דעמאָנישע זעאונגען. אָפטמאָל האָט ער פרעך און הילכיק געלאַכט אויף אַ קול, — אָבער דער געלעכטער איז געווען אַ געלעכטער מיט יאַשטשערקעס. אָבער איצט האָט ער דערזען דעם שטאָט־מענטשן, צווישן מיליאָנען מענטשן אַזוי איינזאַם און אַזוי איבעריק ווי קיינמאָל פריער. ער האָט פּלוצים דערפילט, ווי ער שטייט פאַר אַ פאַרשלינגענדיקן אָפּגרונט, פאַר אַ שאול־תחתיה: ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם בילד, און אָנשטאָט צו זינגען הויך אויף אַ קול, ווי אין די ערשטע יאָרן, האָט ער איצט געפירט אומענדלעך אַ שטילן, אַן אינערלעכן, דראַמאַטישן דיאַלאָג מיט זיך אַליין:

נאָר זאָל מען נישט מיינען אַז איך בין קראַנק,
ווי אַ היימלאָזער וואָס ליגט אויף אַ באַנק,
אין אַ שטאָטגאָרטן ערגעץ אינמיטן דער נאַכט, —
מיין אָרעם בלוט אין מיר ברענט און וואַכט
ווי אַ וואָלף אין סטעפּ וואָס הונגערט און וויינט,
נאָר אַלץ וואָס איך זע ארום מיר איז פאַרשטיינט.
און אַזוי ווי אַ ריזיק־פאַרזשאַווערט ראָד,
דרייט זיך ארום מיר די גאַנצע שטאָט.
מיט רינשטאָק און טורעמס, מיט מענטש און מויז —
אַזוי אַז ניט איינמאָל דאכט זיך מיר אויס:
אַז אפילו מיין אייגענער אָטעם איז רויט
פון דעם זשאַווער וואָס פרעסט אויף מיר די הויט.

שרייבנדיק וועגן האַלפּערנס ערשטן בוך לידער האָט טאַקע ש. ניגער אָנגעוויזן, אַז „נאָר אַ ציניקער קאָן רואיק צוזען די פאַרפלוכטע, העסלעכע נאַקעטקייט. ביי אונדזער דיכטער איז אָבער טיף אין האַרצן דאָ אַ דורשט נאָך גלויבן, און אָט דער ניט־געשטילטער דורשט, אָט־דער פון דער ,רעאַלער ווירקלעכקייט׳ פאַרשוועכטער און צעטראָטענער גלויבן, מאַכט נאָך שטאַרקער זיין פּיין און ווילדער זיין צאַרן. דאָס מוזן — און ניט קאָנען — האָבן קיין אילוזיעס, קיין אידעאַלן אמת, — דאָס איז דער יסוד פון זיין פינצטערער דעמאָנישער פּאָעזיע. ניט

פון וואוילטאָג מאַכט מ. ל. האַלפּערן אַ תל פון אַלץ, נאָר פון ווייטאָק. הערט, וואָס פאַר אַן אומענלעכער פּיין עס ווײנט אַרויס פון אָט־די שורות:

הויקער דו, אויף מיין נשמה,
אומעט אין לבנה שיין;
גוט איז מיר אַזוי אויף אייביק
אַ פאַרפאַלענער צו זיין.

האָבן מיר די רייד וואָס קלינגען
קיינמאָל ניט קיין טרייסט געבראַכט,
וועל איך מיטן קאָפּ פאַרריסן
ויינען, וואָיען אין דער נאַכט!

אַן אמתער לעסטערער פון זיינע אייגענע ליידן, אַ ציניקער, וואָלט אַזאַ ליד קיינמאָל ניט אָנגעשריבן, סתם אַזוי אַן אָפּשפּעטער, אַ קאַלטער סקעפּטיקער, אָן גאָט אין האַרצן, וואָלט קיינמאָל ניט געפרעגט, ווי מ. ל. האַלפּערן אין דעם פריער שוין ציטירטן ליד נאָך פּרצעס טויט:"

...וואָס ביזטו דען געווען פאַר אונדז? אַ לעצטע גלאָוויניע האָלץ,
וואָס ברענט אין סטעפּ ביינאַכט אין רינג פון א ציגיינער־שטאָם;
אַ זעגל פון אַ שיף וואָס ראַנגלט זיך מיט ווינט און ים;
אַ לעצטער בוים פון אַ פאַרכישופט־וואָגלענדיקן וואַלד,
אַוואו דער בליץ האָט דעמבן־ריזן טויזנט־יעריק אַלט—
פון זייערע וואָרצלען אָפּגעהאַקט. און איצט? וואָס ביזטו איצט?
אַ מענטש אויף קאַלטער ערד, באַוועגלאָז־שטום, ווי אויסגעשניצט
פון מאַרמאָר־שטיין אין שיין פון טויטן־ליכט. אַן אָנהויב־סוף;
אַ בילד — א רגע־זעאונג בלויז פון יענעם לאנגן שלאָף,
וואָס נעמט ביי אונדז דעם טאָג, די נאַכט, דאָס ביסל לעבן צו
מיט גאָר דער שיינקייט פון דער גאַנצער וועלט. איז דאָס די רו?
איז דאָס דער טרוים פון אייביקייט אויף אַונדזער טונקלען גאַנג?
פאַרוואָס זשע בויגט דער מענטש זיך טיף ביים בלויזן טויט־געדאַנק
און וויינט פאַרווייטאָקט, ווי א קינד, אין טונקלער נאַכט אליין?
ווער פירט די וועלט? ווער הייסט דעם פרילינג אויפבליען און פארגיין?
ווער טרייבט אין טעג פון האַרבסט דעם ווינט דורך וויסטעניש און וואַלד?
און ווען דער אָדלער פליט ניט מער און ווען דער אָדלער פאַלט, —
פאַרוואָס מוז זיין די ראָב וואָס רייסט די אויגן אים ארויס?
פאַרוואָס? פאַרוואָס מוז זיין די האַנט וואָס שטרעקט, אָן שרעק, זיך אויס
צום טויטן לייב? צי ווייַנט דען ניט אין אָפּגעשונדן פעל
די זעל פון אים — פון טויטן לייב די קעניגלעכע זעל?
— פאַרגיב פאַרוואָס איך פרעג אזוי? זיי מוחל מיר, פאַרגיב,
ווי קען איך אַנדערש דען?...

(ש. ניגער „דער טאָג", 17טער סעפּטעמבער, 1917)

בלויז אין רייד „וואָס קלינגען שיין" האָט דער דיכטער ניט געפונען קיין טרייסט, ווייל פאַר אים איז קונסט ניט געווען קיין מיטל צום פאַר־שפּילן זיך, נאָר ווי ער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט: „אַ מכה אונטערן אָרעם" — וואָס ער וויל אויסהיילן און אויסגעלייזט ווערן פון איר. ער איז מקנא יעדן איינעם וואָס איז אַריינגעוואַקסן און איז אַ טייל פון פּשוטן טאָג־טעגלעכן לעבן. די צעקראַכענע, די אין־זיך־גריבלענדיקע נאַטורן קאָן ער אַצינד נישט פאַרטראָגן: „דער איינפּאַכסטער לאַבוס פון גאַס", שרייבט ער אין אַ פּאָלעמיש בריוול צו מ. אָלגינען, „מאַכט נישט קיין צימעס פון זיין תוכחה. נישט ער שרייבט זי אויף פּאַרמעט און נישט ער טוט איר אָן אַ זיידן מענטעלע. און אַז דער צאָרן אין אים שטייגט אַריבער די מאָס, שעמט ער זיך נישט צו ווייזן אַז שטיינער קאָנען פליען ווי פייגל". „דער קינסטלער, אָבער", שרייבט ער ווייטער, „ווען ער ווערט אין כעס לויפט ער אַהיים און פּאַטשקעט זיך אַזוי לאַנג מיט רייד ביז עס ווערט אים פון זיך אַליין נישט גוט. און דעריבער טאַקע ווילט זיך מיר גלויבן, אַז קינסטלער, וואָס האָבן נאָך מענטשלעכקייט אין זיך טראָגן זיך אַרום מיט זייער קונסט ווי מיט אַ מכה אונטערן אָרעם, און זייער גאַנצע בענקשאַפט איז — דערלייזט צו ווערן דערפון". (פריייהייט", 16טן יולי, 1922).

אַז דאָס איז נישט קיין כאַראַקטער־שטריך פון אַן איזאָלירטן אידישן קינסטלער נאָר דער אַלגעמיין־דאָמינירנדיקער טאָן אין דער מאָדערנער קונסט, באַווייזט טאָמאַס מאַנס ענלעכע קינסלערישע קרעדאָ, וואָס עס דריקט אויס זיין העלד טאָניאָ קרעגער (מאַנס אַלטער עגאָ). אין אַ שמועס מיט ליזאַוועטאַ איוואַנאָוונאַ זאָגט צו איר טאָניאָ קרעגער: „רעדט נישט וועגן ליטעראַטור אַלס אַ באַרוף! ליטעראַטור איז נישט קיין באַרוף נאָר אַ קללה, און מיט דעם ענדיקט זיך עס. ווען הייבט זיך אָן צו באַווייזן די קללה? פרי. מוראַדיק פרי. אין אַ צייט ווען איינער דאַרף מיט רעכט נאָך לעבן אין שלום מיט גאָט און מיט דער וועלט. דו הייבסט אָן צו דערפילן זיך אָפּגעזונדערט, ווערסט באַוועלטיקט פון אַ מיסטעריעזן אַנטאַגאָניזם צו אַנדערע. צום געווינלעכען, צום אָרדי־נערן". אַזוי פּאַסט אויף טאָמאַס מאַן אין אַ צאָל אויטאָביאָגראַפישע נאָוועלן („טריסטאַן", „טויט און ווענעדיג") די פונקציע פון קונסט היינטצוטאָג. אויך פאַר אים איז ליטעראַטור נישט קיין באַרוף נאָר אַ קללה! און זיכער איז טאָמאַס מאַן גערעכט אין זיין דיאַגנאָז־קללה וואָס ער שטעלט דאָ דעם קינסטלער. ער איז אָבער בלויז האַלב־גערעכט, ווייל ער באַמיט זיך אויסצוהיילן דעם קינסטלער מיט איזאָ־

לירטקייט . דער קינסטלער איז שוין היינט־צו־טאָג גענוג איזאָלירט און איבעריק. דער שפּאַנישער שריפטשטעלער און דענקער, כאָזע אָרטעגאַ אַ. גאַסעט, באַשטייט אין זיין טיף און סטימולירנדיק בוך „דער רעוואָלט פון די מאַסן״, 1932, אַז „באַרבאַריזם טראָגט אין זיך אַלעמאָל די טענדענץ פון אָפּזונדערונג״. און דערפאַר, דרינגט ער, „זיינען אַלע באַרבאַרישע עפּאָכעס אויך געווען עפּאָכעס פון מענטש־לעכער צעזייטקייט און פאַנאַנדערבלי פון קליינע גרופּעס וועלכע האָבן געלעבט אָפּגעזונדערט און אין שטענדיקער שנאה צווישן זיך״.

האַלפּערן איז מיד געוואָרן פון וואָרט און פון באַרוף פון וואָרט, און געבענקט נאָך אַ לעבן ווען וואָרט ווערט ווערן טאַט אין בוכשטעב־לעכן זין פון דעם באַטייט. ווייל נישט „ציניזם״, נאָר דער דראַנג צו געפינען אַן אינהאַלט און אַן אַנהאַלט פון אמת אין לעבן האָט אים אָפּטמאָל געשטופּט אויף אַוואַנטיורישע וועגן, אין בלינדער זוכעניש צו געפינען אַזאַ לעבנס־ווערט. ער באַלאַנגט צו די, וואָס האָבן געוואָלט בוכשטעבלעך איבערזעצן דעם קונסט־באַרוף אויף אַ לעבנס־באַרוף. קיין פּרייז איז פאַר אים איצט ניט געווען צו גרויס צו באַצאָלן פאַר אַזאַ לעבנסווערט. ער איז אַפילו גרייט געווען, באַוואוסטזיניקערהייט, אויפ־צעגעבן אינגאַנצן די דיכטונג, ווי זיינע פאָרגייער דער פראַנצויז רעמבאָ, דער ענגלענדער בייראָן, דער אידיש־העברעאישער שריפטשטעלער י. ח. ברענער — אַלץ קינסטלער — וואָס נישט געקוקט אויף זייער פאַרשידנאַרטיקייט — פאַראייניקט זיי איין גרויסע אומצופרידנקייט, וואָס באַשטייט אין דעם, וואָס זייער קינסטלערישער באַרוף קאָן נישט דירעקט אַקטיוויזירט ווערן לטובת זייערע דרינגענדיקע לעבנס־אמתן. און ווייל אַזוי, קומט דער מין שריפטשטעלער צום שלוס, אַז מען דאַרף זיך נישט צירן אַזויפיל און „פּאַטשקען״ זיך מיט דעם ענין. ביי די־דאָזיקע איז פאַראַן די צעריסנקייט צווישן דראַנג צום לעבן און דראַנג צום שאַפן. ווען טאָמאַס מאַן האָט גאָר אַן אַנדערן ענטפער אויף דער זעלבער פּראָבלעם. מאַן טרעט שאַרף אַרויס אין דער זעלבער נאָוועלע קעגן דעם סאָרט קינסטלער, וואָס ווידמען זיך קודם־כל דערצו, „אַז זיי זאָלן פריער פאַר אַלץ לעבן אין צופרידנקייט און גליק, פאַרגעסנדיק, אַז גוטע ווערק ווערן געבוירן אונטער דעם דרוק פון אַן אָרעם לעבן; אַז די וואָס לעבן שאַפן נישט, און אַז אַ מענטש מוז פריער אָפּשטאַרבן צום לעבן כדי צו ווערן אינגאַנצן אַ שאַפער״. („טאָניאָ קרעגער״, זייט 48). ביי האַלפּערנען איז אָבער אַצינד דאָס ליד ניט מער ווי אַ מיטל צו געפינען דעם אמת פון לעבן;

נאָר אַז איך אַליין, מיט מײַן גרויען קאָפּ —
זאָג זיך פון גאָט און מלאכים אָפּ
צוליב דעם אמת אַצינד וואָס ס׳טראַכט
דאָס ליד אין מיר.

נאָר ער געפינט זעלטן בלויז אַן אמת; און די שטאָט, און איר קוואַל פון וואַנזין, זיינען די איינציקע וואָס נערן נאָך אַלץ זיין ליד; דורך שלאָפּלאָזע, דורך קראַנקע נעכט האָמערט ער נאָך איצטער אויס לידער פון פאַרצווייפל, לידער וואָס רירן מיט זייער אימהדיקער בילדלעכקייט און רייסן אונדז מיט מיט זייער עכטקייט. דאָס אַליין שטעלט אים אָבער מער נישט צופרידן איצט. איצטער וויל ער אויסגעלייזט ווערן פון קונסט ווי „פון אַ מכה אונטערן אָרעם". און מיט דעם קומט צו נאָך איין ווידערשפרוך צום קנויל ווידערשפרוכן וואָס פאַרשאַרפן זיין גייסטיקן קריזיס:

לעבן די טרעפּ אויפן ערשטן גאָרן,
אין טונקל־פינצטערן קאָרידאָר
ווײַנט אַ מויז און מיט איר איינאיינעם
אַ קויטיקע האַנט אויף צעשויבערטע האָר.
— דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

די האָר — אַ דופט פון פאַרב וואָס איז ביליק,
די האַנט איז ווי לעדער שטייף און האַרט.
צוויי גלייכע שותפים וואָס האָבן אפשר
אויף קיין בעסערס קיינמאָל ניט געוואַרט.
— דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

נאָר מאָדנע איז עס, ווען מען הערט צוויי מענטשן
שווייגנדיק אין דער פינצטער שטיין,
וואָס זאָגט ניט עפּעס „סעמי" אַליין?
וואָס זאָגט ניט עפּעס „בעסי" אַליין?
— דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

נאָר אפשר רעדן זיי און מען הערט ניט
צוליב דעם פאַרשטיקטן שטומען געשריי
פון די זיבן מאָל זיבעצן אייזערנע באַלקנס,
אויף די פינצטערע סטעליעס איבער זיי?
— דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

סטעליעס אויף סטעליעס און בעטן און בעטן
און די לופט איז פּאַרע און קוילן־רויך,

און פון אויבערשטן גאָרן אַרונטער — אַן אָפּגרונט,
אַרויף־צו — אַ פעלד פון וואָלקנס הויך.
— דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

אַ גרויסשטאָט ביינאַכט, סאַראַ ווּסטע פּרעמדקייט
עס נעמט אַרום אין דער פינצטער אין דיר,
ווייב מיט מאַן מיליאָנענווייז שלאָפן
ווי שיכורים אָנגעפּוישטע מיט ביר.
— דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

קינדער שלאָפן ווי מאַלפּעס אויף ביימער,
אויף גאַניקעס אונטער פייער־טרעפּ,
און די לבנה — דער קוימענקערער,
טרייסלט סאַזשע איבער די קעפּ.
— דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

און בעסי די „גוירל" ווייסט פון גאָרנישט,
און סעמי אויך מיט אַן אָפן מויל
און דער מאָנטיק וואָס קומט צושווימען פאַר די אויגן —
ווי א מדבר אויף מיילן פוסט און הויל.
— דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

און אפילו בעסיס מאַמע, די אַלטע,
זי פרעגט שוין ניט מער — „וואו איז די מויד ?"
און עס אַרט זי ניט וואָס די האָר די שוואַרצע
זיינען געוואָרן בלאָנד און רויט.
— דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

נאָר זאָל מען ניט מיינען אַז דאָס איז אַ קראַנקער,
אָט־דער וואָס טראַכט וועגן דעם אין דער נאַכט. —
אַ מידער בלויז פון זיין אייגענעם אומעט
ליגט ער און רויכערט זיין ליולקע און טראַכט.
— דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

(דאָס ליד פון סוף זונטיק, 1טער באַנד „לידער", 1934)

מאַנהעטן ווערט אַצינד פאַר אים סימבאָל: לעצטער, ביטערער סך־הכל פון מענטשנס גורל אין אַלע תפיסות — אין די גרויסע שטעט פון דער וועלט. היינעס איראָניש־סאַרקאַסטישער טאָן פאַרשווינדט אינגאַנצן אין דער לעצטער פאַזע פון זיין שאַפן. און ווייל ער אַליין איז אינגאַנצן אַ גרויס־שטאָטישער פּראָדוקט, איז די אנטווישונג אין דעם

באַנקראָט פון דער ציוויליזאַציע געוואָרן פאַר אים אַ טיפע, פערזענליכע טראַגעדיע. פון דעם פלאָנטער וואַקסן אַרויס פיינענדיקע סתירות: ווייל כאָטש ער האָסט אַצינד אַזוי שטאַרק די גרויסשטאָט, און כאָטש ער שרעקט זיך אַזוי שטאַרק פאַר דער ראָל וואָס דער מענטש שפּילט, אָדער, בעסער געזאָגט, וואָס ער שפּילט ניט אין איר, איז אָבער דער פאַרסמטער ברונעם נאָך אַלץ דער קוואַל פונוואַנען ער שעפּט דאָס מים־חיים פאַר זיין גרויסשטאָטישן ליד. עס פעלט אים אָבער דער אינטעלעקטועלער באַוואוסטזיין, אַז אין דעם ליגט זיין קינסלערישער ברען־שטאָף, זיין פּאַטעטישע נאַרונג.

פאַר אַ דיכטער ווי יוסף ראָלניק און פאַר אַ שריפטשטעלער ווי פּרץ הירשביין איז גרינגער צו פאַרטראָגן די פיינטשאַפט צו דער שטאָט, ווען זיי דערפילן זיך אין איר עלנט און איבעריק. אין מאָמענטן פון גייסטיקן קריזיס — דינט זיי דעם טאָטנס „וואַסערמיל" ווי אַ שטיק־פּונקט און אַן אָפּלייטערין פון דונער און בליץ. אויף אַן ענלעכן אופן האָט דאָס „דאָרף" נישט איינמאָל געראַטעוועט יעסעניגען פון אַלערליי פּאַטעטישע סכנות. אַנדערש איז דאָס מיט דיכטער ווערמענס איינציקער דיכטונג־קוואַל איז די גרויסשטאָט, און דאָך האָסן זיי די שטאָט. און אומזיסט וועט איר זוכן אין האַלפּערנס דיכטונג, ווי אין די לידער ביי אַנדערע דיכטער פון דעם מין, דאָס רייך־פּאַסטאָראַלע, וואָס באַזעליקט און באַרואיקט. דאָס נאַטור־געמעל, פון שיינקייט־וועגן, ווי די בלום, די רויז, דאָס פעלד, זענען אָדער נישט בנמצא אין זייער דיכטונג, אָדער זיי זענען אין זייערע ווערק בלויז צו־פעליקייטן. משה לייב פאַרזאָגט טאַקע (אויף אַ שפּאַסיקן אופן) זיין איינ־ציקן זון אין זיין ליד „מיין צוואה", אַז ער קאָן אַלצדינג טאָן, נאָר נישט שרייבן קיין ליד פון לבנה־שיין:

...וועל איך — ווען דו וועסט דערוואַקסן ווערן —\
דיר קיינמאָל און קיין זאַך ניט שטערן,\
איין זאַך, קינד מיינס, זאָג איך דיר,

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און וועסטו נאָך — די שעה זאָל נישט זיין —\
שרייבן אַ ליד פון לבנה שיין —

דאָס, זאָגט ער, וועט ער אים קיינמאָל נישט פאַרגעבן: „דעמאָלט, מיין ליבער, שרייב איך אָן אַ צוואה, און אַ חוץ וואָס מירביידע זאָגן זיך מער נישט — דו — צעשניד איך אַזוי ווי אַ קאַרגער צעשניידט לעקאַך פאַר חתונה־אָרעמעלייט, אַלץ וואָס בינדט צו דיר מיך צו!"

דער פּאַסטאָראַלער רעקוויזיט ווערט באַוואוסטזיניקערהייט אינ־גאַנצן אויסגעשלאָסן פון דעם מין דיכטונג. „שטיין", „שטאָל", „פּאַרע", „קוילנרויך", „רויש", „רעש", „בראַזג", דאָס איז דער מאַטעריאַל, דאָס זענען די אַטריביוטן פון וועלכע זיי קנעטן אויס זייערע סקולפּטורעסקע לידער. שניידן שטיין, גראַניט, דאָס איז זייער באַרוף. און ווען האַלפערן מוז זיך אַליין באַנוצן מיט דער לבנה, ווערט זי ביי אים אַ קוימענקערער, וואָס טרייסלט סאַזשע איבער די קעפּ:

קינדער שלאָפן, ווי מאַלפּעס אויףביימער,
אויף גאַניקעס אונטער פייער־טרעפּ,
און די לבנה — דער קוימענקערער
טרייסלט סאַזשע איבער די קעפּ.

דיכטער פון דעם מין פילן זיך ניט היימלעך אויפן שויס פון דער נאַטור. — זיי זיינען אינגאַנצן אויסגעשפּראָכענע שטאָט־פּראָדוקטן און גרויס־שטאָט דיכטער. כאָטש אָפטמאָל דוכט זיך זיי, אין זייער פּאַרווירטקייט, אַז אויף דער נאַטור וואָלטן זיי אויפגע־ריכט געוואָרן. עס זיינען צווישן די דאָזיקע פאַראַן אַזעלכע וואָס פאַר־שטייען דעם זין פון זייער דיכטערישען באַרוף, און אַזעלכע — וואָס ווילן גראַד דערשטיקן אין זיך דאָס וואָס איז דאָס ווערטפולסטע אין זיי. דער פראַנצויזישער דיכטער באַדלער געהערט צו די ערשטע פון דעם מין. דערפאַר האָט ער טאָקע אַלעמאָל געהאַט דעם באַוואוסטזיין, דעם אינטעלעקטואַלן באַוואוסטזיין, ווי אַזוי, און מיט וואָס ער באַדאַרף שטילן זיין פּאָעטישן דורשט. אמת, ער דעמאָנסטרירט דאָס אויף זיין געוויינלעך שאָקירנדיקן אופן. אויף אַן איינלאַדונג צו צושיקן אַ נאַטור ליד, ענטפערט ער אַזוי זיין פריינט און רעדאַקטאָר:

„מיין טייערער דעניאָיע", ענטפערט ער: „דו בעטסט ביי מיר לידער פאַר דיין קליינעם באַנד ,נאַטור־פּערזן', ניש אַזוי? וועגן וועל־דער, וועגן גרויסע דעמבעס, וועגן גרינסן, אינסעקטן, — און וועגן דער זון — נאַטירלעך; דו באַדאַרפסט אָבער וויסן ווי אומפּייאַיק איך בין צו ווערן סענטימענטאַל וועגן וועגעטאַציע, און ווי מיין זעל רעבעלירט קעגן דער מאָדנער נייער רעליגיע... איך וועל קיינמאָל נישט גלויבן, אַז גאָטס זעל האָט זיך באַזעצט אין פלאַנצן, און ווען זי זאָל זיך יאָ דאָרטן געפינען, וואָלט דאָס מיר קיין סך נישט אָנגעגאַנגען, און איך וואָלט אַלץ געדענקט אַז מיין אייגענע זעל איז פיל וויכטיקער ווי די געהייליקטע גרינוואַרגסן"..

דער אופן — ווי אַלץ וואָס באַדלער האָט געשריבן, איז שאָקירנ־דיק. עס איז אָבער אינטערעסאַנט צוליב דעם וואָס אַט־דער קינסט־לערישער־באַרוף ווערט ביי אים שפּעטער — באַוואוסטזיניקערהייט — פאַרארבעט אין זיינע לידער. אין זיין באַרימט ליד „אַ פּאַריזער חלום" פון וועלכן איך ברענג דאָ בלויז אַ פּאָר פערזן, מער צוליב דעם אידייאישן באַוויז ווי צוליב דער טיפער־שיינקייט פון ליד וואָס גייט אין אַ גרויסער מאָס פאַרלוירן אין מיין פרייער איבערזעצונג:

שלאָף, ווי ניסימפול דו ביזט —
אַ מאָדנער קאַפּריז האָט געצוואונגען מיין האַנט
אויסצולאָזן, וויל אירעגולער,
יעדער וועגעטאַציע פון יענעם לאַנד.

און שטאָלץ אויף דעם וואָס מיין קונסט האָט דערגרייכט,
האָב איך באַטראַכט מיין געמעל, און גענומען פאַרשטיין:
די פאַרשיכורענדע מאָנאָטאָניע
פון מאַרמאָר, וואַסער, שטאָל און שטיין.

עס פעלט די זון און די לבנה,
נאָך וואָס באַדאַרף מען דאָ זייער שטייער
צו אַזעלכע ניסים? ווען יעדער איינער —
רייסט אויף מיט ליכט פון אייגן פייער!

אין משה לייבס לעצטע לידער טרעפט מען אויך גאַנצע שורות, וואָס קלינגען ווי אַרויסגעריסענע פּראָזן פון באָדלערס קליין און אומ־שטערבלעך ביכל לידער: „בלומען פון שלעכטס", וואָס איז דערשינען אין 1857, און איז באַלד קאָנפיסקירט געוואָרן; און פאַר וועלכן, סיי דער דיכטער, סיי דער אַרויסגעבער, זיינען ביידע באַשטראָפט געוואָרן אין געריכט. דיכטער פון באַשטימטע עפּאָכעס, אָדער ענלעכע עפּאָכעס, מיט ענלעכקייט אין טעמפּעראַמענט, טרעפן זיך נישט איינמאָל צונויף אין זייער קינסטלערישן אויסדרוק פון זייערע ענלעכע פּראָבלעמען. אין דעם פאַל באַשטייט די ענלעכקייט אין טיפער אנטוישונג, אין מאַרבידער לעבנסמידקייט. אין באָדלערס באַרימטן ליד „בענעדיקציע" שעלט די מוטער די נאַכט, ווען זי האָט אויף דער וועלט געבראַכט איר דיכטער־קינד: „אָ, פאַרשאָלטן זאָל זיין די נאַכט, דריי מאָל פאַרשאָלטן מיין טראַכט, וואָס האָט פאַרשוואַנגערט און געגערט מיין פאַרצווייפל". און משה לייב שרייבט אויף דעם זעלבן מאָטיוו אַזוי:

פונוואַנען און וועמעס געוויין
דערטראָגט זיך אַהער אין דער נאַכט ?
איז עמיץ ווי איך דען אַליין ?

אַן עלענדע פרוי ערגיץ וויינט —
מע האָט איר אין חלום ביינאַכט
אַ בריוו מיינעם איבערגעלייענט.

מען האָט איר געלייענט, אַז איך שעלט
מיין מאַמע, דאָס ווייב און דער נאַכט,
וואָס האָט מיך געבראַכט אויף דער וועלט.

דאַריבער דערגייט איר געוויין
פון איבערן ים אין דער נאַכט,
צו מיר, וואָס איך בין דאָ אַליין.

אָבער זאָל מען זיך נישט אונטעראיילן, ווי מען איז געוואוינט ביי אונדז אין אַזעלכע פאַלן, און אונטערשמייכלען : "פּלאַגיאַט". קיינער וואָלט זיך פון דעם אַזוי נישט אויסגעלאַכט ווי באָדלער. ווייל ווען מען האָט אים אַליין באַשולדיקט אין אימיטירן עדגאַר עלען פּאָ, האָט ער אַזוי געענטפערט : „צווייפלט איר, אַז עס זיינען פאַראַנען שטוינענדיקע געאָמעטרישע פּאַראַלעליזמען אין דער נאַטור ? נו, גוט ! זיי באַשולדיקן מיך אין נאָכמאַכן עדגאַר פּאָן ! ווייסט איר פאַרוואָס איך האָב אַזוי געדולדיק איבערזעצט פּאָוס ווערק ? — ווייל ער איז ענלעך צו מיר. ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל אויפגעעפנט זיינס אַ בוך האָב איך דערזען מיט פּאַרכט און מיט כישוף נישט נאָר טעמעס וואָס איך האָב געחלומט, נאָר געדאַנקען ווי מיינע, וואָס ער האָט אויפגעשריבן מיט צוואַנציק יאָר פריער".

גאַנץ מעגלעך, אַז משה לייב איז געווען באַקאַנט מיט באָדלערס דיכטונג אין דייטשישער איבערזעצונג ; גיבן דאָך צו מאַני לייב און אייזלאַנד אַז — „אונדזערע לערער זיינען געווען די רוסישע און די דייטשע פּאָעטן מאָדערניסטן, און אויך זייערע לערער די פראַנצויזישע פּאָעטן מאָדערניסטן". איינפלוסן און ענלעכקייטן זיינען דאָך אָפט דער רעזולטאַט פון ענלעכקייט אין געמיט, אין דערפאַרונג, אין קינסט-לערישער רעאַקציע און אין קינסטלערישן אויסדרוק פון אַ באַשטימטער ערפאַרונג. איינפלוסן און ענלעכקייטן וואַקסן דאָך אָפטמאָל אַרויס, ווי באָדלער אַליין האָט אָנגעוויזן, פון „פּאַראַלעליזמען" וואָס זיינען שוין „פאַראַן אין דער נאַטור".

וואָס האַלפּערנען האָט אַפּטמאָל געפעלט, איז באַדלערס אינטעלעק־טועל־קינסטלערישער באַוואוסטזיין, צו דערקענען און צו וויסן אין וואָס עס ליגט דער גרויסער כוח פון זיין באַרוף. אויך באַדלער האָט שוין געפונען אין פּאַריז — די אייגנטימליכסטע שטאָט־פּראָדוקטן: זונות, שיכורים, קאַקעטקעס, האַשיש־זויפער, און מיט וויפל שוידער ער מאָלט נישט דעם פּאַריזער גיהנום, די האַלוציני̇רטע חלומות, ווייסט ער אָבער, אַז — „די שיכורנדע מאָנאָטאָניע פון מאַרמאָר, וואַסער, שטאָל און שטיין, איז ניסימפּול, און רייסט אויף מיט ליכט פון אייגן פייער".

אַזאַ קול קלינגט אינמיטן סדום ווי אַן עכאָ פון פּראָמעטעאוס. ער גיט נישט אויף אַלץ; פאַרקערט, ער זינגט: „און שטאָלץ אויף דעם וואָס מיין קונסט האָט דערגרייכט!" האַלפּערן האָט אָבער געוואָלט איבערזעצן אין בוכשטעבלעכן זין וואָרט אויף טאָט.

וואָס עס פאַראייניקט יאָ די אַלע דיכטער פון דעם קאַליבער, איז אַן איינגעבוירענע לעבנסזשעדנעקייט, און אַן איינגעבוירענער דראַנג נאָך לעבענספרייד, וואָס זיי זיינען נישט מסוגל, צוליב אַזאַ אָדער אַן אַנדערער סיבה, אוסצולאָדן פון זיך און אויסצולעבן. אָט די אומ־צופרידנקייט צווינגט זיי אנשטאט צו זיין „קינדער פון דער זון", קינדער פון פינצטערניש; דאָס פאַרשאַרפט אָפטמאָל נאָך מער זייער אַנטאַגאַניזם, זייער היפּערסענסיטיווע דראַמאַטישע סענסיביליטעט, און זייער קונסט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ ברוגזענדיקן צו־להכעיס, וואָס גייט אַמאָל איבער כמעט אין אַן אַקט פון נקמה. פון דעם שטאַמט אָפטמאָל זייער באַוואוסטזיניקער אויסוואַל פון שאַקירנדיקע אָביעקטן און זייער שאַרפער, אָפטמאָל גרויליקער אופן פון באַהאַנדלען זייער טעמאַטיק.

באַדלער, ווי האַלפּערן, האָט אויך אַ קורצע צייט געגלויבט, און צוגעשטאַנען צו דער „רעוואָלוציאָנערער" באַוועגונג פון זיין תקופה. אין 1848 האָט ער אפילו (בשותפות מיט צוויי פריינט) אַרויסגעגעבן אַ פּאָליטישן בולעטין קעגן לואיס פיליפּן. שפּעטער שרייבט ער צו אַ פריינט, אַז „דער גאַנג פון דער רעוואָלוציע האָט אים אינגאַנצן אַנטפּאָליטיזירט, און פון היינט אָן און ווייטער וועט ער זיך מער נישט אָפּגעבן מיט דער מענטשלעכער פּאָלעמיק". און דער פריינט באַמערקט, אַז אפילו דורך דער קורצער רעוואָלוציאָנערער פּאַזע פאַרבלייבט באַדלער דער זעלבער „דענדי" און אַז „דעמאָלט ווי אַלעמאָל האָט ער נישט פאַרפעלט צו טראָגן אַ ווייס־בלענדענדיק העמד פון בעסטן

ליך". אומגעפער דאָס זעלבע פּאַסירט אויך מיט משה לייבן. דער אונטערשייד איז אָבער דער: ווען באַדלער האָט זיך אַנטוישט אין פּאָליטיק האָט ער זיך ערשט אינגאַנצן געווידמעט ווי קיינמאָל פריער דער דיכטונג. ער איז, ווי טאָמאָס מאַן וויל האָבן, „אָפּגעשטאָרבן צום לעבן", ער איז אָבער געבליבן לעבן פּאַר און צוליב דער פּאָעזיע. בשעת האַלפּערן וויל אַצינד אינאיינעם מיטן באָד־וואַסער אויך אויסגיסן דאָס קינד. אין זיין סאָציאַלער אַנטוישונג פּאַרלייקנט ער אַלץ. ער פּאַרלייקנט די וויכטיקייט פון קונסט. די גרויסע מענטשלעכע דערגרייכונגען. ער פּאַרלייקנט אינגאַנצן דעם אויפטו פון דער קולטור. אין אַ גרויסער צאָל לידער, וואָס גייען אַריין אין 1טן און 2טן באַנד „לידער" 1934, וואָס זיינען דערשינען נאָך זיין טויט — שטעלט ער שאַרף אַוועק פּאַר דער וועלט זיין אָנקלאַגע:

„נאָר ווי זאָגט מיין פרוי, שאַר צענויף דאָס מיסט,
און איך האָב אַ לעבן אָפּגעוויסט
בא דער דיכטעריי, מיין גאָרניט מיט אַלץ —
וואָס ליגט מיר ווי אַ שטריק אויפן האַלדז.

און אין אַן אַנדער ליד:

נאָר מיד בין איך פון גאַנצן ריטואַל, פון טויזנט קוואַלן
רינט ווי סם אומזיסט פאַרגאָסן בלוט פון טעמפּל־ווענט און דעכער!
און אונדזער קונסט — די געטער דאָרט וואָס שימלען ווי פאַרברעכער
אין דער תפיסה פון דער וועלט! און פרילינג קומט עס זאָלן פאַלן
בלעטער פונעם בוים, משלים — וועגן טויט פון קינדער.

און ווידער אין אַן אַנדער ליד:

האָב איך זיך פאַרנויגט צו זיינע פיס,
און געענטפערט — אַז דאָס זיינען מיינע יאָרן
וואָס זענען אַזוי פאַרשימלט געוואָרן
צווישן דער אַלטער חכמה־געשטאַנק —
פון מיין וואונדערלעכן ביכער־שראַנק!

די „ביכער־שראַנק" איז פאַר אים אַצינד נישט מערער ווי „חכמה־געשטאַנק", די וועלט „אַ תפיסה"—און ווי אַ כירורג טרעט ער איצטער צו מיט אַ שאַרפן לאַנצעט צו די וויכטיקסטע, צו די פונדאַמענטאַלסטע פּראָבלעמען פון אונדזער צייט און פון אַלע צייטן, און פאַלמעסט זיי; ווי אַ וואונדערלעכער זייגער־מייסטער צענעמט ער, אונטערזוכט און שטעלט צוריק

צענויף די קאמפליצירטע ספרונזשינקעלעך און שרייפעלעך אין דעם קראנקן ארגאניזם פון דער וועלט, כדי ער זאל זיי, אביסעל שפעטער, קאנען אויפסניי צענעמען. און וואס מיינט איר זוכט ער אין מיטן פון זיין סדום?

— און וואס וויל איך דען ?
א לויט פון דער שאנקייט וויל איך זען,
וואס דער ווינט פייפט אריין אין דער בעטלער־האנט —
פון מיין אומעט — חבר, פון וואונדערלאנד,
געזוכט ביז בלינדקייט די דרייצנטע שעה
וואס איז אויפן ציפערבלאט נישטא.

אומזיסט זוכט ער א „לויט שאנקייט", און די דרייצנטע שעה קלינגט ניט. ער האט העלזעעריש באנומען דעם גאנצן מישמאש, דעם גרויסן כאאס, די פלעפנדיקע ווידערשפרוכן פון אונדזער דור הפלגה; און אז מען האט אין זינען, אז א טייל לידער זיינען געשריבן געווארן נישט איצט — נאר מיט 10־12 יאר צוריק, נאך איידער עס האט זיך אנגע־פאנגען די צווייטע וועלט־שחיטה אין די לענדער וואס ער דערמאנט, קלינגען טייל פון זיי פשוט פראפעטיש. ער האט אין יענע יארן, ווי פאראויסגעזען דאס, וואס מאטערט היינט (לויט די ווערק) די בעסטע און ערלעכסטע קינסטלער פון דער וועלט. ווייל ווען האלפערן סאלידאריזירט זיך מיט דעם באליידיקטן, מיט דעם אונטערדריקטן, איז דאס נאך נישט קיין ענדציל, נאר א שריט נענטער צו דער אייביקער פראבלעם פון „גוט" און „שלעכט", פון „גערעכט" און „אומגערעכט". דערפאר זיינען ביי אים די האפענונג און דער פאר־צווייפעל אזוי בלוטיק דורכגעוועבט. ער חלומט נישט פון קיין ערדישן גן־עדן און פון קיין באפליגלטע מלאכים, ער ווייסט גאנץ גוט, אז —

איך וואַרט ניט באַם באַן פון דער רעפּובליק
מיט אַ בלומען־בעזים אין האַנט אויף גליק,
און באַדויער ניט וואָס דער קיסרס קרוין
ליגט ערגעץ אין אַ מוזעאום שוין.

— —

און דער פויגל יוגנט, וואָס ציט אין דער פרעמד
האָט מיך שוין געביסן אונטערן העמד
נאָך מיט צוואַנציק יאָר צוריק — אין וויִ.

און מען שיקט ניט איך זאָל קומען אַהין
קיין שטאָפּעטן אויס, און פון פוילן אַהער

דערקייקלען זיך גרוסן ווי מילשטיינער שווער,
און דאָס אייגענע פון בערלין און פּאַריז.
סע בליט שוין דער עלנט אונטער די פיס
ווי קראָפּעווע אין פאַרלאָזטן פעלד,
אין אַלע גרויסע שטעט פון דער וועלט,
און אַלץ צוליב דעם זשעני מיט דער נויט
וואָס האָבן פאַר זיך אַליין געבויט
זייער תפיסה — דעם וואַלקנקראַצער דאָ.

איך האָב דאָ אומיסטן היפשלעך ציטירט פון זיינע פאַרבליבענע לידער, — ווייל איך האָב דאָס געפיל, אַז אַ סך דיכטער און דער גרעסטער טייל גוטע לייענער פון יידישער דיכטונג האָבן זיך זעלטן גענומען די מי צו באַקענען זיך גרינטלעך מיט זיינע צוויי לעצטע ביכער לידער, וואו עס געפינען זיך זיינע רייפסטע שאַפונגען. אין אַ סך פון די לידער טרעט ער אַרויס אַזוי שאַרף און אַזוי האַרב, ווי נאָר ער האָט געקענט, קעגן די אַלערליי פעלדשערס, וואָס ווילן מיט אַלערליי פאַטענטירטע רפואות אויסהיילן די וועלט פון אַ קאָמפּליצירטער און סכנותדיקער חולאת.

ער האָט אין די יאָרן, ווייניקער ווי אַלעמאָל, אַקצעפּטירט די באַרעכטיגונג פון אַ „היסטאָרישער נויטווענדיקייט". ער איז קאַטעגאָריש אַרויסגעטראָטן קעגן דעם אונטערשייד וואָס ווערט געמאַכט צווישן „ענדציל און מיטלען", ווי מיר זען דאָס פון זיינע לעצטע לידער: „רעכט און אומרעכט — שותפים צוויי, ווי בלוט־טראָפּנס אין אַ קאַליע איי!" און ווייל ער האָט נישט באַטראַכט די וועלט, די מענטשן און זייערע מעשים פון אַ פּלוראַליסטישן — נאָר פון אַ מאָניסטישן — זעפּונקט, האָט ער איצט אויף אַלעמען גלייך געוואָרפן די שולד, און האָט אַלעמען גלייך גערופן צום דין פאַר די זינד און עוולות, וואָס מענטש באַגייט קעגן מענטשן. חיים ליבערמאַן וויזט ריכטיק אָן אין זיין עסיי וועגן אים אין „ביכער און שרייבער", (1934), „אַזוי אַרום געפינען מיר משה לייבן, דעם גאָט־ און מענטשן־האָסער, אויך צווישן די בני־הנביאים, צווישן די עטיש־רעוואָלוציאָנערע דיכטער. נאָר דער אונטערשייד צווישן משה לייבן און אַנדערע דיכטער פון דעם זשאַנר, איז דער—יענע האָבן פיינט די אונטערדריקער, ער האָט פיינט די אונטערדריקטע אויך — פאַר זיין אונטערדריקט. יענע האָבן פיינט די געהויבענע, ער האָט פיינט די געפאַלענע אויך — פאַר זייער געפאַלנקייט. ער ווייסט: דער טיראַן מאַכט דעם שקלאַף, נאָר דער שקלאַף מאַכט אויך דעם טיראַן. און דעריבער האָסט ער

אַלץ אינאיינעם — יאָך, אונטעריאָכער און אונטעריאָכטן, וואָס לאָזט זיך אויפפרעסן פון מאַשין און שטיין".

קנעכטיש בלוט, פון הינט דיין אָפּשטאַם!
טויט די צווישן שטיין און אייזן!
בלויז אויף דיר אַ שפּיי צו גיבן
זאָל דער נביא זיך באַווייזן.

דער נביא באַווייזט זיך אָבער נישט, צוליב דעם וואָס ער געפינט איצט נישט קיין אופן ווי אַזוי צו באַזינגען די אַלע מענטשלעכע לײַדן און יסורים, וואָס ער זעט אומעטום אַרום זיך. דערפאַר מוז אויך דער נביא ביי אים אומקומען. און טאַקע צוליב די זעלבע סיבות, ווי ער ווייזט אונדז אין זיין „דאָס לעצטע ליד":

האָט מען אויפגעהערט אין גאָט צו גלויבן,
איז די ליבע אויך אַוועקגעגאַנגען —
האָבן מענטשן זיך אין טייך געוואָרפן,
האָבן מענטשן זיך אין וואַלד געהאַנגען.

האָט זיך אָפּגעטאָן פון טייך דער הימל,
האָט אין וואַלד דער פויגל שטיל געשוויגן,
זענען פאַסטוך־פלייט און אַקער־אייזן
אויפן פעלד געבליבן הפקר ליגן.

איז געוואָרן פון דער ערד אַ מדבר,
האָבן אַלע וועגן זיך פאַרלאָרן —
איז דער נביא אויף אַ שטיין געזעסן,
ביז ער איז אַליין אַ שטיין געוואָרן.

כדי לעבן צו בלייבן און צו געדייען אין אַ מדבר־וועלט וואו אַלץ איז הפקר — איז מען אָפּט געצוואונגען אַנצונעמען הפקרות אַלס אַ שוץ־מיטל. און האָט האַלפּערן פּרובירט אַנצוהענגען אַ ביסל הפקרות זיין גאַסנפּויקער: „„טאַנץ איך הפקר, טאַנץ איך בלינד" איז דאָס געווען בלויז אַן אַנשטעל. ווייל אין דעם זעלבן ליד פאַלגט נאָך די באַרעכ־טיגונג דערפאַר: „האָב איך נישט קיין ווייב, קיין קינד, האָב איך ניט קיין ראָק, קיין העמד". דער „גאַסנפּויקער" (דעם דיכטערס אַלטער עגאָ) ווערט געטריבן צו הפקרות פון באַשטימטע סאָציאַלע אומשטענדן און סאָציאַלע פאַרהעלטענישן. זיינע טיפע ספקות אין זיין איינגע־בוירענע נייגונג צו פרעגן און אָפּצופרעגן זיינען אַלעמאָל דירעקט

אַרויסגעוואַקסן פון אַן איינהייטלעך־פילאָזאָפישן קוק אויף וועלט און וואוילזיין פון מענטשן. דעם דאָזיקן בליק, אויף וועלט און מענטש, געפינט מען ביי אים נישט איינמאָל אונטערגעשטראָכן אין שורות, וואָס לייענען זיך אַזוי:

און באמת, מיט וואָס איז אים און מיר
דאָ בעסער ווי איינעם מיט הונדערט יאָר פריער ?

אָדער:

וואָס טויג מיר אַ וועלט פון אַזאַ מין גרויס —
מיט אַ פליג און אַ שפין וואָס זויגט זי אויס ?

פון דער אנשויאונג איז ער מער קיינמאָל נישט אָפּגעטראָטן. דעם גייסטיקן שטח האָט ער אָ לעבנלאַנג געמאָסטן הין־און־צוריק. אָט דאָס איז האַלפּערנס צענטראַלע אידייע, וואָס דער זשורנאַל „גלאָבוס", רעדאַקטירט פון אהרון צייטלין אין וואַרשע, 1932, האָט אָפּגעפרעגט אין אַ לייט־אַרטיקל באַלד נאָך האַלפּערנס טויט: „...עס וועט נישט זיין גרינג אויסצוגעפינען אין האַלפּערנס לעבן און שאַפונג אַ צענטראַלע אידייע. ער האָט געהאַט אַ סך פּנימער. אָבער שטענדיק איז זיין ליד באַשטראַלט געווען מיט יענעם געהיימניספולן ליכט, וואָס זיין מקור איז — אמתער טאַלאַנט און דיכטערישע פּערזענלעכקייט".

צייטלין איז אינגאַנצן אומגערעכט אין זיין אָפּשאַצונג. ווייל אויב האַלפּערן ליידט פון עפּעס, איז דאָס פון אַ פאַרשאַרפטער צענטראַלער אידייע; און דער וואָס קאָן זי נישט זען, פאַרזעט דעם הויפּט־פּונקט אין משה לייבס דיכטונג. זיין צענטראַלע אידייע מאַכט בלויז דורך אַ ריי עוואָלוציאָנערע ענדערונגען, און צייטלין, וואָס קאָן אַליין אַ שרייב טאָן „די ציוויליזאַציע האָט געבוירן אַ מאַשין און די מאַשין עסט אויף איר אייגענע מאַמע", גראָד ער, האָט געדאַרפט דערשפּירן אין האַלפּערנס דיכטונג די צענטראַלע אידייע; ווייל אָט־דיזעלבע אידייע שטעלט משה לייב אַוועק אין אַזאַ אָדער אין אַן אַנדער פאָרם, פריער און איצטער, נישט צום לעצטן מאָל. ער קערט זיך אַלעמאָל אום צו דער פּראָבלעם, וואָס מאַטערט אים, אָבער זעלטן ווען גיט ער אַן ענטפער אויף איר. זיין כוח באַשטייט, ווי ס'איז שוין פריער באַוויזן געוואָרן, אין אָפּפרעגן, נישט אין ענטפערן און פאַר־ענטפערן. איצטער דערפילט ער זיך זעליש דערשעפּט; און די מערסטע פון זיינע גאַר־לעצטע לידער זיינען דורכגענומען מיט אומ־

באַהאַלפנקייט, מיט נאַכגעבעקייט צום בלינדן פאַטום; ער זעט נישט קיין שום אויסוועג:

איך גיי אַהיים און שוויג —
מיט דעם וואָס כ'האָב געבראַכט:
אַ פויגל אַ געפּגרטן אין שטייג,
און מיר פאַראויס,
אַ וויסטע שדים־שפּיל —
אַרום אַ פוסטער מיל!

(צווייטער באַנד „לידער" 1934).

אין זיינע פריערדיקע פינצטערע לידער רייסט ער זיך צום ליכט, צו דער זון. פריער האָט ער געהאַט מיסטרוי צום מענטשן „מיט ברילן אויף דער נאָז", אָבער נישט צום גאַנצן סדר־העולם, און זוכט ער איצט אַמאָל אַן אויסוועג פון זיין צענטראַלער דילעמע, בלייבט ער אָבער צוליב דער באַגרעניצטקייט פון זיין בלינדן אַנטי־אינטולעקטואַליזם, אויף אייביק אַ געפאַנגענער אין די ראַמען פון זיין צענטראַלער אידייע. נויט, פאַרדאַכט און מורא זיינען נישט קיין זעלטענע דערשיינונגען אין לעבן פון סענסיטיווע מענטשן. זיי האָבן נישט איינמאָל באַגלייט און פאַראומערט די ווערק (און דאָס לעבן) פון גרויסע קינסטלער. זיי קאָנען אָבער אויך אָפטמאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אויסלייטערנדיקע פאַקטאָרן. פּרץ, צו וועמען האלפערן האָט זיך באַצויגן מיט אַזוי פיל פּיעטעט, איז אויך תּמיד געווען דורכגענומען פון פאַרדאַכט און מורא. פּרץ האָט זיך אָבער נישט אנפאַרטרויעט אין די אָרעמס פון שרעק; ער האָט זיך אַלעמאָל געראַנגעלט מיט איר, ביז ער איז זי גובר געווען, ביז ער איז געווען ביכולת צו באַיאָען די פינצטערניש אין זיך און אַרום זיך, און אַזוי אַרום האָט ער דערפירט יידישע מאַרטירערײַ צו אייביק יומטובדיקייט. פּרצעס אַלטער רבי ר' שלמה אין דער „גאָלדענער קייט" צעזינגט זיך:

„אויסגעלייזט פון פּיין און שרעק
מוז ווערן —
די וועלט!
— שבת זאָל זיין, שבת."

פּרצען איז בייגעשטאַנען זיין יידיש־עטישער אינטולעקטואַליזם, וואָס האָט אים דערמעגלעכט אויסצולייזן זיינע העלדן אין „די פאָלקס־טימלעכע געשיכטן" פון זייערע טראַגישע גורלות. ער האָט מיט דעם

ליכט פון דעם קידוש השם באַוואוסטזיין, מיט אָט־דער אידעאישקייט קינסטלעריש אָפּגעשפּראָכן און באַזינגט זייערע פיזישע יסורים און ליידן. אין מאָמענטן פון יידיש־נאַציאָנאַלער אויפטרייסלונג, ווען משה לייב איז אפילו זיכער, אַז די שעה פון חשבון וועט שלאָגן, מוז שלאָגן, ווערט ער, ווי ח. נ. ביאַליק, פול מיט צער און פול מיט צאָרן, נאַציאָנאַל־פּאַטעטיש. ווי ביאַליק אין „שחיטה שטאָט" צאָרנט ער, און שעלט, און מאָנט נקמה פאַר אונדזער חרוב געמאַכט לעבן. ביי ביאַליקן ווערט גאָט אַליין אין זיין הילפלאָזיקייט אַ יורד, אָבער אין פאַרצווייפל ווענדט זיך אַלץ דער דיכטער מיטן פּנים צום הימל: „שמים, בקשו רחמים עלי" (הימלען, בעט פאַר מיר רחמים). אויך האַלפּערן ווערט אין מאָמענטן פון אַ נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע — סטיכיש, עלעמענטאַל; און ווי ביאַליק און ווי לאַמעד שאפּירא, דונערט ער אַרויס אַן אייגענעם שפוך חמתך:

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

...און איר באַצאָלט פאַר אַלץ וואָס איר האָט אָפּגעטאָן.
פאַר איטלעך ברויט אונדזערס צעוואָרפן אויפן מיסט
האָט ער אַ פעלד אייערס פאַרדאָרבן און פאַרוויסט.
פאַר איטלעך הויז אונדזערס האָט ער אַ לאַנד פאַרברענט ;
און ציילט די קאַליקעס מיט אָפּגעהאַקטע הענט,
און ציילט די טויטע אויף די טויטע, און זעט צי עפּעס פעלט.
פאַר איין קאָפּ טויזנט קעפּ, און ער האָט גוט געציילט !
און ווי צו אייער האַס ער איז שוין איצט אַ טייך —
וואָס איז פון ברעג אַרויס און קערט זיך אום צו אייך.
אומזיסט וואָס איר אנטלויפט ! וואוהין איר וועט אַוועק
וועט לויערן אויף אייך דער הונגער און די שרעק.
ביז איר וועט וואַיענדיק אין אייער וויסטן פּיין
זיך ציען דורך דער וועלט ווי מיר — וואַלד אויס, וואַלד איין.
ביז איר וועט אָנפאַלן מיט פויסטן און מיט ציין
אויף אייער בלוט און פלייש, אויס האַס צו זיך אַליין.
און ביז איר וועט אַליין זיך רייסן ווי די הינט
אַרום דעם לעצטן ביין פון אייער לעצטן קינד !...

דאָס ליד איז שטאַרק, אומרחמנותדיק. עס פאַרלירט אָבער אַ היפּש ביסל פון דעם דעמאָנסטרירטן צער און צאָרן ווען מען גיט צו דעם צו די איינציקע, ערשטע שורה, וואָס איך האָב בכיון אויסגעלאָזט, און וואָס לייענט זיך אַזוי:

„נישט גאָט, ס'איז דאָ אַן אַנדערער וואָס נעמט זיך אָן — "

ווער און וואו דער אַנדערער איז, לאָזט אונדז דער דיכטער אַצינד נישט צו וויסן. עס בלייבט פאַר אונדז אַ סוד. פאַרהוילן. אַ רעטעניש. און, מיר דוכט, אַז דאָס איז אויך אַצינד אַ רעטעניש פאַרן דיכטער אַליין. דאָס וואָס דער באַזינונג־אָביעקט איז דאָ אויסגעלאָזט געוואָרן, שוואַכט אָפּ אין דעם ליד דעם עלעמענטאַל־ברויזיקן פּאַטעטישן צאַרן פון די שורות, וואָס רירן אונדז מיט זייער בייטשענדיקער אוממיטלבאַרקייט.

אמת, ער האָט אויך אַצינד אונדז קיינמאָל נישט געלאָזט פאַרגעסן אין דער רשעות, וואָס הערשט אויף דער וועלט. ער האָט אונדז אָבער (באַזונדערס אין זיינע גאָר לעצטע לידער) געוואָלט באַרויבען פון דער אילוזיע, אַז וועלט און מענטש באַדאַרפן זיין און קאָנען אפשר זיין בעסער. „צו זיין האָפנונגספול אין אַ קינסטלערישן זינען" — טענהט דזשאָזעף קאָנראַד — „מיינט נאָך נישט, אַז די וועלט איז גוט. עס מיינט אָבער נישט" — זאָגט ער וויטער — „אַז מען מוז אונדז באַרויבן פון דער האָפענונג, אַז זי קאָן אויך אַנדערש זיין".

האַלפּערנס געזונטער, שעפערישער סקעפּטיציזם גייט אָבער איצט איבער אין אַ שווערן, האָפנונגסלאָזן פּעסימיזם. ער רייסט זיך נישט מער צו דער זון ווי אַמאָל. עס איז אים איצטער אַלץ איינס:

פאַרן פויער די רויטקייט אין אַונטשיין,
אַ סימן אַז מאָרגן וועט לויטער זיין,
פאַר מיר איז דאָס ליכט מיט דער פינצטערניש
צוויי שותפים וואָס האַנדלען מיט בלענדעניש!

זיין איינגעבוירענער חוש פאַר „אַבסאָלוטן" יושר דיקטירט אים דעם דאָזיקן אויסגאַנג, און עס איז אים אַלץ איינס —

רעכט און אומרעכט — שותפים צוויי,
ווי בלוט־טראָפּנס אין אַ קאַליע איי!

10. דער אויסגאַנג פון אַ צענטראַלער אידייע

אונטער דער לאַסט אונטער וועלכער האַלפּערן האָט צוזאַמענגעבראָכן, אונטער דעם שווערן יאָך פון אַ ברוטאַלער שקיעה־צייט, זיינען שוין געווען בולטע אַנזאָגן און וואָרענישן (אין דער קונסט) אויף די נאָך ערגערע קאָנסעקווענצן וואָס מיר אַלע לעבן איצטער דורך. דער אינטואיטיוו־פּראָפּעטישער עלעמענט אין דער קונסט איז אָפּטמאָל

פאַראויסגעלאָפן דער רעאַליטעט — און אַ שטודיע פון דעם עלעמענט וואָלט איצט געווען זייער ווינטשנסווערט, צוליב דער חשיבות וואָס עס וואָלט מעגלעך געגעבן דער געפּאַלנקייט פון דער קונסט היינט־צוטאָג! אין די זעלטענע פאַלן ווען משה לייב באַמיט זיך אין די לעצטע יאָרן צו געפינען אַן אויסוועג, און קלייבט אויס דעם וועג פון לעבן, איז דאָס אַ סאָרט אַטאַוויזם צו וועלכן די פיין־פילנדיקע גייסטן ווערן באַקערט אין אַ ברוטאַלער איבערגאַנגס־עפּאָכע. ווען דער גייסט איז דערשעפּט, אויסגעליידיקט, ווערט שטאַרקער דער דראַנג זיך אַנצופאַרטרויען בלינדערהייט די אור־רויע חושים; אין אַזעלכע צייטן צעבליט זיך די קנאה צום פּרימיטיוויזם, נישט אַזוי צוליב דעם העכערן אידייאישן זין וואָס איז צו געפינען ביי איר, ווי צוליב איר רויער, פיזישער סופּעריאָריטעט וואָס ווערק פון דעם מין אַנטהאַלטען. מע וויל זיך ראַטעווען דורך דעם וואָס מען ווער פון זיך אַרונטערוואַרפן דעם גייסטיקן באַגאַזש, וואָס איז געוואָרן „אַ היוקער אויף דער נשמה”. ווען די רייד וואָס קלינגען שיין האָבן סיוויסיי קיינמאָל קיין טרייסט נישט געבראַכט. ווען „דאָס פליש איז צער־פול און אַלע ביכער זיינען שוין איבערגעלייענט” און פאַרבליבן איז בלויז „אַ דערשעפטע מידקייט פון גרויזאַמע האָפענונגען”.

דער דראַנג אַנצופאַרטרויען זיך בלינדערהייט די חושים, די בענקשאַפט צוריק צום אורשטאָם, די אידעאַליזירונג פון דזשאַנגל, זיינען נישט קיין נייעס. אַ חוץ עקאָנאָמישע אינטערפּרעטאַציעס, האָט זיגמונד פרויד, און אַנדערע פאַר אים און נאָך אים, פּרובירט אויפהייבן דעם פאַרהאַנג און אַריינקוקן אין די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון דער פאַרפלאָנטערטער מענטשלעכער פּסיכיק, און דערקלערן און פאַרטייטשן די עמאָציאָנעלע ספּאַראַדישע אויסברוכן און נערוון־דערשיטערונג על־פּי נוסח פּסיכאָ־אַנאַליז; אינפאַנטיליטעט; פאָטער־קאָמפּלעקס; מוטער־קאָמפּלעקס; אינהיביציעס; סטעריליטעט; אָבער וואָס פאַר אַ נעמען מען זאָל די קראַנקהייטן נישט געבן, עקזיסטירן זיי שוין נישט פון נעכטן אָן. דער מאָטיוו איז אונדז שוין באַקאַנט. ער קרייזט אַרום ווי אין אַ צירקל און קערט זיך ציקליש אום צוריק. ב. ריווקין איז גערעכט אין זיין דערקלערונג אין „טאָג” פון 15טן פעברואר 1942, אַז „די עמאָציעס ווערן ווילד, משוגע, רייסן זיך דורך מיט צאָרן און שטורעם און באַשאַפן אַ טייוועלשן אַנטי־מענטש, אַ לעבעדיקן מאַשין־אָפּגאָט — דעם פאַשיזם — וואָס איז די נקמה פון דער מאַשין.” און גערעכט איז ער, מיר דוכט, דערפאַר, ווייל

ער באַגרייפט, אַז די איבערקערענישן ווערן פאַראורזאַכט צוליב דעם וואָס „אַ טייל פון מענטשן, וויל ווערן דער גאַנצער מענטש, די גאַנצע גאַנצקייט, די טאָטאַליטעט". נאָך בעסער דערקלערט ער ווייטער: „קעמפן קעגן טאָטאַליריאַניזם קאָן מען נאָר דורך קאַמף פאַרן טאָטאַלן, גאַנצן מענטשן — פאַר דעם מענטשן וואָס דערקענט אין זיך זיין גאַנצקייט מיט דעם באַשאַפער..." דאָס איז אינטע־רעסאַנט, ווייל עס קומט ווי אומגעריכט פון ב. ריווקינען, וואָס האָט אַליין אָפטמאָל געפּאָטערט און געפּיטערט מיסטישע שטרעמונגען אין דער ליטעראַטור. ערשט איצטער האָט ער אויסגעפונען די געפאַר־טענדענצן, וואָס אַזעלכע שטרעמונגען אנטהאַלטן; און אַז מיר יידן, קאָנען זיך באַזונדערס נישט דערלויבן דעם לוקסוס צו דער־מוטיקן און צו־צולייגן אַ האַנט צו אַזאַ שפּיל מיט פייער. ער טרעט, מיט רעכט, אַרויס אין „טאָג" פון 7טן מערץ, 1942, קעגן דעם אַמעריקאַנער קריטיקער וואַן וויקס ברוקס, ווייל — „דאָ דאַרפן מיר, יידן, אויפמערקזאַם ווערן. ווילנדיק נישט־ווילנדיק ווערן מיר אַ צד אינ'ם שטרייט. מיר קענען די, וואָס האָבן אין אייראָפּע גערעדט וועגן אַ נאַציאָנאַלער נשמה — אָט די מיסטיקער, נשמה־פאַרטייערער ווי איך האָב זיי פאַריגען מאָל אָנגערופן — האָבן זיי געמעגט זיין אפילו גאונים און ערב־גאונים—האָבן זיי זיך באַוועגט אויפן סאַמע ראַנד פון אָפּגרונט פון רעאַקציע. מיסטיציזם, נשמה־פאַרטייערונג גרענעצט זיך מיט אַנטיסעמיטיזם — האָט די דערפאַרונג פון אייראָפּע אונדז געלערנט. עס איז דאָך נישט בלויז האַמסון און דאָסטאָיעווסקי, און ריכאַרד וואַגנער, נאָר אַ וועלט־דערשיינונג. קאָן נאָך, חלילה, געמאָלט זיין, אַז די זיך אויפוועקנדיקע גאונות פון אַמעריקע זאָל נעמען זיך שפּייזן און שפּייזן דאָס לאַנד מיט יידן־שנאה?"

דאָס איז אַ שטער פאַר דער טאָטאַליטעט וואָס באַדאַרף איינשליסן דעם מענטשן, דעם מענטשנס קלאָרן ציל־באַוואוסטזיין, דעם מענטשנס ווערק (מעשי ידיו), און אים אויסהיטן, אין דער זעלבער צייט, ער זאָל זיך נישט לאָזן פאַרשקלאַפן און פאַרקנעכטן צו דער מאַשין, וואָס ווערט אויפן חשבון פון זיין וואוילזיין גאָט און אָפּגאָט; — אָט אַזאַ טאָטאַליטעט באַדאַרף זיין דער ענדציל, וואָס וואָלט אפשר געקאָנט דערמעגלעכן די גאולה, יעדענפאַלס, די פיזישע גאולה, פון מענטשן. ווייל די אומצאָליקע ספּאָראַדישע אויסברוכן, אויפשטאַנדן, רעוואָלטן און רע־וואָלוציעס האָבן ביז איצט, אמת, נישט פאַרבעסערט דעם מהות און מצב פון מענטשן אויף דער וועלט. אין דעם איז די הויפּט־טעזע

פון דער מאָדערנער קונסט גערעכט. נאָר דעם ענטפער וואָס זי גיט, די רפואות וואָס זי פאַרשרייבט קאָנען מיר נישט אַלעמאָל אָננעמען. ווייל, אַז מען וויל, קאָן מען שוין זען אין כאַאָס פון היינטיקן דור־הפלגה, אַ ניצוץ פון דער צערודערטער און צעשפּליטערטער בבל־טורעם עפּאָכע, ווען מענטשן האָבן זיך, ווייזט אויס, אויך אויפגעהערט צו פאַרשטייען, ווען זיי האָבן אפילו גערעדט (ווי היינט רעדן מענטשן!) אויף איין־און־דער־זעל־בער שפּראַך. אין זייער אומרחמנותדיקער נויט (מיטן אויפקום פון דער מאָדערנער אינדוסטריעלער ערע) באַפאַלן אויך די ענגלישע אַרבעטער די וועב־פאַבריקן אין נאָטינגהעם, אין לידז און צעשטערן די וועב־מאַשינען אין וועלכע זיין זען שוין דעמאָלט זייער שונא, און דעם אורקוואַל פון זייער ביטערן גורל. די שניידער אין פּאַריז מאַכן אַ פּאָגראָם אויף די ערשטע ניי־מאַשינען. אין 1797 האָבן שוין די פּאַרמערס אין ניו־דזשוירזי צוריקגעוויזן די ערשטע אַקעראייזנס; זיי האָבן געטענהט, אַז די אַקעראייזנס וועלן פאַרסמן די ערד און אַנשטאָט ברויט וועלן וואַקסן ווילד־גראָז און דערנער. זיי באַנעמען, אויף אַ פּרימיטיוון אופן, אַז מיט דער טעכניק שווימען אַרויף נייע קאָמפּלי־צירטע לעבנס־באַדינגונגען וואָס אַנשטאָט צו באַפרייען דעם מענטשן, פאַרשקלאַפן זיי אים גאָר. אַ פּראָבלעם וואָס איז היינט צו טאָג אַזוי אַקטועל ווי אין יענע יאָרן. זיי דוכט זיך (ווי עס דוכט זיך אויך היינט אַ סך), אַז עס האָט זיך דעם מענטשן געלעבט פיל בעסער אויפן שויס פון דער גוטער מאַמע־ערד, איידער ער האָט אויסגטראַכט—די טייוואָלים—די מאַשינען, און אַז מען דאַרף זיך צוריקקערן צו יענעם אַרט־לעבן.

אָט פון דער צעשפּליטערטקייט, פון דעם געפיל פון „איבעריקייט”,ליידט די גאַנצע קונסט פון אונדזער צייט, אפילו די קונסט פון די גאָר־גאָר גרויסע; ווייל די איבערלעבע און אויסערלעכע צעשפּליטערטקייט פון אַ קעגנגעזעצלעכער און קאַטאַסטראָפאלער איבערגאַנגס־עפּאָכע ווי אונדזערע —איז אין ווידערשפּרוך מיט אַן איינהייטלעכער, קינסטלערישער סימבאָלאָגיע; עס איז אומעגלעך צו שאַפן איצטער פאַררונדיקטע און האַרמאָניש־באַטאָנטע קונסט־ווערק, ווי עס איז געווײנלעך דער פאַל אין סטאַבילע בלי־עפּאָכן. ווען די צייט איז אַ קאַטאַסטראָפאלע, און דעם מענטשן אויף דער וועלט איז שלעכט — כאַפּט ער זיך אָן אין אַלערליי פאַקירישע רפואות. ער בענקט נאָך גאַנצקייט, נאָך טאָטאַליטעט. האָט מען אים דערווייל אונטערגערוקט היטלערס טאָטאַליטעט.

אין ירידה־צייטן, וואָס זיינען געוויינלעך אויך צייטן פון חשבון־הנפש, פון בענקען נאָך דעם פאַרלוירענעם גן־עדן, זוכט דער מענטש אַ טרייסט אין פּרימיטיוויזם, אין טראַדיציע, אין דער אויסגעליידיקטער רעפאָרם־רעליגיע; און מעג זיך טאַקע די ליטעראַטור געשיכטע האָבן אירע אייגענע אויטאָנאָמע געזעצן, באַוועגט זי זיך אָבער פאָרט אין דער אַלגעמיינער היסטאָרישער ראַם פון אַ באַשטימטער עפּאָכע, און אַ באַשטימטע עפּאָכע לייגט אַוועק אַ באַשטימטן חותם אויף אירע וויכטיקסטע פאַרשטייער. ווייל ווי פריי אַ קינסטלער זאָל נישט זיין שעפּט ער דאָך פון ערגעץ זיין גייסטיקע יניקה. און מעג ער ווי סינטעטיזירן זיינע העלדן מוז ער דאָך האָבן אין דמיון רעאַלע מאָדעלן וואָס דאַרפן ווערן (אין פאַרמירונגס־פּראָצעס) אין זיינע הענט כחומר ביד היוצר. אָבער וואו זאָל ער איצטער נעמען פּאָזיטיווע טיפּן, ווען אַלע גייסטיקע ווערטן ליגן פאַרשוועכט און געלעסטערט, און די סאַמע יסודות פון דער וועלט טרייסלען זיך אונטער דער שווערער לאַסט פון חורבן און שנאה. סיידן איינער לאָזט זיך איינרעדן, און נעמט אָן פאַר ליב אַ „נאַרס גן־עדן". וואָס גרעסער דער קינסטלער איז, אַלץ אַ גרעסערע פאַרשטענדעניש האָט ער אָבער פאַר זיין צייט און פאַר די פּראָבלעמען פון זיין צייט. דערפאַר פאַראייניקט טאַקע די שפּיצן פון דער היינטיקער קונסט, ווי פאַרשידן זיי זאָלן נישט זיין, און אין וועלכע שפּראַכן זיי זאָלן נישט שאַפן, אַן אַלגעמיינע באַנאַכטיקע צעשויבערטקייט, אַן אַלגעמיינער שטראָם פון צערודערטקייט, סימפּטאָמען פון אונטער־באַוואוסטזיניקער שטאַמלעריי, און אַ נייגונג צו אימפּראָוויזירן שפּראַכלעכן כאַאָס, און אויפלייזן אין גראָטעסק זייער נאַטירלעכע שלימות פון קינסטלערישן אויסדרוק. אָט דאָס איז דער אידיאָם פון אונדזער צייט. אָט דער שטריך איז באַזונדערס קאָנטיק ביי די וואָגנדיקע באַגייער, און נישט ביי די וועמען עס איז אָנגעלייגט צו ווידערהאַלטן זיך, און צו טאַפּטשען זיך אַ לעבנלאַנג אויף איין אָרט. די ערשטע ווילן אָפּטמאָל שאַפן מיט געוואַלט, מיט באַוואוסטזיניקן קינסטלערישן אָנשטרענג, אַ פאָרם וואָס זאָל פּרעציז איבערגעבן דעם אויסערלעכן און אינערלעכן כאַאָס פון דער וועלט אין וועלכער זיי לעבן: און די צווייטע העלפן שפּעטער (אָפּטמאָל אומבאַוואוסטזיניק) באַפעסטיקן און פּאָפּולער מאַכן די דערגרייכונגען פון די ערשטע, וואָס האָבן אָפּטמאָל געליטן, באַליידיקט און פאַרפאַלגט געוואָרן פאַר זייער געוואָגטקייט און פאַר זייער געניוס. אַזוי איז דאָס אין לעבן און אַזוי איז דאָס אין דער קונסט. ווייל מיר נעמען דאָך שפּעטער אָן,

אָפּטמאַל אין אַ פאַרוואָסערטער פאָרם, די זעלבע געוואָגטע קינסט־לערישע אַנטפּלעקונגען, וועלכע מיר האָבן אָפּטמאַל ביים אַנהויב באַקעמפט.

אָבער איינע פון די אַממערסטן פאַרשריבענע רפואות אין ירידה־צייטן איז די „נאַטור". די נאַטור, נישט ווי אַן אַל־אַרומנעמענדיקע פאַנטעאיסטישע אנשויאונג, — נאָר נאַטור אין אַ שמאָלן און באַגרעניצטן זין; אַ מין פּרעהיסטאָרישער פּרימיטיוויזם. קעגן אַזעלכע באגריפען פון נאַטור איז מסתם שפּינאָזע שאַרף אַרויסגעטראַטן אין זיין „עטיק": „...זיי שרייבן צו מענטשלעכע אַנמאַכט און אומבאַשטענדיקייט נישט צו דער געמיינזאַמער השפּעה פון דער נאַטור, נאָר צו דעם מיסטעריעזן ברוך אין דער נאַטור פון דעם מענטשן, וועלכן זיי באַוויינען, פאַרשפּאָטן, פאַראַכטן, אָדער ווי עס פאַסירט געוויינלעך, זיי באַליידיקן אים; און ווער עס קאָן עלאָקווענט באַווייזן און שאַרף כאַראַקטעריזירן די שוואַכקייט פון דעם מענטשלעכן גייסט, ווערט באַטראַכט אַלס אַ נביא... די נאַטור איז תמיד און אומעטום די זעלבע, דאָס הייסט, די געזעצן און רעגלען פון דער נאַטור, לויט וועלכע אַלץ געשעט און לויט וועלכע איין פאָרם ווערט אין אַ צווייטער פאַרוואַנדלט, זיינען אומעטום און שטענדיק די זעלבע".

אין צייטן פון אַנשטייענדיקע קריזיסן, אין צייטן ווען עס שטייגט דער עלנט פון מענטשלעכן גייסט, שטייען אויף נביאים, וואָס קערן אָפּ, אין פאַרביטערטקייט, זייער פּנים פון שטאָט — זאַמלפּונקט פון רשעות — און וועקן און רופן דעם מענטשן „צוריק צו דער נאַטור!" נאָך פיל שאַרפע באַרוישונגען און שווערע אנטוישונגען קומט אויך האַלפערן אַצינד צו אַן ענלעכן לעצטן באַשלוס:

> זאָל די בייזקייט, זאָג איך, צוריק אין די וועלדער
> וואו זי איז געווען ביים אַנהויב וועלט;
> און זאָל אָקס אין יאָך מיט מענטש אינאיינעם
> זיך אומקערן צוריק אין פעלד.

די אַלע, וואָס טיילן דיזעלבע אנשויאונג, פאַרגעסן אין זאַך: אַז מעג דער אָקס זיין די „גליקליכסטע" באַשעפעניש אויף דער וועלט, וועט זיך דער מענטש נישט בייטן מיט אים מיט זיין מערכה. ווייל דער מענטש, להיפּוך צו אַלע אַנדערע באַשעפענישן, איז לויט פּאַסקאַלן, „די איינציקע באַשעפעניש וואָס איז פּייאיק צו באַגרייפן איר אומגליק". זייער קנאה צום אָקס און צום פויער איז בלויז אַן איבערטריבענע

אידעאַליזירונג וואָס וואַקסט אַרויס פון זייער אייגענער אומבאַהאָלפּנ־
קייט, פון זייער מיזערנעם צושטאַנד:

אַ, פּויער, דו פּרעמדער, מיינער,
פונוואַנען נעמסטו דיין רו ?
ווען וועל איך מיין אומטבראַיט עסן —
רואיק אַזוי ווי דו ?

אויך פּרץ הירשביין איז ביי אונדז איינער פון די וואָס האָט אַ
מיסטישן און יראת־הכבודיקן צוגאַנג צו „ערד" און צום „פּויער".
אָבער אַזוי ווי ער זעט נישט אַלעמאָל דעם מענטשן אין זיין טאָטאַ־
ליטעט, רופט ער אַרויס אָפּטמאָל, מיט די בעסטע כוונות, אַ מחיצה
צווישן מענטשן פון שטאָט און מענטשן פון דער ערד: „ער, דער
מענטש, פון דער ערד, נעמט צונויף נאָר די ברכות, נאָר דעם חסד,
וואָס די ערד האָט אים מיט פולן האַרצן געגעבן, און צעשיקט עס צו די
אַלע וואָס פרעמד איז זיי די ערד — צו דעם מענטשן פון שטאָט; און
דעמאָלט, אין צייט פון גערעטעניש, איז שוין ממילא הימל און ערד פאַר
אים איינס; דעמאָלט איז ער אַליין — כאָטש ער ווייסט נישט — גאָט
און באַשעפער; גוטער גאָט און גוטער באַשעפער". (ערד, „סטודיאָ",
1934).

אַזאַ פּרימיטיווער רוף צוריקצוקערן זיך צו דער „ערד" (ווען דאָס
זאָל אפילו מעגלעך זיין — און ס'איז נישט מעגלעך!) קלינגט
היינטצוטאָג שוין קינדיש און נאַאיוו. דאָס איז אַ באַגרעניצטע קאָנ־
צעפּציע, וואָס שליסט אויס די שטאָט, דעם מענטשן און דעם מענטשנס
שכל! ווייל דער שטאָט־מענטש און דעם שטאָט־מענטשנס שכל —
זיינען פּונקט אַזוי, נאַטור (אין זין פון שפּינאָזאָס פּאַנטעאיסטישן
באַגריף פון וועלט־אַל) ווי בערג, בוימער, טייכן, זון, ווינט און שטערן.
יעדער קרעאַטיווער דראַנג, יעדער קינסטלערישע און וויסנשאַפט־
לעכע דערגרייכונג דאַרף און מוז באַטראַכט ווערן ווי אַ זיג פון
שכלדיקן מענטשן, און במילא אַלס אַ טייל פון דער נאַטורס גאַנצקייט,
טאָטאַליטעט. מען קאָן האָבן טענות ווי אַזוי דאָס אַלץ ווערט באַנוצט,
אָדער בעסער געזאָגט, קאָנטראָלירט און אויסגענוצט; די ראָמאַנטישע
נאַטוראַליסטן ווילן אָבער אויסשליסן די אַלע נאַטירלעך־מענטשלעכע
אייגנטימלעכקייטן וואָס שטימען ניט מיט זייער ראָמאַנטישער אָנ־
שויאונג. דער אַמעריקאַנער שריפטשטעלער טאָראָ שרייבט אין זיין
באַרימט ווערק וואָלדן: „איך האָב ליב די נאַטור טיילווייז דערפאַר
ווייל זי איז נישט מענטש, נאָר אַן אַפּנויג פון אים... וואָס ער רירט

אַן , פּאַראומרייניקט ער". און, להבדיל צו טאַראַן — דערלויבט זיך שוין אין אונדזער הרת־עולמדיקע טעג דער איטאַליעניש פוטוריסטיש־פאַשיסטישער פּאָעט מאַרינעטי אַ זאָג צו טאָן: „מיר האָבן מער מיטגעפיל פאַר דער פאַרבאַרגענער קראַפט אין האָלץ אָדער אין אייזן — ווי פאַר די טרערן פון אַן אומבאַהאָלפענער פרוי!" אַט־דאָס איז היהשער אור־געשריי, וואָס וויל מיט געוואַלד פאַרטויבן די ליכטיקע ירושה און דאָס הומאַנע קול אין דער ליטעראַטור.

און עס ווייזט ווידעראַמאָל ריכטיק אַן דער שפּאַנישער דענקער אָרטעגאַ א. גאַסעט: „דער דאָמינירנדיקער טיפּ מענטש איז היינטצוטאָג אַ פּרימיטיוועך, אַ דערוואַכנדיקער נאַטור־מענטש אין מיטן פון אַ ציוויליזירטער וועלט. דער דאַזיקער נייער מענטש וויל האָבן זיין אָטאָמאָביל און האָט הנאה פון אים, ער גלויבט אָבער אַז דער אָטאָמאָביל איז אַ ספּאָנטאַנע פרוכט וואָס וואַקסט פון זיך אַליין אויף אַ גן־עדן בוים. טיף אין זיין נשמה באַגרייפט ער נישט דעם געקינצלטן, כמעט אומגלויבלעכן כאַראַקטער פון דער ציוויליזאַציע. דערפאַר פעלט אים דער ענטוזיאַזם פאַר די אינסטרומענטן און די פּרינ־ציפּן וואָס רעאַליזירן די אַלע זאַכן פון וועלכע ער האָט אַזוי הנאה... אין גריכנלאַנד און אין רוים איז נישט דער מענטש דורכגעפאַלן, נאָר די פּרינציפּן. ווען די באַפעלקערונג איז זיך דאָרטן ריזיק צעוואַקסן, און געזומען פאָדערן אַ וועג ווי אַזוי צו פאַרענטפערן די מאַטעריעלע שוועריקייטן וואָס בלויז די טעכניק קאָן לייזן, האָט די אַלטע וועלט אָנגעהויבן צו גייען אויף צוריק, און פאַלן און פוילן. אָבער היינט־צו־טאָג איז דער מענטש אַ דורכפאַל, ווייל ער קאָן נישט גייען אין שפּאַן מיט דעם פּראָגרעס פון זיין אייגענער ציוויליזאַציע... מיר לעבן אין אַ צייט ווען דער מענטש איז הערשער איבער אַלע זאַכן, נאָר מיט דעם אַלץ איז ער אָבער נישט דער הערשער איבער זיך אַליין".

אויך דוד בערגלסאָן האָט אַמאָל, פאַרבייגייענדיק, זייער טרעפלעך אוועקגעלייגט דעם פינגער אויף דעם גאַנצן קראַנקן פּלאָנטער פון דערדאַזיקער פּראָבלעם, ווען ער איז נאָך אין 1934, אויפ'ן גרויסן שרייבער־קאָנגרעס אין מאָסקווע, אַרויסגעטראָטן קעגן „געוויסע שריי־בער, וועמעס אויפגאַבע איז צו איזאָלירן זייערע העלדן פון דער גאַנצער דיאַלעקטיק פון דעם אַרומיקן לעבן; זיי באַמיען זיך אַרויסצורוקען אין פראָנט די פּערזענליכקייט פון דעם העלד און צו דערמוטיקן זיין יחידהשע זשעדנעקייט". אָבער אַמוויכטיקסטן איז דער ביישפּיל וואָס ער האָט שוין דעמאָלט געבראַכט, און זיין ענטפער קאָן דינען אַלס

ענטפער צו אַלע ראָמאַנטישע נאַטוראַליסטן: „איינס פון די מערקוויר־דיקסטע ווערק אין דער מערב־ליטעראַטור, אין די לעצטע יאָרן, איז קנוט האַמסונס „ברכה פון דער ערד" וואו זיינע איזאָלירטע העלדן זיינען זיך גאַנץ גוט מחיה אויפן שויס פון דער נאַטור ווען עס באַווייזט זיך דאָרט אַ טראַקטאָר". בערגלסאָן פאָרמולירט די געֶרעכטע טענה אַזוי: „דער מחבר שילדערט דעם מאַטעריאַלן וואוקס פון זיין העלד, און דערמאָנט אפילו מיט קיין איין וואָרט נישט, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי אַן אינדוסטריעלער צענטער, אַ שטאָט וואָס קאָרמעט זיין פויערשע באַלעבאַטישקייט מיט איר טעכניק". („ליטעראַטורנאַיאַ גאַ־זעטאַ", 1934).

האַלפּערנס נאַטור־אַנשויאונג טיילן ביי אונדז אויך, טיילוויז, די נאָוועליסטן און דיכטער י. אָפּאַטאָשו, דוד איגנאַטאָוו, אַ. ראַבאָי, י. ראַלניק, טיילוויז י.י. שוואַרץ און פיל אַנדערע דיכטער און פּראָזע שרייבער. ביי איגנאַטאָוו און ביי ראַבאָיען איז אָבער אָפּטמאָל דער „רוף צוריק צו דער ערד" אַ באַוואוסטזיניקער אויסדרוק פון נאַ־ציאָנאַלן דראַנג צו לייזן די סאָציאַלע פּראָבלעם פון דעם „קראַנקן" יידישן אינטעליגענט און יידישן „לופט־מענטש". ביידע (באַזונדערס איגנאַטאָוו) באַטראַכטן די „ערד" ווי אַ פּסיכיש־פיזישן קאָרעקטיוו, וואָס קאָן פאַרוואַנדלען דעם אויסגעוואָרצלטן יידן, אַז אַ באַדן אונטער די פיס, אין אַ געזונטן פּראָדוצירנדיקן מענטשן, ווי דאָס פּריידיקט ביי אונדז אומדערמידלעך שוין יאָרן דר. חיים זשיטלאָווסקי; און אָט־דער באַרוף דאַרף גילטן אַלס סגולה צו פאַרוואַנדלען דעם אַנטיסעמי־טיזם — די אייביק־הנגענדיקע שווערד איבער אונדז — אין דער ברכה וואָס ליגט אין אַקעראייזן. ביי זיי איז דאָס אַ דערלייזונג פון אַ ספּעציפיש־יידישער אַבנאָרמאַלער לאַגע: „אין דער סאָכע ליגט דאָס ברכה", ווען ביי האַלפּערנען איז דאָס געוואָרן דער אויסגאַנג פון אַן אַלגעמיין פילאָזאָפישן קוק אויף וועלט און מענטש. ער גלויבט נישט איצט, אַז די סאָציאַלע אָרדנונג (אויף וועלכער מען האָפט שוין אַזוי לאַנג) וועט קאָנען פאַרענטפערן אַלע קאָמפּליצירטע ספערן פון מענטשענס נשמה־לעבן. ער גיט אונדז אָנצוהערן, אַז דער מענטש איז נישט נאָר אַ בעל־שכל, נאָר אַז ער איז מערסטענס באַהערשט פון איראַציאָנאַלע רעגונגען און פּסיכישע שפּירונגען, וואָס ענדיקן זיך נישט בלויז מיט אוטיליטאַרע אינסטינקטן און מיט עקאָנאָמישע אינטערעסן. ער שטעלט אַלעמאָל פראַגן און מאַכט אַלעמאָל רעזער־וואַציעס:

און אַז די זון וועקט אויף, און דופט פון טוי איז דאָ פון דרויסן.
און אַז פון וואַנטשטייגל אפילו קען מען זינגען הערן:
— ווער רופט מען זאָל זיך אָנצינדן אַ לעמפּל אויפן שטערן,
און לאָזן זיך אין טיפסטע אָפּגרונטן אַרונטערשטויסן?

כאָטש ער האָט נאָך אפילו אין די יאָרן אָפטמאָל געהאַט אַן ענטפער אויף זיינע אייגענע תרעומות און פראַגן:

איך זע אין גאָלד ביים שפּיל — די פראַצע בלוט פון הענט און אויגן,
געהיט פון בערזע־פּאַטריאָט און פּאַרלאַמענטן־שרייער,
וואָס פּראַווען פּאַלאַץ־אונטערצינדער מיט ראַקעטן־פייער,
און סטראַשעט אומרעכט — לויט געזעץ מיט קינדער פיילנבויגן.

פאַר וועמען ליכט וואָס פרעסט די נאַכט און די אַנגנסן אויבן —
איך זע פעלקער־סוחרים, קאַרליקלעך וואָס שפּיל זיך אין ריזן,
מיט קוליעס אונטער זיך אַליין, מיט קינדער־קעפּ אויף שפּיזן
און פאָן־געפלאַטער — הורנהעמד אינמיטן וועלט פאַרהויבן!

אָבער פון דעם ענטפער און פון דעם גאולה־רוף צוריקצוקערן זיך צו דער גוטער מוטער־ערד — זיינען אויך אַרויסגעוואַקסן קאַמפּ־ליצירטע און אין זיך סותרדיקע ענטפערס. ווייל עס איז שוין לייכטער צו באַגרייפן דעם זין פון דער צווייטער עקסטרעמער און קאָנסעקווענ־טער אנשויאונג, אַז דער מענטש ווערט געבוירן שלעכט (כי יצר לב אדם רע מנעוריו), און אַלע זיינע מעשים ווערן דיקטירט פון זיין איינגעבוירענער רשעות, ווי איינטיילן די נאַטור אין צווי קאַטעגאָריעס: אין אַ דאָרפישער און אין אַ שטאָטישער; און וואָס פאַר אַ זין האָט היינט דער צעשייד צווישן דאָרף און שטאָט, ווען אַ דאַנק די מאָדערנע קאָמוניקאַציע־מיטלען: — שיף, באַן, אָטאָמאָביל, עראָפּלאַן, שפּילט דער צעשייד פון שטח קיין שום ראָל נישט מערער. אמת, נישט אַלע קינסטלער האָבן אַלעמאָל אַזוי איינגעטיילט די נאַטור, און נישט יעדער איינער האָט אין איר געזען אַ קוואַל פון היילנדיקע ברכות.

די ענדערונגען וואָס די פאָרמס האָבן דורכגעמאַכט אין די לעצטע יאָרן, הן אין טעכנישן זין, הן אין עקאָנאָמישן זין, — די שווערע ציגזן אויף די פאָרמשכנטע פאָרמס, דער טויש און אויסטויש צווישן שטאָט און פאָרם, די גרויסע גיטער וואָס ווערן באַאַרבעט מיט דער סאַמע לעצטער מאַשינעריע (געבראַכט פון שטאָט, נאַטירלעך!) זיינען איצטער פונקט ווי די שטאָטישע פאַבריקן רעסורסן פון עקספּלואַטאַציע און נויט. (זע סטיינבעקס באַרימטע נאָוועלע „טרויבן פון צאָרן״,

פוירל באָקס נאָוועלע „די גוטע ערד", און אַנדערע זיך מערנדיקע דאָקומענטן פון דעם סאָרט.) אין די ווערק ווערן טאַקע די פּאַרמס געשילדערט ווי אַגראַרישע אָפּטיילונגען פון שטאָטישן „סוועטשאָפּ" און שטאָטישער נויט. האַלפערן ווייסט דאָס אַליין. ווייל נאָך אין די יאָרן וויזט ער אַרויס פון צייט־צו־צייט אין אַ פערז אַ קלאָרע פאַר־שטענדניש פאַר געזעלשאַפטליכע קאָנפליקטן —

אין אַוודאי דאַרף וואַקסן לעבן פון ברויט —
און ניט קיין איבעריק געלט וואָס איז טויט!
נאָר ס׳קאָצל קומט — דאָ הויבט זיך אָן
די מחלוקת פון ראָבאָט, מאַגנאַט און באַראָן.

אין דעם איינעם פערז באַרירט ער די הויפּט־ספּרונזשינעס אין דעם קאָמפּליצירטן מעכאַניזם פון אַן עקאָנאָמיש־פוילנדיקן און גייסטיק־צעפאַלנדיקן אָרגאַניזם. דאָ איז פאַראַן אַ פאַרטיפטע סאָציאַל־פּאָעטישע אויסטייטשונג. דאָס איז אַ גוט־געשטעלטער דיאַגנאָז. דער פּראָגנאָז, די רפואה וואָס ער פאַרשרייבט איז שוין צווייפלהאַפט. ער רופט צוריק אין וואַלד אַריין, אין פעלד אַריין, — צוריק צו דער ערד! גלייך ווי זיי וואָלטן נאָך געווען אויטאָנאָמע פּלאַנעטן ערגעץ אונטער די הרי־חשך, און אין זייער פּרימיטיוון צושטאַנד פון ששת ימי בראשית. און אין אַט־אָ־דער פּרימיטיווער אנשויאונג קאָנען אַמאָל ליגן פאַרבאָרגן אַלערליי שטרויכלונגען און אַלערליי סכנות. און ווער ווייסט אויף וויפיל די אַנשויאונג האָט געהאַט צו טאָן מיט האַמסונס איבערגאַנג צו די ערגסטע עלעמענטן אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

ווייל אויב האַמסון קאָן נאָך דורכן קריזיס פון דער ערשטער וועלט־מלחמה מזווג זיין זיינע קראַנקע און אַנטוישטע נעוראַסטעניקער מיט דער „ברכה פון דער ערד", מיט דער נאַטור, וואָס ווירקט אויף זיי ווי אַ פיזיש־פּסיכישער קאָרעקטיוו, ווי אַ געגעזונג, קאָן ער דאָס שוין אָבער מער נישט באַווייזן דורכן גרויסן אָנשטייענדיקן קריזיס פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער איז צופיל גרויסער קינסטלער נישט צו אַנען די אוממעגלעכקייט ווייטער צו שפּינען דעם פאָדעם פון זיין אידעאַליזירטן פּאַסטאָראַל. ווען די יסודות פון דער וועלט שאָקלען זיך און עס איז מער נישטאָ קיין אָרט אויף דער וועלט וואו זיין העלד „אייזיק" קאָן זיך אויסבאַהאַלטן פון דער געפאַר, איז ער קאָנסע־קווענט און נעמט אָן היטלערס פּראָגראַם פון — „בלוט און באָדן". אין איינעם פון זיינע לעצטע ראָמאַנען, געשריבן פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, און וואָס הייסט אין ענגליש „לוק בעק

אַן העפּינעסס" („דערמאָן זיך אָן פאַרלוירענעם גליק"), פּירט שוין נישט האַמסון דעם העלד פון ראָמאַן, צוריק אויף דער שויס פון דער מוטער־ערד — נאָר אין אַ הייל, אין די טיפענישן פון דער ערדס געדערים, וואו זיין איינציקע שכנטע און חברטע איז — אַ מויז! (אַ פאַרשאַרפטע פאָרם פון פּראָטעסט און עקל צו דער שטאָט און צו דעם מענטשנס אינדוסטריעלער ציוויליזאַציע.) אין אָט־דעם קערנדל, דוכט מיר, איז שוין געווען פאַרזייט די שפּעטערדיקע „בלום" פון זיין פאַשיזם, און זיין „ברכה פון דער ערד" האָט ער איבערגעגעבן זיין לאַנדסמאַן דעם היטלעריסט ווידקון קוויזלינג.

אין דעם ראָמאַן, (וואָס איז דערשינען אַזוי שפּעט ווי 1940), מערער ווי אין זיינע אַלע אַנדערע ראָמאַנען, דערפירט דאָ האַמסון זיין צענטראַלע אידייע פון נאַטור־אינסטינקטן קולט — צו דער עקסטרעמסטער קאָנסעקווענץ. אויפ'ן ערשטן זייטל פון בוך דערציילט אונדז תיכף זיין העלד, (אין האַמסונס געוויינלעכן אויטאָביאָגראַפיש־קינסטלערישן ליריזם): „טאָג און בייגאַכט געפין איך זיך אין אַ פאַרוואָרלאָזטער ליימיקער הייל וואוהין מיר קומט אויס אַריינצוקריכן אויף אַלע פיר". — ער שטעלט באַלד די פראַגע: „צי לוינט זיך אַזאַ לעבן?" כדי ער זאָל אונדז באַלד קאָנען פאַרוואַרפן אַ שלל ענטפערן: „אָט־דאָ האָסטו זיך שוין פאַרראַטן. דאָס איז אַ סאָרט לעבן וואָס דו הייבסט ניט אָן צו פאַרשטיין. יאָ, דיין היים איז אין שטאָט, וואו דו האָסט זי אויסמעבלירט מיט בילדער און ביכער, און אַלערליי נאַרישקייטן. אבער איך האָב דאָ געפונען פרידן... מיר לעבן דאָ זאַלבעצווייט, דאָס הייסט, אויב דו באַטראַכסט די מאַדאַם ווי אַ פּערזאָן; אַז נישט בין איך דאָ איינער אַליין. מאַדאַם — איז אַ מויז, וואָס וואוינט דאָ מיט מיר און וועמען איך האָב צוגעטיילט דעם בכבודיקן טיטול". עס פילט זיך אַ קרענקלעכע און קאַראַנקהאַפטע צופרידנ־קייט אין דעם געפיל פון רעוואַנש, וואָס האַמסון נעמט אין דער שטאָט און אין שטאָט־מענטשן. עס כאַפּט אונדז אַרום אַ געפיל פון אומ־היימלעכקייט פון דעם פרידן וואָס ער האָט ענדלעך געפונען מיט זיין מאַדאַם־מויז, זיין בחיר־היצירה; מ'קאָן אָבער נישט אָפּלייקענען, אַז זיין צענטראַלע אידייע האָט ער דאָ דערפירט ביז „איבערמענטש־לעכער" קאָנסעקווענץ.

די ערשטע גרויסע און גרינטלעכע אַטאַקע אויף אונדזער מאָ־דערנער ציוויליזאַציע וואָס זינט דעמאָלט איז זי שוין אומצייליקע מאָל וואַריאירט געוואָרן, איז געווען זשאַן זשאַק רוסאָ באַרימטע

פרייז־עסיי: „האָט די וויסנשאַפט בייגעטראָגן צום וואוילזיין פון מענטשן", געשריבן אין 1749. זשאַן זשאַק רוסאָ קאָן בלי ספק באַטראַכט ווערן פאַר דעם ערשטן גרויסן און פול־באַוואוסטזיניקן פרימיטיוויסט און זיין שאַרפער אַרויסטריט, מיט מורא און פאַרדאַכט, קעגן דער אויפקומענדיקער טעכנאָלאָגישער ציוויליזאַציע, איז אפשר געווען דער אור־קוואַל פון אַן אַנשויאונג וואָס האָט גענערט און נערט נאָך עד היום קינסטלער און דענקער מיט נייגונגען צום בלינדן פרימיטיוויזם. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין חותם אויפן גייסט פון אַ סך שפּעטערדיקע דורות. אין זיין „עמיל" שרייבט ער: „ס'איז גאָר ניטאָ קיין נאַטירלעכע שלעכטסקייטן אין האַרצן פון מענטשן, אַלע ערשטע אימפּולסן, אַלע נאַטירלעכע האַרץ־באַגערן, זיינען גוט און אויפריכטיק, אַלע פרימיטיוועליידנשאַפטן — איידל און ליב, דאָס שלעכטע אין מענטשן איז אַ קינסטלערישער פלאַנץ — עס קומט פון זיין סביבה—וועלכע איז זעלטן נאַטירלעך". עד כאַן—איז גוט. אָבער ווען ער רעזאָנירט:—„דערפאַר איז דער איינציקער אויסוועג זיך צוריק־צוקערן צום לעבן פון יענע צייטן, ווען די ערשטע אימפּולסן, און במילא די גוטע, זיינען געווען די געזעצן". ווילט זיך וויסן וועלכן גן־עדן האָט דאָ רוסאָ אין זינען געהאַט? און וואָס פאַר אַ היסטאָרישע עפּאָכע האָט ער אין זינען געהאַט? איז דאָך שוין די אור־אַלטע געשיכטע פול מיט לעגענ־דעס און מיטאָסן פון שנאה און קנאה. און וואָס איז דער קין־הבל מיטאָס, וואָס רעגט אַזוי נאָכאַנאַנד יעדן קינסטלער־דור, ווייל דער מאָטיוו איז אייביק און אַלעמאַל צייטלעך. שוין אָפּגערעדט פון די ביטערע קאַמפן און מלחמות וואָס זיינען שוין געפירט געוואָרן, אפילו דעמאָלט, „ווען די ערשטע אימפּולסן און במילא די גוטע, זיינען געווען די געזעצן".

רוסאָס געניוס איז אומדערמידלעך אַרויסגעטראָטן קעגן דער צביעות פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט. ער איז אָבער געווען פול מיט ווידערשפּרוכן — ווי ער איז שפּעטער מיט יאָרן געווען פול מיט ווידערשפּרוכן — זיין געניאַלער תלמיד, דער טיטאַן טאָלסטאָי. עס ווערט דערציילט, אַז ווען וואָלטער, רוסאָס צייט־חבר, האָט איבער־געלייענט רוסאָס קריטיק און פּאָלעמיק קעגן דער וויסנשאַפט, זאָל ער אים האָבן געענטפערט: „מיין ליבער רוסאָ, ווען איך האָב פאַר־ענדיקט לייענען דיין עסעי, האָט זיך מיר געוואָלט אַוועק אין וואַלד, און דאָרט אָנהויבן צו קריכן אויף אַלע פיר..." די פרימיטיווע אַנשויאונג, (מעגן אירע כוונות זיין די בעסטע), טראָגט אין זיך גרינג־

שעצונג צום מענטשן און צו זיינע דערגרייכונגען, און וואָלטער האָט גישט געקאָנט אָקצעפּטירן, אַז דער מענטש זאָל באַלד, ביים אָנהויב, רעדוצירט ווערן צום שטאַנד פון אַ בהמה אין פעלד.

דער מענטשלעכער רצון שפּילט אָדער באַדאַרף שפּילן, אַ באַשטימטע אַנטשיידענדע ראָל אין מענטשנס אויסוואַל צווישן שלעכט און גוט. און אויב דער מענטש ווערט נישט אינגאַנצן געבוירן מיט אַ פרייען ווילן, וואָלט אָבער דער ווילן באַדאַרפט זיין, און איז, אָפּטמאָל, אַן אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר. אין תהילים געפינען מיר דעם טיפן פּסוק: „ותחסרהו מעט מאלהים" און „וכל שתה תחת רגליו" (און דו האָט אים אַביסל נאָר ווייניקער געמאַכט פון גאָט; אַלץ האָסטו אונטערגעוואָרפן זיינע פיס), — וואָס איז אינגאַנצן אַן אַפּלייקענונג פון דער מינדערווערטיקער באַציאונג און גלויבן אין מענטשן, וואָס האָט אויך אַרומגעכאַפּט און באַהערשט פיל קינסטלערישע און גייסטיקע ספערן. מיר דאַכט זיך, אַז דער־דאָזיקער פרימיטיווער איינשטעל, וואָס טראָגט אין זיך אַלערליי געפאַרן, איז געוועזן אַ פאַקטאָר (אַ חוץ אַנדערע וויכטיקע פאַקטאָרן, נאַטירלעך), וואָס האָט באַווירקט, שאָדן געבראַכט און דערפירט אַ סך גאָר־גאָר וויכטיקע קינסטלער מיט פרימיטיווע נייגונגען, צו אַלערליי אָבסקוראַנטע ריכטונגען און שענד־לעכע און אומגלויבלעכע אַקציעס. און פאַרבייגייענדיק, וועל איך זיך באַ־מיען צו ברענגען דאָ בלויז אַ פּאָר אילוסטראַציעס פאַר מיין באַהויפּטונג.

די אילוסטראַציעס דאַרפן באַווייזן, ווי אַזוי די פּראָבלעם פון „בלוט" און „ערד" איז אַלעמאָל געשטאַנען און שטייט נאָך היינט שאַרף אויפן טאָגעס־אָרדענונג, ווי אַ צענטראַלע אידייע וואָס דאַרף נאָך אַלץ געלייזט ווערן און פאַרענטפערט ווערן.

ד. ה. לאָרענס, דער ענגלישער נאָוועליסט, וואָס האָט אין די לעצטע יאָרן געהאַט זייער אַ גרויסע ווירקונג אויפן אינגערן דור קינסטלער אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע, איז אַלעמאָל אַרויסגעטראָטן מיט פיינט־שאַפט קעגן דער מאָדערנער, „מאַטעריאַליסטישער" ציוויליזאַציע. ער האָט אומדערמידליך גערופן צוריק צום פרימיטיוון שטאַנד; און פאַר זיין טויט האָט ער געהאַט גוטע רייד פאַר מוסאָליניס „נייער עקאָנאָמיק". ער האָט אַלעמאָל ביטער אָפּגעלאַכט פון מענטשלעכן שכל. אין אַ בריוו צו זיין חבר און נאָכפאָלגער, דעם באַרימטן ענג־לישן שריפטשטעלער, אַלדוס אַקסלי, דעפינירט לאָרענס אויף אַזאַ אופן זיין קינסטלערישע קרעדאָ: „מיר קאָנען באַגייען טעותן מיט

אונדזער שכל, אָבער וואָס דאָס בלוט פילט, גלויבט און זאָגט אונדז אונטער — איז אַלעמאָל אמת!״ לאָרענס האָט אין זיין בלינדער נאַאיווקייט פּרובירט צו שטילן זיין אומרו, און זיין אומצופרידנקייט מיטן היינטיקן סדר־העולם — דורך פאַרעלעכן די פּרימיטיווע אַצטעקער קולטור. ער האָט געעצהט, אַז אין העפטן און אויפנייען קליידער פאַר זיך אַליין, וועט מען ענדלעך געפינען די לאַנג־געגאַרטע זעלן־רו. ער האָט געצאַרנט, ווי די אַמאַליקע ענגלישע וועבער, קעגן די טייוולשע מאַשינען, אין וועלכע ער האָט געזען דעם קוואַל פון אַלע רשעותן. בלויז אויף דעם אופן — האָט ער געדענקט — קאָנען מיר ווידער געפינען דעם וועג צום פאַרלוירענעם גן־עדן.

מידלטאָן מאַרעי, אַן ענגלישער קריטיקער, לאָרענסעס ביאָגראַף און ערשטער רעדאַקטאָר, מיט ענלעכע מיסטישע נייגונגען ווי לאָרענס, דרוקט איצטער אין זיין זשורנאַל „אַדעלפאַי״, לאָנדאָן, משונהדיקע אינסינואַציעס וועגן „פּראָגרעס״ און וועגן „אידן״ אונטער דעם אויסרייד, אַז דאָס אַלץ איז לטובת דעם פּרימיטיוון סדר העולם.

דער נעוראַסטעניקער, דער פראַנצויזישער נאָוועליסט, סעלין, דער מחבר פון באַרימטן בוך „אַ נסיעה דורכן סוף פון דער נאַכט״ איז נאָך איין עקסטרעמער ביישפּיל פון דעם מין שריפט־שטעלער פּרימיטיוויסטן. דער פראַנצויז, דער איצטיקער פאַשיסט, האָט נאָך מיט יאָרן צוריק געשריבן, אַז „דער מענטש האָט ניט געטאָרט אַרויס פון וואַלד״. שוין אָפּגערעדט פון האַמסונען און צענדליקע אַנדערע וויכטיקע, און ווייניקער וויכטיקע שריפטשטעלער און קינסט־לער פון דעם מין.

די דאָזיקע שטרעמונג האָט זיך באַזונדערס ווילד צעבליט אין די נאַצישע און פאַשיסטישע לענדער.

גאַנץ מעגלעך, אַז איך איבערטרייב דאָ די ווירקונג וואָס דער פּרימיטיוו־פילאָזאָפישער איינשטעל האָט געהאַט אויף דער צעשרויפּ־טער פּסיכיק און אויף דער קינסטלערישער אַנטוויקלונג פון דער אויבנדערמאַנטער ריכטונג. אָבער אָפּטמאַל, דוכט מיר, אַז עס איז אין דעם פאַראַן פיל מער ווי ריינער צופאַל. אָפּטמאַל דוכט מיר, אַז אין דער מיסטיפיצירנדיקער טעאָריע פון אור־אור־אינסטינקטן און אין דער גלאָריפיצירונג פון „בלוט״ ליגן אַ סך לויערנדיקע געפאַרן און שווערע שטרויכלונגען, וואָס זיינען סימפּטאָמאַטיש און שפּיגלען אָפּ די קראַנקהייט פון אונדזער צייט.

עס איז קיין שום ספק נישט, אַז די אנשויאונגען פון „בלוט״ און „מוטער־ערד״ לאָזן זיך לייכט מיסברויכן און אָנווענדן אויף פאַר־שידענערליי סכנותדיקע צוועקן און כלומרשטע „הייליקע״ צילן. עס וואָלט פאַר אונדז באַדאַרפט זיין אַ גוטע גאַראַנטיע דער באַריכט, אין דער ניו־יאָרקער „טאַימס״ פון נאָוועמבער דעם 11טן, 1941, וואו עס ווערט איבערגעגעבן, דער שוין לאַנג־באַקאַנטער פאַקט, אַז אין דעם נאַצישן וועכנטלעכן אָרגאַן „נאָרדלאַנד״ זיינען אָפּגעדרוקט גע־וואָרן 9 פּרינציפּן־דערקלערונגען פון אַ נאַציש־רעליגיעזן קאַטעכיזם, פון וועלכע צוויי זיינען: „גלויבן אין דעם שעפערישן כוח פון אונדזער בלוט;״ און „אין דער מוטער־ערד״.

און מעג זיין ווי פיינלעך דער אמת פון די דאָזיקע אָנווייזונגען, וועלן מיר נישט זיין בכוח צו דערגרונטעווען זיך צו די סיבות פון דער איצטיקער קאַטאַסטראָפע, אויב מיר וועלן די דאָזיקער קינסטלער און זייערע ווערק סתם אָוועקמאַכן מיט דער האַנט, און אָפּלייקענען זייער איינ־געבוירענעם טאַלאַנט, און אָפּטמאָל, אַפילו זייער גרויס־טאַלאַנט. די אויפריכטיקע פון דעם מין האָבן באמת געגלויבט אַז מיט זייערע פרימיטיווע רפואות און מיט זייערע געפערלעכע אָבסקוראַנטע טענ־דענצן וועלן זיי קאָנען אָפּשפּרעכן און פאַרטרייבן די וועלט־קאַטאַסט־ראָפע, וואָס האָט זיך, אין די לעצטע יאָרן, אַלץ נענטער און נענטער גערוקט אויף אונדז.

האַלפערן האָט גלאָריפיצירט אַרטיזאַנישע אַרבעט: נייען, וואַשן, פּרעסן, שניצן און מאָלן, — אַלץ אַרבעטען וואָס ער האָט געקאָנט און זייער ליב געהאַט. און ווי ריטערלעך דער פּאָעט פון „גראָבע רייד״ האָט געקאָנט ווערן ווען ער האָט זיך צוגערירט צו אַזאַ פּיקאַנטער טעמע ווי „לייב״. ער שלאָגט דאָ אָן אַ טאָן פון דערהויבענער און צאַרטער פּיעטעט, וואָס רירט און לייטערט:

> פאַר מיר די נאַענטקייט פון אַ ווייב איז אַ יום־כפור תפילה,
> און ס׳קען אַ גרייז דעם טלית פון זיין גוף נאָך נעילה
> ניט אָפּטון אַזוי פרום ווי איך איר נאַקעט לייב פון זיך טו אָפּ.

אָבער אין קריטישע מאָמענטן, ווען ער איז, ווי אין די לעצטע יאָרן, געוווען מיד, דערשעפּט, פאַרטרויעט ער זיך נישט אָן דעם שׂכל, נאָר מיט דעם בלוט וויל ער דערפאָרשן דעם אמת אין גרויסן טרויער־שפּיל פון לעבן:

און מיט אַ בענקשאַפט אַזאַ וואָס איך וויל
דערפאַרשן דאָס גרויסע טרויער־שפּיל
פון לעבן, פון אַלץ און פון זיך אַליין —
און פון אַלע וואָס ווילן צו קלאָרקייט דערגיין,
הויב איך אויף מיינע הענט צו דער זון וואָס הערט
דעם גאַנג פון מיין בלוט אַזוי ווי די ערד!

ב. ריווקין האָט שוין לאַנג דערשמעקט דעם „בלוט־סימן" ביי פאַרשידענע דיכטער, און ביי האַלפּערנען האָט ער אויך דערטאַפּט דאָס אָדערל וואָס האָט תמיד ריטמיש געשלאָגן אין משה לייבס פּאָעטישן אָרגאַניזם. אין זיין שטודיע וועגן משה לייבן „האַלב־וועג צו גאונות", געדרוקט אין עטלעכע נומערן „בריקן", שיקאַגאָ, 1933-4; און וואו ריווקין, אגב נישט דער איינציקער, נאָר איינער פון פיל וואָס ווייזן אָן אויף האַלפּערנס קרובהשאַפט מיט היינען, (וועלכע ניגער פרעגט אַזוי שטאַרק אָפּ!!) שרייבט ער: „...און דאָס אַלץ האָט זיך איבערגעגעבן בירושה פון נביא צום יידישן פּאָעט — צו יעדן יידישן פּאָעט פון גרע־סערן שניט — איבערגעגעבן זיך דורכן בלוט — פיזישן אָדער „גייסטיקן בלוט", וואָס דאָס זאָל נישט באַטייטן. היינעס ים־לידער קאָנען דינען ווי אַן אויסגעצייכנטע אילוסטראַציע צו אָט־דער יידיש־פּאָעטישער מאַנערע... און ווען מיט אַ פּאָעטס פּען רעדט זיין בלוט, איז עס אַ סימן פון עכטקייט. עס איז ניט קיין אימיטאַציע נאָך היינען, אָדער נאָך דעם נביא. ווער עס קאָן אַזוי אימיטירן, איז אַליין אין זייער בחינה. רייכקייט קאָן ניט נאָכגעמאַכט ווערן. מען דאַרף אַליין רייך זיין. קרובים זיינען זיי: דער נביא, יהודה הלוי, היינע, האַלפּערן."

אויך ביי שלום אַשן רייסן זיך דורך אין אַ סך פון זיינע לעצטע ווערק ענלעכע „געדיכטע" קאַפּיטלען. ער קאָן אָבער אויך קלאָר פאַרבינדן ענלעכע דערשיינונגען און זיי וואונדערלעך סינטעטעזירן: „די מאַמע האָט אַנדערש נישט געוואָלט נאָר אַנשל זאָל מיטנעמען די ניי־מאַשין, אַז די ניי־מאַשין וועט זיין אין שטוב—האָט זי געטענהט—וועט דאָס שטיקל ברויט נישט אויספעלן. —זי האָט געהאַט די ערפאַרונג דורך איר לעבנלאַנג,—וועסט ברענגען קיין אַמעריקע אַ ניימאַשין? אַלע ניי־מאַשינען קומען פון אַמעריקע—האָט אַנשעל, איר מאַן איר געענטפערט. — זי איז דאָך אונדזער גאַנצע פּרנסה־געבערין! עס איז דאָך אונדזער שטיקל ברויט! — האָט די מאַמע געזאָגט. שפּעטער, פאַרן אַוועק־פאָרן, אַז שמואל דער אַגענט איז געקומען צונעמען די מאַשין, האָט

זי די מאַמע אומווילנדיק אַרומגענומען, ווי מען נעמט אַרום אַ געטרייען פריינט צום לעצטן מאָל. — זי האָט דאָך מיך געקאַרמעט אַזוי ווי... נאָר שרה רבקה האָט ניט פאַרענדיקט דעם זאַץ, ווייל די טרערן האָבן זי געשטיקט אין האַלדז."

(ש. אַש, „די מוטער", ז. 101)

אין דעם פאַל באַווייזט אַש, אַז ער קאָן סינטעטיזירן אנשוי־אונגען, און ס'אַרט אים ניט אויב דאָס איז אין ווידערשפּרוך מיט זיין פרימיטיוויזם. ער טרעפט זיך דאָ צונויף מיט ראָמען ראָלאַן: „איך געהער ניט צו די וואָס זיפצן, ווי מיין פריינט דיואַמעל, איבער דעם אונאויפהערלעכן פּראָגרעס פון דער טעכניק און וואָס געניסנדיק פון איר, ווילן זיי אין דער זעלבער צייט איר באַפעלן זיך אָפּצושטעלן ווי יהושע האָט באַפוילן דער זון זיך אָפּצושטעלן. ניט נאָר גלויב איך דעם מעכטיקן געזעץ וואָס רעגירט דעם דאָזיקן אומאויפהערלעכן פּראָצעס, נאָר איך האָב אים ליב און בין אים דאַנקבאַר, ווייל ער דינט גלענצנדיק דעם וואויל פון דעם מענטשהייט, און אויב מען נוצט אים נאָר אויס ווי געהעריק, ברענגט ער צו אַ מעכטיקער אַנטוויקלונג פונם מענטשלעכן גייסט".

(ראָמען ראָלאַן: „אַ רייזע אַרום מיין צימער" יאַנואַר 1936).

די ציטאַטן, ביישפּילן און פאַרגלייכן זיינען דאָ געבראַכט געוואָרן אַלס באַווייזן, ווי אַזוי אַ באַשטימטע עפּאָכע, אָדער ענלעכע עפּאָכעס, לעיגן אַוועק זייער חותם אויף אירע וויכטיקסטע פאַרשטייער. ווי אַזוי זיי ראַנגלען זיך, יעדער איינער אויף זיין אופן, מיט דער פּראָבלעם פון זייער צייט; און מעגן זיי זיך געפינען אין פאַרשידענע לענדער, און שאַפן אין פאַרשידענע שפּראַכן און זיך אויסדריקן אין פאַרשידענע מעדיאומס, און אפילו ניט וויסן איינער פון צווייטן, וועלן — די מערסטע פון זיי — ביודעים און בלא יודעים — אויסדריקן דאָס געמיט פון זייער צייט און זייער דור.

אין האַלפערנס פריער שנאה צו דער שטאָט, וואָס ער פאַרגלייכט צו אַ „מיסטקאַסטן", איז שוין פאַראַן דער אור־קוואַל, וואָס נערט זיין צענטראַלע אידייע: דער מענטש איז ביי אים פאַרמשפּט צו זיין אַן עקר, און מוז דאַרבן פון זיין אייגענער אינדוסטריעלער און מאַטעריאַליס־טישער ציוויליזאַציע. פון איר שטאַמען אַלע רשעותן; דאָס איז דעם דיכטערס צענטראַלע אידייע, וואָס האָט געקראַגן אַ תיקון אין

זיינע לידער. אַלע אַנדער מאָטיוון זיינען מינדערוויכטיק, און אויך אין זיי קומט מערסטנס אויף אַן אומגעריכטן אופן צום גרויסן קינסט־לערישן אויסדרוק — דער אויבנדערמאָנטער לייט־מאָטיוו מיט וועלכן ער ווערט נישט מיד צו וואַריאירן ביז זיין לעצטן אָטעמהויך:

און וואָס איז אונדזער שטאָט, אויב ניט אַ ים פון זייגערס
אין דער פרי? —
— וואָס וועקן אויף פון אונטער קברים שטאָל און שטיינער —
ווי געשריבן שטייט: טויטע ביינער
צו שלעפּען יאָך ווי פּי,
פאַר דעם וואָס זאַמלט גאָלד פון זייער מי,
ווייל ס׳איז דאָס גאָלד פון הימל —
וואָס ער וויל פאַר זיך צו הויך
און איז פון וועגט פאַרשטעלט פיל גרוייער ווי דער רויך
וואָס ליגט אויף זיי.

נישט אַלעמאָל גיט האַלפּערן אַ קלאָרן ענטפער אויף זיינע טיף־דורכ־געוויינטאָקטע און שאַרף־אויסגעשטעלטע פראַגעצייכנס, וואָס מען טרעפט צעזייט און צעשפּרייט — ביי דער זייט, אין מיטן און ביים סוף פון זיינע שורות. אין אַזעלכע פאַלן ווירקט ער, ווי שוין פריער באַמערקט, אַמשטאַרקסטן. ווייל אין פראַגן און אין אָפּפרעגן די צביעות, די רשעות אויף דער וועלט, ליגט, דוכט מיר, די הויפּט־פונקציע, דער גרויסער אויפטו און פאַרדינסט פון דער גאַנצער מאָדערנער קונסט. און נישט אין די גרייטע ענטפערס וואָס זי באַמיט זיך צוגעבן, פון צייט צו צייט. אַ סך קינסטלער, און גרויסע קינסטלער, שטרעבן גאָר נישט מער ווי צו געבן אַ שילדערונג, אַ געמעל פון זייער סביבה, ווי צו פאַר־פיקסירן אין אַ פאָרם פון קינסטלערישער שטאַנדהאַפטיקייט דאָס אייביק אַפּגייענדיקע לעבן; זיי מאָלן אַ סעריע פּאָרטרעטן פון מענטשן וואָס זיי האָבן געזען, געקאָנט און באַנומען דורך אייגענעם צוגאַנג און אייגענעם טעמפּעראַמענט. די גרעסטע צאָל קינסטלער האָבן גאָרנישט קיין רפואות צו פאַרשרייבן פאַר דער וועלט; אָבער די רפואות, וואָס וואַקסן אַרויס (מערסטנס, אין גוטע ווערק), אויף אַן אומדירעקטן אופן, זיינען טאַקע דערפאַר ווירקזאַמער און היילנדער, ווי די וואָס ווערן באַוואוסט־זיניק צוגעשניטן פאַר אונדז, און ווערן אונדז דירעקט אונטערגעטראָגן מיט אַ טענדענץ. און אפשר באַדאַרף זיך גאָר די קונסט באַנוגענען מיט דער פונקציע וואָס עס האָט איר אויסגעטיילט דער ענגלישער קריטיקער מעטיו אַרנאָלד (1888—1822): „קונסט״, האָט ער געלערנט,

באַדאַרף זיין בלויז „אַ קריטיק אויפֿן לעבן", און נישט ווי שעלי האָט געוואָלט האָבן, אַז „פּאָעטן זיינען די נישט־אָנערקענטע געזעצגעבער".

מעטיו אַרנאָלדס באַגריף וועגן דער פֿונקציע פֿון קונסט באַדאַרף אָבער נישט פֿאַרשטאַנען ווערן ווי די „פּיור ענד סימפּל" דאָגמאַטישע סאָציאָלאָגן און דידאַקטישע עקאָנאָמיסטן פֿאַרשטייען דאָס. גרויסע און וויכטיקע קונסט־ווערק קאָן מען אָפּטמאָל נישט מעסטן בלויז מיט ליטעראַרישע סטאַנדאַרדן, אָבער נאָך וויניקער לאָזן זיי זיך אָפּשאַצן מיט אַ קרעמערישער מאָס־און־וואָג וואָס וויל זיי אַריינפּאַסן אין אַ סדום־בעטל. קריטיק אויפֿן לעבן — באַדאַרף פֿאַרשטאַנען ווערן ווי אַ ברייטער און טיפֿער מאָדוס, וואָס זאָל אַרומנעמען און באַלייכטן די מענטשלעכער נאַטור, איר דינאַמיק, און די שטרעמונג פֿון אַלע וויכטיקסטע אידייען און פּראָבלעמען פֿון דער צייט. אָבער רעדן פֿון פּאָעטן ווי געזעצגעבער — באַזונדערס היינטצוטאָג — איז לעכערלעך. די דיכטונג און די דיכטער — ווערן אַלץ מער און מערער אָפּגעשניטן פֿון ברייטן לעבנסשטראָם, פֿון אינטימען און פֿאַרשידנאַרטיקן מענטש־לעכן קאָנטאַקט, זיי ווערן אַלץ מער און מערער איזאָלירט און רעדוצירט צו איינזאַמער „איבעריקייט" און צום ראַנג פֿון אָבסקורער פּריוואַט־בירגערשאַפֿט; ווען אין אַלע וויכטיקסטע בלי־עפּאָכן פֿון דער קונסט זיינען דעם קינסטלערס אינטימסטע קאָנטאַקטן מיט מענטש און וועלט אַלעמאָל געווען די וויכטיקסטע פֿאַקטאָרן, וואָס האָבן גענערט, באַ־ווירקט און באַרייכערט די קונסטן, און במילא דאָס לעבן. וואָלט וויטמאַן האָט גוט באַגריפֿן, אַז „כדי צו האָבן גרויסע פּאָעטן מוזן די פּאָעטן האָבן אַ גרויסע אוידיענץ".

אמת, די מאָדערנע קינסטלער האָבן אין זייער איזאָלאַציע אָפּטמאָל רעדוצירט זייער קינסטלערישן אופֿן פֿון אויסדרוק צו אַ מין געהיימן שפּיגל־כּתב. זיי האָבן פּרובירט אָפּטמאָל מאַכן אַ טוגנט פֿון דער נויט, אָבער אין דער אמת'ן איז דאָס געווען זייער שטאָלצער ענטפֿער אויף דעם געפֿיל פֿון „איבעריקייט", וואָס איז אין זיי אָנגעוואַקסן. אַן ענטפֿער אויף דער איינזאַמער פֿאַרלוירנקייט, וואָס איז אויף זיי אַרויפֿגעצוואונגען געוואָרן — אין דער איצטיקער צערודערטער געזעלשאַפֿט.

די גרויסע קינסטלערישע פֿאַרדינסטן פֿון אַ סך היינצייטיקע מאָדערנע קינסטלער באַשטייען אין דעם אופֿן ווי זיי מאָלן, שילדערן און זינגען פֿון־און־וועגן דער צעשפּליטערטקייט, פֿון־און־וועגן דער פֿיזישער און זעלישער אויסגעשעפּטקייט און איזאָלאַציע, וואָס באַ־

הערשט אונדזער לעבן אויף שריט און טריט. און ווידעראַמאָל איז פּרץ גערעכט געווען ווען ער האָט אונטערשיידט צווישן דער פאַר־גאַנגענהייט אַלס אַ סוראגאַט, און דער פאַרגאַנגענהייט ווי אַ פּריזמע פון נייעם לעבן: „און אויך זוכן מיר ביים דיכטער", האָט ער געשריבן, „נישט די פאַרגאַנגענהייט באַשפּונען און גאָלד באַוועבט, מיר זוכן ביי אים דאָס נייע לעבן..." אויף וויפיל דאָס נייע לעבן היינט־צו־טאָג וויגט זיך אויף אַ משקולת פון שרעק און שגעון, אויף אַזויפיל שפּיגלט אָפּ די מאָדערנע קונסט דאָס „נייע לעבן", און דאָס איז אויך אומדירעקט איר קריטיק אויפן לעבן. די וואָס האָבן טענות צו דער מאָדערנער קונסט און צו אירע וויכטיקסטע פאַרשטייער וואָלטן זיך געמעגט פאַרטראַכטן וועגן דעם וואָס אומעטום וואו דעם נאַציזם און פאַשיזם איז געלונגען אַרויפצולייגן זייערע בלוטיקע לאַפּעס, זיינען צווישן זייער ערשטע קרבנות געווען די מאָדערנע קונסטווערק און זייערע באַשאַפער — די מאָדערנע קינסטלער. היטלערס וואַנ־דאַלישע קאַמפּאַניע קעגן דער מאָדערנער קונסט, דאָס וואָס ער האָט זי דערקלערט אינגאַנצן אַלס אַן המצאה פון דעם יידישן „דעגענערירטן גייסט"., וואָלט, מיר דוכט, באַדאַרפט זיין אַ גוטער באַווייז און אַ גוטע איבערצייגונג — אַז מיר מוזן זיין אויף דער זייט פון דער מאָ־דערנער קונסט און אירע פאַרשטייער. איך ווידערהאָל, דער אויפ־טו פון דער מאָדערנער קונסט באַשטייט נישט אין דעם וואָס זי האָט יאָ, צי נישט געשאַפן פאָרמולעס און געגעבן פּאָזיטיווע ענטפערס, נאָר אין דעם וואָס זי קאָן דינען, אָפטמאָל אומדירעקט, ווי אַ קריטיק אויפן לעבן, און ווי אַזוי זי שפּיגלט אָפּ אַן אויסגעהוילט און האַלוצי־נירט געמיט־צושטאַנד.

נאָכדעם וואָס האַלפערן האָט צוריק געשליידערט אַלע מיאוסקייטן, אַלע אומגערעכטיקייטן דער וועלט אין פּנים, האָט ער אַליין צוגעגעבן: אַז ווי אַזוי אויסצובעסערן די וועלט, ווי אַזוי זי זאָל אַנדערש זיין ווייסט ער אַליין נישט:

איך זאָג ניט, אַז איך וויים ווי אַנדערש עס זאָל זיין!
נאָר ווי אַ חומש עפן אויף פאַר מיר די וועלט אין מאָרגנשיין,
בין איך אַ קינד וואָס קען אויף אויסנווייניק
ווי אַ איד דאָס דאַווענען — דיר אויפציילן ביים קעניק
אַלע קנעפּ פון גאָלד
וואָס ער האָט געלאָזט זיך צונייען צום קלייד צום בלויען
צו קענען גרויסן זיך פאַר קנעכט זיינע און פרויען —
מיט קרובהשאַפט צו נאַכטהימל און שטערן.

און וואָס איז מיר דער זינגפויגל אין שטייג פון גאָלד,
אַז מען דאַרף —
צערייסט די קאַץ זיין גאָרגל — אָרגל און האַרץ ?

(אַ מעשה, צווייטער באַנד „לידער" 1934)

ווי דאַנטע, וואָס האָט אָנגעשריבן ביים אַריינגאַנג פון זיין „גיהנום":
„גיט אויף די לעצטע האָפענונג, איר אַלע וואָס טרעט די שוועל דאָ אַריבער", וואָלט אויך האַלפּערן געקאָנט מיט אַ לייכט געמיט זיך אונטערשרייבן אונטער די דראָענדיקע שורות, ווען זיי זאָלן דינען ווי אַ וואָרעניש צום מענטשן ביים באַטרעטן די שטאָט. פון דעם אויסגאַנג האָבן זיך ביי אים געשאַפן עקסטרעמע ווידערשפּרוכן. אויף דעם קיכאָטישן געפעכט האָט ער אָפטמאָל אומזיסט פאַרשווענדט אַ רייכן רעזערוו פון גרויסע פּאָעטישע כוחות. נאָר אַזוי ווי דאָס איז געווען, ביז אַ גרויסער מאָס, דער אידיאָם, דער אַקצענט פון אַ צייט-אָפּשניט, שפּיגלט ער אָפּ, דערפאַר אַזוי שאַרף, דעם משוגענעם פלאַנטער-קנויל, דעם מיש-מאַש פון זיין צייט און פון זיין דור. ער האָט נישט געקאָנט שאַפן צוליב זיינע אַנטי-אינטעלעקטועלע פאָראורטיילן (אַ חוץ אַ שלל אַנדערע סיבות) אַ האַרמאָנישע סיסטעם, וואָס זאָל תופס זיין און צעמענטירן אין איין גאַנצער האַרמאָנישקייט, אַלע לעבנס-סתירות. האַלפּערן האָט נישט געקאָנט אַקצעפּטירן אַ רעגימענטירטע אנשויאונג נישט פון רעכטס, און נישט פון לינקס. ער איז געווען באַגאַבט מיט אַ שטאַרקן און קיינמאָל נישט-געשטילטן דורשט פאַר די שיינקייטן פון לעבן, פאַר דעם ערדישן, דעם דאָאיקן, וואָס דאָס לעבן איז שוין איצט ביכולת צו־צוטיילן דעם מענטשן; דער ריטם און די טעקסטור פון זיין ליד — זיינען ווי פון שטאָל, ווי פון אייזן, און אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך אומדערמידלעך געריסן צו אַ פּאַסטאָ-ראַלן, צו אַ מעטאַפיזישן לעבנסבאַנעם, און פאַרמשפּט געווען אַ לעבנלאַנג צו מאַקסימאַלער מאַטעריעלער זאָרג און נויט. ער האָט פיינט געהאַט די גרויסשטאָט, ער האָט גערופן צוריק אין פעלד אַריין, אין וואַלד אַריין, צוריק צו דער ערד, און איז אַ לעבנלאַנג צוגעשמידט געווען צום „מיסטקאַסטן" ניו-יאָרק — דער העכסטער אויסדרוק פון טעכנאָלאָגישער און אינדוסטריעלער ציוויליזאַציע — וואָס איז דאָך געווען און געבליבן דער הויפּט-קוואַל פון זיין דיכטונג. ווייל אפילו אין זיינע סאַמע שאַרפסטע אַנטי-שטאָטישע לידער איז ער דורכאויס שטאָטיש, גרויסשטאָטיש, אויסגעשפּראָכן אורבאַניסטיש.

ער האָט זיך אָבער אין דער שטאָט געפילט ווי אַ „לייב אין שטייג״, און ער האָט אויך געהאַט דאָס באַוואוסטזיין, אַז וואָלט מען אים באַפרייט פון דער שטייג וואָלט ער אויך דעמאָלט נישט געהאַט וואוהין צו אַנטלויפן. ווייל דיסטאַנץ האָט שוין אין אונדזערע טעג פאַרלוירן דעם רייץ און די מאַגיק. די וועלט איז איינגעשרומפּן געוואָרן פאַר אונדזערע אויגן, זי איז געוואָרן קליין, איינהייטלעך, אוני־פאָרמיש. און ס'איז גאָרנישט דאָ וואוהין צו אַנטלויפן, וואו צו ראַטעווען זיך. ווען רעמבאָ האָט זיך נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אינגאַנצן אַנטוישט אין דער אייראָפּייאישער ציוויליזאַציע, און אים האָט זיך אויסגעדוכט (בלויז אויסגעדוכט!), אַז ער וועט געפינען פריד און רו אין דעם עטיאָפּישן מדבר, איז ער אַהין אַנטלאָפן. אָבער היינטצוטאָג קלינגט אונדז שוין נאַאיוו דער אופן ווי אַזוי ער האָט געוואָלט לייזן און אויסלייזן זיין לעבן. דאָס זעלבע האָט געטאָן דער מאָלער גאָגען, און הונדערטער קינסטלער פאַר אים און נאָך אים. נאָר אויב דאָס זוכן רו און איינזאַמקייט אויפן שויס פון דער נאַטור, „ווייט פון דעם טומלדיקן המון״ קאָן נאָך האָבן אַ קאָנקרעטע ווירקונג אויף דעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון אַ גויאישן קינסטלער, קאָן דער דאָזיקער לוקסוס זיין נישט מער ווי אַן אַבסטראַקטע, פילאָזאָ־פישע אנשואונג פאַר יידישן וואָרט־קינסטלער. ווייל דער יידישער וואָרט־קינסטלער ווערט געפלאָגט פון ספּעציפיש־יידישע ספקות און מאַטער־נישן, וואָס זיינען לגמרי אויסגעשלאָסן פון דער פּסיכיק פון אַ גויאישן קינסטלער. און גערעכט איז דער נאָוועליסט, ברוך גלאַזמאַן, ווען ער ווייזט אָן אויף אָט־דעם אונטערשייד אין זיינע כלומרשטע „אויבנאויפּיקע באַמערקונגען״ אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע״, וואו ער איראָניזירט:

„ — איינזאַמקייט איז גוט פאַר אַ קינסטלער...

— אָרימקייט איז גוט פאַר אַ קינסטלער...

— ליידן זיינען גוט פאַר אַ קינסטלער...

אַלע ווייסן עס שוין פון לאַנג, מען זאָגט עס דאָך שוין שיר נישט אויף אויסנווייניק! אפילו פון שלאָף!

— זיינען דען יידישע קינסטלער נישט געגליכן צו קינסטלער ביי אַנדערע פעלקער? די ברכה פון איינזאַמקייט איז דאָך אַן אוניווער־סאַלע קינסטלער־בענטשונג, אוודאי...

און דאָך — — —

בײַ די גוים איז קינסטלערישע אײנזאַמקײט אַ פיזישער באַגריף: װײַט פֿונעם שטערנדיקן המון. אויב ניט אין קײן אײגענעם מאַיאַנטעק, איז װאױנט דאָך דער קינסטלער אין אַ קלענערער שטאָט, דאָרף, זאָל זײַן אין אַ „קוריען" אין װאַלד, אין כאַטקע צװישן פֿעלדער...

אָן אײנזאַמקײט איז עס דאָן — פֿאַרן שעפֿערישן מענטשן — טאַקע אַ געבענטשטע. פֿון איר קומט אים בלויז צו כוח און געזונט, אין דער שטילקײט לויטערט זיך און באַרואיקט זיך דאָס אומרואיקע בלוט, װאַקסן אָן נײַע הױטן... און עס איז דאָך תמיד דאָ די אילוזיע — די איבערצײַגונג, דאָס באַװאוסטזײַן! — פֿון אַן אוידיטאָריע ערגיץ ניט װײַט אין לאַנד, פֿון אויערן װאָס שטײען גרײט צו האָרכן, װען דעם שעפֿערס װאָרט װעט ענדלעך רײַף אַרויסװאַקסן פֿון זײַן פֿרײַװיליקער אײנזאַמקײט...

— אָבער בײַ אונדז?

בײַ אונדז איז דעם שרײַבערס אײנזאַמקײט הױפּטזאַכלעך אַן אינער־לעכע—גרעניצט זיך אָפּט מיט יאוש. זי איז בײַ אים דאָס רוב דאָ אפילו דאָן, װען ער װאױנט אינעם מיליאָנעדיקן ײדישן כרך ניו יאָרק... פֿאַרקערט גאָר. כדי ניט אינגאַנצן צעקװעטשט װערן פֿון אָט דעם ביטערן ערגסטן סאָרט אײנזאַמקײט — יאוש־אײנזאַמקײט — מוז ער זיך נאָך קלאַמערן דווקא צום גרויסן פֿיל־מיליאָנעדיקן כרך. װײַל דער מענטש — דאָס איז בטבע אַן אײנזאַמע באַשעפֿעניש, ניט געקוקט אויפֿן דיקטום פֿונעם גרויסן גריכישן פֿילאָזאָף... װײַל בלויז מיט פֿרײדן קאָן זיך דאָך אײן מענטש טײלן מיטן צװײטן.

דער שעפֿער — איז דער אײנזאַמסטער צװישן מענטשן. דער ײדישער שרײַבער — דער אײנזאַמסטער צװישן אַלע טיפֿן שעפֿערישע מענטשן.

און דער ײדישער שרײַבער אין אַמעריקע — דער אײנזאַמסטער צװישן די ײדישע שרײַבער פֿון דער גאַרער װעלט."

הײַנט־צו־טאָג — װען אַ פֿײַער האָט אַרומגעכאַפּט אַלע פֿיר עקן פֿון דער װעלט, קאָן מען שוין אפילו נישט חלומען פֿון אַ מעגלעכקײט אויסצובאַהאַלטן זיך, און צוריקגײן צו זיך אַלײן, צום שטאַנד פֿון חיה אין דזשאַנגל. פֿאַרבליבן איז בלויז רײנער מסירת־נפֿשדיקער אָנשטרענג פֿון װילן צו לײזן, אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדערן אופֿן, די שנײַדנדיקע סתירות, די סכנותדיקע װידער־שפּרוכן. האַלפֿערנס לעצטע לידער זײַנען אינגאַנצן דורכגענומען

מיט דעם גייסט. דערפאַר רעדן זיינע לידער אַזוי אוממיטלבאַר צו אונדז.

„ער איז געווען", באַמערקט ריכטיק מנחם באָריישאַ, „דער טראַגישסטער פּאָעט אונדזערער... ווייל אין צוזאַמענשטעל פון זיין נשמה האָט איבערגעוואויגן אַן אַנדער שורש. צו אים האָט זיך דורך אַ סך דורות דערטראָגן אַ ברוכשטיק פון גייסט פון מעכטיקן שטראָפער, שילטער און זעער יחזקאל. ווי יענער, איז ער געבוירן געוואָרן אין אַ צווישנצייט, אין אַ צייט פון צוזאַמענבראָך, וואָגל און געפּאַלנקייט, פון צעברעקלונג און טרוקענע ביינער". („טאָג" 6טער סעפּט. 1941).

אָט־די טראַגיק, וואָס יאָמערט אַרויס פון האַלפערנס לידער, רעדט צו אונדז. מיר הערן זיך צו, צו זיין יאָמער און ווערן גערירט פון זיין טראַגישקייט, ווייל — אין זיינע שטראָף־רייד, אין זיינע מעדיטאַציעס, דערקאָנען מיר די טראַגיק, די אַגאָניעס און די ווידערשפּרוכן פון אונדזער צייט, פון אונדזער פאָלק, פון אונדזער אייגענער קאַטאַסטראָפאַלער עפּאָכע. און אויב מיר שטימען נישט איין מיט דעם אויסגאַנג פון זיינע זוכענישן, מיט זיינע ענטפערס, צווייפלען מיר אָבער ניט אויף קיין רגע אין דעם טיפן ערנסט פון זיינע מסירת־נפשדיקע זוכענישן און פרעגענישן. זיין קול איז נישט קיין עקזאָטיש קול פון אַ פרעמדן, פון אַן אויסגעוואָרצלטן און קרענקלעכן אידיוווידואַליסט; זיין קול איז אַ געפאַר־סיגנאַל פאַר אַן אַנקומענדיקן ציקלאָן. ער איז געווען איינער פון די גרויסע פרעגער, צווייפלער און מקוננים. אין זיין דיכטונג שפּירט מען דעם אַנשטייענדיקן פיזישן און גייסטיקן צוזאַמענברוך פון אַן עפּאָכע, — דערפאַר רעדט ער אַזוי אינטים, אַזוי פאַרטרוילעך צו די צעשראָקענע געמיטער פון אַן אַנטוישטן און דערשעפּטן דור, — צו אונדזער דור!...

11. Memento Mori

און אַז משה לייב וועט מיט טרערן זיך שווערן:
אַז ס׳האָט צו דעם טויט אים געצויגן אַזוי —
אַזוי ווי עס ציט אַ פאַרבענקטן אין אָונט,
צום פענצטער פון זיינס אַ פאַרהייליקטער פרוי,
— צי וועט מען דאָס גלויבן משה לייבן?

(מעמענטאָ מאָרי — פון בוך לידער „אין ניויאָרק")

אַ קריטישע שטודיע, וואָס איז אויסשליסלעך באַזירט אויף קריטישן אַנאַליז פון ווערק, קאָן אַמאָל קלינגען פון אויבנאויף

פראַגמענטאַריש, נישט דערגאַנצט און נישט פאַרענדיקט. מ'האָט צו־געוואוינט דעם לייענער ער זאָל געפינען אין „קריטיק" — אַנעקדאָטן, רכילות און אויסטערלעשע מעשיות וועגן דעם לעבן און די אַוואַנ־טיורעס פון אַ קינסטלער. שרייבן ביאָגראַפיע איז גרינגער און אַמוזירענדער ווי קריטיק, און איז אויך אַ מער דאַנקבאַרע אַרבעט; און אין דער שטודיע איז פאַראַן (באַוואוסזיניקערהייט) אַזוי ווייניק ווי מעגלעך פון דעם סאָרט. נאָר פאַרלייקענען אינגאַנצן די ווערט פון ביאָגראַפיע, ווי אַ באַשטאַנדטייל אין אַ קריטישער שטודיע, איז לעכער־לעך און אַפּטמאָל זייער שעדלעך. אין געוויסע פאַלן העלפט אונדז דאָס ביאָגראַפישע אַריינדרינגען און צו באַלויכטן געהיימע ווינקעלעך, פאַר־באַרגענע אוצרות אין אַ ווערק — וואָס אָן דעם וואָלטן מיר זיי פאַלש פאַרשטאַנען, און אַמאָל קאָן זיין זיי אינגאַנצן ניט באַמערקט.

דער באַרימטער פראַנצויזישער דיכטער און דענקער פּאָל וואַלערי, האָט פּרובירט לייזן די פּראָבלעם פון דעם ביאָגראַפישן עלעמענט אין דער קריטיק אויף אַזאַ אופן: אין זיין עסיי וועגן לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי שרייבט ער — „קלייבט צונויף אַלע מעגלעכע דעטאַלן וועגן ראַסינס לעבן, וועט איר פון זיי אַלץ נישט קאָנען דערלערנען זיין קונסט. די גאַנצע קריטיק ווערט געפירט פון אַן אַפּגעלעבטן פּרינציפּ: דער מענטש איז די סיבה פון זיין ווערק. אָבער דער דאָזיקער פּראַג־מאַטישער פּרינציפּ פאַרגרינגערט בלויז די אַרבעט פון מבינות־זאָגער און קריטיקער." ער איז גערעכט, ווייל פלאַכע קונסט־מבינים כאַפּן זיך באַלד אָן אין אַ סענסאַציאָנעלן עפּיזאָד פון אַ דיכטערס לעבן און פּרובירן, אויף אַ וואולגאַרן און מעכאַנישן אופן, פאַרבינדן דעם עפּי־זאָד מיט דעם דיכטערס ווערק.

ט. ס. עליאָט שטרייכט אונטער אין זיין עסיי „קיטס און שעלי": „אַז די סענסאַציאָנעלע ביאָגראַפיעס וועגן דעם לעצטן שטערן אים די קליינע הנאה וואָס ער האָט סיי־ווי־סיי ביים לייענען שעליס עמאָציאָנעלע דיכטונג". און סטיפען ספּענדער, איינער פון די טאַלאַנטפולסטע יונגע דיכטער היינט־צו־טאָג אין ענגלאַנד, קומט צום זעלבן שלוס אין זיין בוך „דאָס לעבן און דער פּאָעט", לאָנדאָן, 1942. ער באַמערקט דאָס פאָלגענדע: „מיט דעם דיכטער איז אַזוי:— וואָס דער מענטש איז דאָס איז זיין פּאָעזיע. מיר ווייסן אַ סך מערער וועגן אים פון זיין דיכטונג ווי פון די איינצלהייטן פון זיין ביאָגראַפיע. דאָס לעבן פון פּאָעטן און קינסטלער אַנטהאַלט פאַר אונדז אַ צויבער דערפאַר ווייל מיר ווייסן שוין פון זייערע ווערק וואָס זיי זיינען געווען, און פון די

דעטאַלן פון זייערע לעבנס דערוויסן מיר זיך אָפטמאָל וואָס זיי זיינען נישט געווען".

אָבער אייגנטלעך שטאַמען די אַלע טענות פון איין קוואַל, פון דער אומצופרידנקייט מיט דער אימפּרעסיאָניסטישער און ביאָגראַפישער מעטאָד אין דער קריטיק. אין די אַלע רעדט אַרויס די אָנגעקליבענע אומצופרידנקייט מיט דער הערשנדיקער באָמבאַסטישער רעטאָריק, מיט די לאָקריץ־זיסע מליצות און מיט די אָפטמאָל נישט־געשטויגענע און נישט־געפלויגענע ביאָגראַפישע השערות פון וועלכע עס לאָזט זיך זייער גרינג ציען אַלערליי סענסאַציאָנעלע שלוסן. און אַט־די אומצופרידענע שריפטשטעלער וואָלטן געוואָלט פאַרוואַנדלען די קריטיק אין אַן אָביעקטיוון אינסטרומענט, וואָס זאָל פּרעציז, אָן השתפכות הנפש, כמעט וויסנשאַפטלעך אורטיילן די ווערט פון קינסטלערישע ווערק. זיי זיינען אַלע מיט דער מיינונג, אַז קריטיק דאַרף זיין אויסשליסלעך באַזירט אויף אַן אַנאַליז פון קינסטלערס ווערק, און אויסלאָזן אינגאַנצן דאָס ביאָגראַפישע. אויף אַזאַ אופן דערפירן די־דאָזיקע קריטיקער דעם אין תוך אָננעמבאַרן פּרינציפּ צו אַן עקסטרע־מיטעט, וואָס קאָן ווערן פאַרפירעריש און אָפטמאָל — אפילו שעדלעך. ווייל ווען מען אַנאַליזירט אַ דיכטערס פערזון־קונסט אַנאַליזירט מען אויך די טעמאַטיק, די צענטראַלע אידעאישקייט פון וועלכער די פערזן זיינען געפורעמט געוואָרן. דער קינסטלער איז נישט קיין אַווטאָמאַט, און ער איז קיינמאָל נישט אַ הונדערט פּראָצענט אָביעקטיוו און אומפּאַר־טייאיש. אפילו בלויז פון דער פאָרם און פון זיין אויסקלייב פון כאַ־ראַקטעריסטישע אימאַזשן, קאָנען מיר ציען באַשטימטע שלוסן וועגן דעם שאַפער, שוין אָפּגערעדט פון די אָפענע סימפּאַטיעס און אַנטי־פּאַטיעס וואָס קומען צום קינסטלערישן אויסדרוק אין זיינע ווערק.

פון דער צווייטער זייט, וויפיל נאַרישע פלאַפלעריי, וויפיל טינט פאַרברויכט מען צו באַווייזן די דירעקטע שייכותן צווישן וואָן גאָגס טראַגישן עפּיזאָד ווען ער האָט זיך אָפּגעשניטן אַן אויער אין זיינע מאָלערייען? וויפיל פאַלשע און וואולגאַרע מיינען האָט מען שוין נישט דירעקט אַריינגעטייטשט אין עדגאַר עלען פּאָוס פּחד־לידער, ווייל מען ווייסט, אַז ער איז געווען אַן אַלקאָהאָליקער? דערפאַר שלאָגט פאָר וואַלערי: „מיר לאָזן אויס אַלע דרויסנדיקע דעטאַלן און שטעלן זיך פאָר אַ טעאָרעטיש וועזן, אַ פּסיכאָלאָגישן מוסטער, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אומגעפער — אויף אַזאַ אָדער אויף אַן אַנדער אופן —

אונדזער אייגענע פעאיקייט צו רעקאָנסטרואירן דאָס ווערק, וואָס מיר נעמען זיך אונטער צו דערקלערן".

די דאָזיקע דעפיניציע קלינגט ווי אַן עקסטרעמער מעטאָד אין אָביעקטיוויזם, ווי אַ מענטאַלער אָנשטרענג אויסצומיידן די וואולגאַרע מעטאָדיק און צוטשעפּענישן וואָס ווערן געמאַכט, אויף אַ מעכאַנישן אופן, צווישן דעם לעבן פון דיכטער און זיין ווערק. נאָר אויב מיר זיינען נישט איינשטימיק אינגאַנצן מיט וואַלעריס עקסטרעמען אָביעקטיוויזם, קומט אונדזער דיכטער מלך ראַוויטש און ברייטערט נאָך מער אויס די אויבנדערמאָנטע עקסטרעמיטעט. אין אַן עסיי וועגן קנוט האַמסונס שענדלעכן אַרויסטריט קעגן דער באַפרייאונג פון דעם עטישן שריפטשטעלער און פּאַסיפיסט, אָסיעצקי, וואָס איז פאַרמאַטערט געוואָרן צום טויט אין אַ נאַצישן קאָנצענטראַציע־לאַגער — קומט ער (מסתם אויס פאַרדינטן צאָרן אויף האַמסונען) צו דער פאָלגענדיקער איבערצייגונג: „וואָלט מען אָבער געוואוסט, איינמאָל פאַר אַלעמאָל געוואוסט, אַז דיכטערס פּערזאָנען, אַז די דיכטערס גופים קערן זיך נישט אָן מיט זייערע ווערק, וואָלט צו דעם אַלעמען, צו די אַנטוישונגען נישט געקומען". דאָס איז, מיר דוכט, אַ שעדלעכער אויספיר. אַזאַ אויספיר רעדוצירט דעם פּראָצעס פון שאַפן צו אַוטאָמאַטישקייט. עס דעגראַדירט סיי די ווערט פון דיכטער, סיי די ווערט פון זייערע ווערק. בפרט נאָך ווען דער דיכטער איז אָפטמאָל נישט קיין איזאָלירטע פּערזענלעכקייט, און וויל אָפטמאָל שפּילן די ראָל, וואָס שעלי האָט אים צוגעשריבן, אַלס „געזעצגעבער". ער מישט זיך אין ענינים, וואָס האָבן אָפטמאָל נישט קיין דירעקטע שייכות מיט זיינע ווערק. און אָפטמאָל מאָנט ער און פאָדערט, אויפ'ן חשבון פון זיינע קינסטלערישע פאַרדינסטן געוויסע פּריווילעגיעס, וואָס ער קריגט טאַקע. אַזוי, אַז עס איז גאַרנישט אַזוי גרינג אַלעמאָל אָפּצושיידן „די דיכטערס גופים פון זייערע ווערק". נאָר לאָמיר ווייטער ציטירן ראַוויטשן, און זען ווי כעס איז עבודה זרה. אין זיין צאָרן קומט ער צום שלוס, אַז „אין פּרינציפּ איז יעדער שרייבער נישט מער ווי אַ פלינקער זשאָנגלער מיט ווערטער און אין ווערטער געפּאַרעמטע געשטאַלטן. ער קען די מלאכה, ער קען די קונץ!" פון קונסט ווערט שוין ביי ראַוויטשן קונץ! אַן אויפפאַסונג, וואָס חיים ליבערמאַן האָט שוין אַמאָל שאַרפער אַרויסגעבראַכט („די ליטעראַטור איז אַ הור"), און קעגן וועלכער דער זעלבער ראַוויטש איז אַרויסגעטראָטן. אגב, איז די דאָזיקע אויפפאַסונג, ליבערמאַנס, וועגן ליטעראַטור געוואַגט, אָבער

נישט אינגאַנצן ניי. באַדלער, האָט נאָך פּאַר ליבערמאַנען, געגעבן די זעלבע דעפיניציע. אין די נאָטיצן פון זיין „טאָג־בוך" פרעגט ער: „וואָס איז קונסט?" און ענטפערט: „קונסט איז פּראָסטיטוציע".

אַזוי האָט זיך אַ זאָג געטאָן באַדלער, פּאַר וועמען עס האָט אין דער אמתן נישט עקזיסטירט קיין זאַך אין לעבן אַ חוץ די קונסט און דער אמת פון פּאָעזיע.

אָבער אייגנטלעך שטאַמען די אַלע טענות פון איין קוואַל, פון אַ דראַנג נאָך אָביעקטיווער קריטיק, וואָס זאָל זיין אויסשליסלעך באַזירט אויף אָביעקטיוויטעט און קריטישן אַנאַליז פון דיכטערס ווערק.

איין זאַך איז גריבלען זיך אין סענסאַציאָנעלע עפּיזאָדן פון אַ דיכטערס לעבן, און אויסגראָבן אויסטערלישע און צופעליקע דעטאַלן און זיי אָקצענטירן אויפן חשבון פון זיינע קונסט־ווערק; און אַ צווייטער אופן — איז צו נוצן דאָס ביאָגראַפישע אַלס אַן הינטערגרונט פון צייט, סביבה, שטאַנד, — אַלץ מיטלען, וואָס קאָנען אונדז אַ סך אַרויסהעלפן אין דער דערקענטעניש פון קונסטווערק. דער קינסטלער, ווען ער איז אפילו איזאָלירט — איז ער נאָך נישט קיין „טעאָרעטיש וועזן", שעפּט ער אַלץ פון מענטשן און פון לעבן אַרום זיך. ער פונקציאָנירט נישט אין אַ וואַקאַאום (פוסטקייט). דער באַרימטער רוסישער קריטיקער, וו. ג. ביעלינסקי, איז באַשטאַנען, אַז — „אַ פּאָעט, מערער ווי ווער עס איז, מוז זיין אַ קינד פון זיין צייט". און י. ל. פּרץ דריקט אויס דעם זעלבן געדאַנק אויף אַן אַנדערן אופן אַזוי: „אַ מענטש צווישן מענטשן איז קיינמאָל נישט פּריוואַט — בפרט דער וואָס שרייבט". אַזוי, אַז די דעפיניציעס האַרמאָנירן אינגאַנצן נישט מיט ראַוויטשעס אויפפאַסונג, אַז קונסט איז נישט מער ווי „זשאָנגלעריי" און „קונצן" — אַ פולשטענדיקע דעגרעדאַציע פאַר דער קונסט און אירע שאַפער.

די יידישע ליטעראַטור וואַרט נאָך אַלץ אויף דעם מין אָביעקטיוון און אַנאַליטישן ליטעראַטור קריטיקער. און גערעכט איז נ. ב. מינקאָוו וועלכער האָט אָנגעוויזן אין זיין אַרבעט וועגן מאָריס ראָזענפעלד, אַז „די אָרימקייט פון אונדזער אַנאַליטישער ליטעראַטור־קריטיק און פון אירע קרובישע וויסנשאַפטן האָט נאָך שווערער געמאַכט די פּראָבלעם פון ניט קאָנען צוקומען צו די טיף־גייענדיקע וואָרצלען פון אַ פּאָעטישער דערשיינונג". (אידישע קלאַסיקער פּאָעטן", ז. 68).

נאָך האַלפּערנס טויט האָט מען אין אַ צאָל ערנסטע אַרבעטן וועגן זיין פּאָרדינסט און זיין אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור —

געוווּנען מאַנען דאָס ביאָגראַפישע; מ'האָט צום סוף כמעט אַלעמאַל געפרעגט: „וואָס פאַר אַן אַנדער ליכט האָט אָנגעצונדן די אינעווייניקסטע דראַמע פון זיין נשמה?" און מען האָט געענטפערט ווי עס ענטפערט לייבוש לעהרער: „אַ פולן ענטפער אויף די דאָזיקע פראַגן קאָן בלויז געבן אַ דעטאַלע ביאָגראַפיע". („זאַמלביכער".)

אַן אויספירלעכע און גרינטלעכע ביאָגראַפיע וועגן דיכטער וואָלט זיכער געווען אַ געווינס, און וואָלט פיל אַרויסגעהאָלפן אין דער שטודיע פון זיין דיכטונג, אָבער היינט צו טאָג איז נאָך אַזאַ ביאָגראַפיע נישט פאַראַן, כאָטש אויך פון שטאַנדפונקט פון ביאָגראַפיע, האָט מען וועגן משה לייבן געשריבן נישט ווייניקער, אויב נישט מער, ווי וועגן אַנדערע דיכטער פון זיין דור.

פאַראַן עפּיזאָדן וועגן זיין לעבן געשריבן פון זיין בן־עיר דוד קעניגסבערג, י. באַטאַשאַנסקי האָט באַלד נאָכן דיכטערס טויט אָנגעשריבן אַ גאַנץ ביכל וועגן אים, משה נאַדיר, מאָריס שוואַרץ, מ. קליינמאַן, ראובן אייזלאַנד, א. ראַבאַי, אברהם רייזען, זיין בן־עיר יעקב מעסטל, מ. דאַנציס, ד. איגנאַטאָוו, ז. ווייַנפּער, (האָט נישט לאַנג אָנגעשריבן אַ גאַנץ ביכל וועגן אים), יצחק בלום, ב. ריווקין, די ביאָ־ביבליאָגראַפישע נאָטיצן אין דעם ערשטן באַנד פון זיינע צוויי ביכער לידער, וואָס זיינען דערשינען נאָך זיין טויט, און נאָך צענדליקע און צענדליקע עסייען און קריטישע אָפּשאַצונגען.

אמת, וואָס מיר ווייסן וועגן האַלפערנס קינדהייט אין אַ קליין שטעטל אין מזרח־גאַליציע, איז זייער ווייניק. אָבער די מאָגערע אינפאָרמאַציע וועגן זיינע עלטערן, ברידער, שוועסטער — באַדאַרפן אונדז נישט אָנפילן מיט שפּאַנונג און ערוואַרטונג — אַז אַביסל מער אינפאָרמאַציע און אַ ביסל מערער ביאָגראַפישע דעטאַלן וועגן זיין לעבן, וועלן אונדז העלפן לייזן „די אינעווייניקסטע דראַמע" פון דיכטער. די דאָזיקע מיטלען זיינען אינגאַנצן אויסערלעכע, און אויפן גרונט פון דעם וואָס מיר ווייסן יאָ וועגן דיכטער, באַדאַרפן מיר קיין אויסער־געוויינלעכעס ניט דערוואַרטן. די הויפּט געשעענישן אין זיין קינדהייט, דער שטאַנד פון זיינע עלטערן, די סיבות פאַר זיין אויסוואַנדערן קיין אַמעריקע, דאָס אַלץ וואָלט פּונקט ווי אָנגעמאָסטן געווען פאַר צענדליקער אַנדערע דיכטער פון האַלפערנס שטאַנד און האַלפערנס דור. וואָס אונדז אינטערעסירט אַממערסטן, איז ווי אַזוי דער דיכטער האָט רעאַגירט אויף זיינע ערפאַרונגען און זיי קינסטלעריש פאַרפיקסירט. און כדי דאָס אויסצוגעפינען מוזן מיר דאָס זוכן אין זיינע ווערק.

די נאָכפֿראַגע אויף אַ ביאָגראַפֿיע וועגן משה לייבן באַדאַרף (אין דעם פֿאַל) געזען ווערן אין ליכט פֿון דער באַהויפּטונג וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין אָנהויב פֿון דער אַרבעט: פֿאַראַן אַ מין קינסטלער, וואָס די מינדסטע באַקאַנטשאַפֿט מיט זייערע שאַפֿונגען, רעגט אונדז נייגער, אימפּאָנירט אונדזער קוריאָזיטעט אויף וועגן דעם קינסטלער גופא. משה לייב האַלפּערן האָט ביי אונדז געהערט צו דעם מין. זיינע לידער האָבן אין אונדז אָפּטמאָל אויך געוועקט אַ דורשט צו וועלן וויסן עפּעס וועגן דעם מענטשן וואָס שרייבט אַזעלכע טשיקאַווע, אַזעלכע הייס־אַטעמדיקע, אַזעלכע אייגנאַרטיקע לידער. אַן אייגנשאַפֿט וואָס איז נאַטירלעך אין יענע זעלטענע פֿאַלן ווען מען קאָן נישט איבערשניידן דעם קנופּ וואָס פֿאַרבינדט דעם דיכטער מיט דעם ליד, און דאָס ליד מיט דעם דיכטער. — נישט שעדנדיק ביידע. און זייער טרעפֿלעך האָט אַמאָל באַמערקט יעקב גלאַטשטיין אין „מאָרגן זשורנאַל": „קיינער קען ניט שעקספּירס ביאָגראַפֿיע, אָבער זיינע ווערק וועקן אַזוי פֿיל נייגער, אַז מען האַלט אין איין אַרויסדרשנען פֿון זיי רמזים אויף דעם מענטשן! "

פֿונדעסטוועגן וועל איך אין אַ מינימאַלסטער פֿאָרם ווידערהאָלן דאָ אַ פּאָר באַקאַנטע ביאָגראַפֿישע דאַטעס, אי צוליב דעם וואָס אפֿשר זיינען זיי אַ טייל לייענער נישט באַקאַנט, אי צוליב דעם וואָס כאָטש איך טייל אָפּ דאָס ביאָגראַפֿישע פֿון דער קריטיק, נעם איך דאָך נישט אָן דעם ווייט־גייענדיקן פּרינציפּ: „אַז דער קינסטלער איז בלויז אַ טעאָרעטיש וועזן". איך ברענג דאָ אינגאַנצן די אַרבעט פֿון דעם דיכטער דוד קעניגסבערג, (אַ בן־עיר פֿון פֿאַרשטאָרבענעם דיכטער), וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט „צו משה לייבס 5טן יאָרצייט": די „עטלעכע ביאָגראַפֿישע שטריכן" וועגן אַ פּעריאָד אין דיכטערס לעבן, וואָס איז אונדז לגמרי נישט באַקאַנט — וועלן זיכער צונוץ קומען דעם צוקונפֿטיקן ביאָגראַף:

„משה לייב האַלפּערן האָט צוליב זיינע אַנערקענטע שעפֿערישע וואַלאָרן באַקומען אַ פֿאַרדינטן שם. זיין באַרימטקייט ווערט אָבער קאָנטירט אויף דעם חשבון פֿון די „יונגע" אין אַמעריקע, וועלכע האָבן קנאַפּ פֿאַר דער וועלט־מלחמה געמאַכט די באַקאַנטע איבערקערעניש אין דער אַמעריקאַניש־יידיש־ליטעראַרישער וועלט. פֿון אָט דער דאָזיקער אָריענטאַציע אַרויסגייענדיק האָט מען זיך (צי בכיוון, צי אינספּירירט פֿון מ. ל. האַלפּערנס ליטוויש־שפּראַכלעכע נטיות) כמעט אינגאַנצן פֿאַרגעסן געמאַכט, אַז מ. ל האַלפּערנס אויפֿטוען זיינען אַ

פועל־יוצא און אַ וויטערצינען פון דער ליטעראַרישער שול „יונג־גאַליציע, פון וועלכער ער איז פון 1907 ביז 1909 געווען איינער פון די אויסגערופענע העראָלדן.

מיר וואָס קענען זיינע ערשטע טריט, די אָנהייבן, קאָנען אין זיינע יצירות דערקענען די השפעות פון זיינע לערניאָרן, שוין אָפּגעזען פון דער טעמאַטיק און פון דעם באַגייסטערונגס־קוואַל, וואָס פירן אונדז בפירוש צו די שטעגן פון זיין אורהיים.

איינער פון די באַקאַנטע עפּיזאָדן אין זיין ליטעראַרישן ווירקן ביי אונדז איז די פאַרעפנטלעכונג פון אַ טייל פון זיינע יצירות אויף דעם נאָמען פון פרידאַ האַלפערן, זיין שוועסטער, די דאָזיקע מיסטיפיקאַציע האָט פון דער ערשטער רגע אָן אָנגעטראָפן אויף סקעפּטיציזם צו דער אויטאָרשאַפט פון פרידאַ און עס לאָזט זיך נישט גלויבן, אַז דאָס זאָל געווען זיין אַ „פּיפּאַק״־שטיקל פון דעם דעמאָלט שוין באַקאַנטן דיכטער, געמאַכט אויף אָפּצונאַרן אַ נאַאיוון רעדאַקטאָר. מ. ל. האַלפערן איז נישט אַזוי זשעדנע געווען געדרוקט צו ווערן, ווייל אין יענע צייטן האָט מען נאָך נישט אָפּגערירט קעגן יעדן אָנהייבער מיט דעם היינט אַזוי פּאָפּולערן, אַזש צו פּאָפּולערן באַגריף „גראַפאָמאַן״. כאָטש די באַוואָרע־נישן און אָפּרעגן לגבי האַלפּערנס טאַלענט, איז זיין שם געוואַקסן ווי אויף הייוון און אין מ. פּראַסטיגס קאַלענדער, אין וועלכן ס׳איז געמאַכט געוואָרן דער חשבון פון די יונג־גאַליצישע דיכטער איז ער אויסגערעכנט געוואָרן אויפן צווייטן אָרט נאָך ש. י. אימבערן, אָט דעם אימבערן, וואָס איז געווען זיין ערשטער וועג־ווייזער, אַזוי ווייט, אַז ביידע, וואָס האָבן זיך גלייכצייטיק פּראָדוצירט מיט זייערע ערשטלינגען און אייגענע אויס־גאַבן, האָבן אַרויסגעוויזן אַ גרויסע ענלעכקייט אין דער אויסנדיקער פאָרם און אַמאָל איך אין אינהאַלט, נאָר אימבער מיט מער פּער־פעקטקייט, זיי האָבן דאַמאָלט געהאַלטן ביי אַ גאָר אינטערעסאַנטער יידישער נעאָראָמאַנטיק, אַ ריכטונג, וואָס האָט צום באַדויערן צו קורץ געדויערט.

מ. ל. האַלפּערנס שוועריקייטן האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן אין אַמעריקע, וואו ער איז מחמת מאַטעריעלע טעמים אַריינגעצויגן געוואָרן אין פאַרוואָסער פון דער פּראַקטישער פּאָעזיע, אין זשאַנר פון הומאָ־ריסטיק און אויב ער איז, נאָך אַ סך ראַנגלעניש דאָך דורכגעדרונגען מיט דעם בגוואַלד פאַרהאַלטענעם קוואַל פון פּאָעזיע און איז געוואָרן נאָך דערצו אַן אָנפירנדיקער גייסט אין דער יידישער דיכטער־משפחה פון אַמעריקע, איז דאָס נישט אין קיין קליינער מאָס דער פּאַרדינסט

פון דער יונג־גאַליציאַנער טראַדיציע, וואָס צו שטאַרק געוואויגן אין אים, אַזוי זי זאָל קאָנען צוריקגעהאַלטן ווערן אויף דער דויער.

חוץ דער ליטעראַרישער באַציאונג מיינער צו מ. ל. ה., וואָס דריקט זיך אויס אין מיין אויפמערקזאַמקייט צו זיין ליד זינט דער ערשטער פאַרעפנטלעכונג זיינער, האָב איך נאָך אַן אַנדערן אינטערעס צו אים גופא מחמת מיין באַקאַנטשאַפט מיט זיין משפחה און ספּעציעל מיט פרידאַ האַלפּערן.

אַט די באַקאַנטשאַפט האָב איך געמאַכט אין יאָר 1908. אויף אַ חנוכה־אָוונט האָבן מיר פאַרבעטן פרידאַ ה., וועלכע איז צוליב נויט גראָד געהאַט אַראָפּגעקומען מיט איר משפחה פון זלאָטשעוו קיין בוסק צו איר זיידן, וואָס האָט נאָך געלעבט. דער דאָזיקער זיידע מ. ל. האַלפּערנס האָט געוואוינט אין מאַרק, אין סאַמע מיט פון דער גאָלדענער זייט און איז געווען אַגב אַ מיוחס. אַ מעטריקע־פירער, דאָס הייסט אויך — פון שרייבערישן פאַך. מיר האָבן פאַרבעטן פרידאַן אַנטייל צו נעמען און האָבן געקלערט, אַז זי וועט דעקלאַמירן אַ יידיש ליד. זי האָט אָבער דעקלאַמירט אַ דייטש ליד פון אַ יידישן אויטאָר, און דאָס האָט אונדז געגעבן אַ סך צו קלערן.

דאָס ליד האָט געהייסן מיריאַם און האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

„נאָך איז עס נישט די צייט, נאָך נישט, מיין קינד.
טאָרסט נאָך נישט אין די האָר די רויזן טראָגן.
וואָס זיינען קרוין דיר אין אָפּבילד אָציגד . . .״

איר דעקלאַמאַציע איז געפעלן געוואָרן. זי האָט איבריקנס מוטיק און חנעוודיק דעקלאַמירט.

פון דעמאָלט אָן פלעגן מיר, איך און מיין חבר יעקב גאָלדבערג, איבערזיצן גאַנצע נעכט ביי פרידאַ האַלפּערן אין איר ענגן שטיבל אויף דער גרעבליע. זי פלעגט נייען אויף דער מאַשין און מיר פלעגן קוקן אין איר צעלויכטענעם פּנים שעהן־לאַנג, נישט זאַט ווערנדיק פון שמועסן מיט דער יונגער דיכטערין.

משה לייב איז דעמאָלט געווען אין זלאָטשעוו.

שפּעטער ערשט זיינען מיר דאָך געוואָר געוואָרן, אַז פרידאַ האַלפּערן, דאָס וואוילע און ליבע קינד, איז דאָך נישט מער ווי אַ שיין מיידל, און אַז איר נאָמען איז בלויז געווען אַ פּסיידאָנים פאַר איר ברודער — אפשר אויסגערעכנט, דער געליבטער שוועסטער אָנצוטאָן אַ כבוד.

יאָ, ווער סע וויל דעם דיכטער פאַרשטיין, מוז אין דיכטערס לאַנד אַריין גיין!

משה לייבס היים איז גאַליציע, און „גאַליציע״ וואָלט באַדאַרפט הייסן דאָס ווערק פון זיין לעבן און נישט „ניו־יאָרק״. ווייל גאַליציע האָט אים געגעבן דעם ערשטן און וויכטיקסטן שטויס צום שאַפן און ניו־יאָרק האָט בלויז משפיע געווען די ווייטערדיקע ריכטונג. אָן זיין היים, זיין בענקשאַפט און זיין יצירה־מאָטיוו, וואָלט מ ל. האַלפּערן נישט געווען דאָס, צו וואָס ער איז אויסגעוואַקסן אין יענער וועלט־שטאָט, פון וועלכער ער איז באַרימט געוואָרן.

דער נאָמען: משה לייב און די אָנווענדונג פון דעם דאָזיקן נאָמען מצד האַלפּערנען אין זיין ליד, וועלכעס האָט אַזוי אַרומגענומען, איז אַ רעמיניסצענץ פון דעם לעגענדאַרן משה לייב סאַסעווער, וועלכער פלעגט זיך, כידוע, ביי וויכטיקע געלעגנהייטן ווענדן צו זיך אַליין, אַפּאָסטראָפירנדיק: משה לייב, משה לייב, וואָס האָסטו געטאָן? וואָרן האַלפּערן איז אַ געבוירענער אין סאסעוו, ד״ה, אַז ער איז אויך אַ מין משה לייב סאָסעווער אין דעם זין ווי וואָלף ערנקראַנץ אַ וועלוול זבאַראַזשער, און פון דאַנען שטאַמט די רעמניסצענץ. אויפגעצויגן איז ער אין זלאָטשעוו און אַהין גרייכן זיינע זכרונות און דערמאָנונגען. געצויגן האָט אים קיין לעמבערג, וואו ער פלעגט נישט איינמאָל קומען באַמיען זיך אין דער רעדאַקציע פון „טאָגבלאַט״ וועגן אָפּדרוקן זיינע ערשטע לידער.

אין יענער צייט איז ווי געזאָגט, נישט אָנגעקומען אַזוי שווער געדרוקט צו ווערן. עס זיינען פאַראַנען געווען דעמאָלט אין גאַליציע קוים אַ 3 דיכטער־נעמען, וואָס האָבן זיך פון צייט צו צייט, באַוויזן אין דער פרעסע אָדער אין די באַדערשע און פראָסטיגשע קאַלענדערס און האָבן תיכף פאַראינטערעסירט די עפנטלעכע מיינונג. מ. ל. האַלפּערן איז נישט געווען און האָט אויך נישט אויסגעוויזן צו זיין אַזוי פיל צוזאָגנדיק. מען פלעגט זיך פשוט פרעגן: וואָס וויל ער? — אַזוי אומקלאָר האָט דעמאָלט אויסגעזען זיין גייסטיקער פּרצוף. אין אָנהויב בפירוש אַ נאָכטוער פון זיין אין יאָרן — יינגערן, אין דעביוט — עלטערן אין סוקסעס — גליקלעכן חבר ש. י. אימבער. דערנאָך האָט ער זיך גענומען באַגייסטערן פאַר יהואשן, וועמענס באַנד לידער ס'איז אין יענער צייט דערשינען מער אָבער פון אַלעמען האָט ער אין זיך איינגעזאַפּט ה. היינען, וועמענס „ים לידער״ ער האָט נאָכגעמאַכט בעת דער נסיעה קיין אַמעריקע, און די השפּעה פון

היינעס „טרוימבילדער" איז קענטיק אינעם סטיל פון מ. ל. האַלפּערנס שפּעטערדיקע ווערק.

אין דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט משה לייב אַנטיילגענו־מען ווי אַ דעלעגאַט און ווען ער איז זומער־צייט 1909, פאַר זיין אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע, אַראָפּגעקומען קיין בוסק צו זיינע עלטערן בין איך גראַד געווען אין טשערנאָוויץ און האָב דורכדעם נישט געהאַט די זכיה אים צו דערקענען פּערזענלעך. חברים, ספּעציעל יעקב טייטל, פלעגן מיר אָבער שרייבן, אַז „די יונגע" גייען אַרום מיט מ. ל. האַלפּערנען אויף דער סטאָוויסקע ביים בוג אַזוי ווי אַמאָל מיט מיר, און אַז משה לייב רעדט אין זיי אַריין גאָר אַ סך וועגן יידיש, יידישער ליטעראַטור און זיינע פּלענער. אַזוי האָב איך מיך לײדער געמיטן אין לעבן מיט יענעם דיכטער, וואָס לויט זיין שייכות איז ער געווען מיינער אַ בן־עיר — אַ בוקסער.

משה לייב האַלפּערנס זיידן, דעם מעטריקע־פירער פון בוסק, ר' יעקל רעגירער, געדענק איך נאָך זייער גוט און האָב דעם כבוד צו פאַרמאָגן מיינס אַ מעטריקע, וועלכע איז אייגנהענטיק פון אים געשריבן געוואָרן אויף דייטש. דאָס איז געווען אַן אַלטיטשקער מאַן מיט אַ לאַנגער, שמאָלער, גראָער באָרד, וועלכע איז געווען נישט ווייניקער שטאָלץ מיט זיין קונסט צו שרייבן געבורטשטיינס, ווי זיין אייניקל מ. ל. האַלפּערן — מיט די לידער.

משה לייבס פאָטער, ר' אייזיע, איז געווען אַ ייד, אַ שטיקל בטלן מיט אַ קליין, גראָ בערדעלע. נאָך זיין טויט, קנאַפּ פאַר דער וועלט מלחמה, האָט די משפחה אויסגעוואַנדערט קיין ווין, און דאָרט איז משה לייבס מאַמע בשעת דער קריג געשטאָרבן.

אין אַנהויב האָט מ. ל. האַלפּערנס שאַפונג קנאַפּ ווען באַפרידיקט. זיין פאָרם האָט אינטריגירט, הגם מען האָט זיך כסדר געפרעגט, וואָס זיינע לידער ווילן. אין אַלגעמיין אָבער האָט געהערשט אַ געפיל, אַז ער וועט זיך אַדורכברעכן. און ווען עס האָבן אָנגעהויבן קומען פון אַמע־ריקע, פון צייט צו צייט, ידיעות וועגן אַ יינגן בחור פון גאַליציע, וואָס נאָך אַ גרינער, קלאַפּט ער דאָרט שוין אין טיש און וויל איינרייסן וועלטן, האָט מען אַרויסגעפילט, אַז דאָס מיינט מען אים משה לייבן, און עס האָט זיך פּלוצים אַרויסגעשטעלט, אַז די זריעה און די צוכט פון דער יינג־גאַליצישער שול איז דאָרט אויפגעגאַנגען ווי אַ פּלוצים־דיקער אויפשיין פון אַ בלענדנדיקן קאָמעט.

מ. ל. האַלפּערן, דער אויסגעוואַקסענער אין אַמעריקע און דער באַרימט־געוואָרענער צוליב די אויפטוען זיינע דאָרט איז דאָך, אין אַן איבערוועגנדיקן טייל אונדזערער — אַ גאַליציאַנער, ווייל לויט זיינע וואָרצלען שאַצן מיר אָפּ די צוגעהעריקייט פון אַט דעם יינג־פּאַר־שניטענעם בוים.״

— (דוד קעניגסבערג: משה לייב האַלפּערן — עטלעכע ביאָגראַפישע שטריכן צו זיין 5טן יאָרצייט, — „די פּאָסט״ קראָקע, 1938).

משה לייב האַלפּערן איז געבוירן געוואָרן דעם 2טן יאַנואַר, 1886, אין זלאָטשאָוו, מזרח גאַליציע. אין 1908 איז ער אָנגעקומען אין ניו־יאָרק, און מיטוואָך אינדערפרי, דעם 31טן אויגוסט, 1932, האָט ער אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם, אין אַ שפּיטאָל, אין ברוקלין, אַ פּאָר שעה נאָך דעם וואָס אַן אַמבולאַנס האָט אים געבראַכט אַהין צופירן — וואו ער איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־שלאָג.

דריי טעג פאַרן טויט, אַ סוף־וואָך, איז האַלפּערן אַרויסגעקומען אַ „געזונטער״ צום ים, וואו עס האָבן פאַרבראַכט זיין פרוי און זיין אינגעלע; און אַזוי ווי ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער שווימער, איז ער, ווי אין די אַמאָליקע יאָרן, אַרומגעשוואומען שעהן לאַנג אויפן ים. ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים איז ער פּלוצים ביינאַכט שטאַרק קראַנק געוואָרן און איז מער פון בעט שוין נישט אויפגעשטאַנען. אַזוי אַז עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז דער ים, וואָס האָט אים אַלעמאָל אָנגערעגט צו לידער, און ביי וועמען ער פלעגט אַלעמאָל קומען זוכן אָפּרו; דער ים — דער אייביקער סימבאָל פון באַפרייאונג — האָט זיך אונטערגעאיילט מקיים צו זיין דעם פּסק, וואָס משה לייב האָט זיך, ווי בנביאות, אַליין פאָראויסגעזאָגט, אין זיין ליד (מעמענטאָ מאָרי) „געדענק דעם טויט״, וואָס ער האָט נאָך אָנגעשריבן מיט אַ סך יאָרן צוריק, און וואָס איז נאָך אַריין אין זיין ערשטן בוך לידער, „אין ניויאָרק״, 1919. ווען די ביִיעס וועגן זיין טויט האָט זיך געגומען פאַרשפּרייטן איז נישט געווען לייכט תיכף שלום צו מאַכן מיט דעם פאַקט. מ'האָט געפילט, ווי ער האָט פאָראויסגעזאָגט פריער מיט יאָרן: — ווער וועט דאָס גלויבן משה לייבן?

און אַז משה לייב, דער פּאָעט, וועט דערציילן —
אַז ער האָט דעם טויט אויף די כוואַליעס געזען,
אַזוי ווי מען זעט זיך אַליין אין אַ שפּיגל,

און דאָס אין דער פרי גאָר, אַזוי אַרום צען —
צי וועט מען דאָס גלויבן משה לייבן ?

און אַז משה לייב האָט דעם טויט פון דער וויטן
באַגריסט מיט אַ האַנט און געפרעגט ווי עס גייט ?
און דווקא בעת ס'האָבן מענטשן פיל טויזנט
אין וואַסער זיך ווילד מיט דעם לעבן געפרייט —
צי וועט מען דאָס גלויבן משה לייבן ?

און אַז משה לייב וועט מיט טרערן זיך שווערן,
אַז ס'האָט צו דעם טויט אים געצויגן אַזוי,
אַזוי ווי עס ציט אַ פאַרבענקטן אין אָוונט
צום פענצטער פון זיינס אַ פאַרהיילִיקטער פרוי —
צי וועט מען דאָס גלויבן משה לייבן ?

(*"Memento Mori"*)

אַ פּאָר חדשים פאַר זיין טויט טרעט ער נאָך אַריין אין דער רעדאַקציע פון „אויפקום״, און אינאיינעם מיט דעם דיכטער ז. ווײנפּער באַוויזט ער נאָך צו רעדאַקטירן דריי נומערן פון דעם זשורנאַל. ער טראָגט זיך אַרום מיט פאַרשידענע פּלענער ווי אַזוי אויסצובעסערן דעם זשורנאַל — און לאָזט נישט פאַרביי קיין געלעגנהייט אונטערצו־שטרייכן — אַז דער עיקר וויל ער דרוקן און גרופּירן דאָ יינגערע שרייבער. אָבער דאָנערשטיק דעם 1טן סעפּטעמבער, 1932, האָבן דעם דיכטערס פרוי און איינציק יינגעלע, און די ניו־יאָרקער שרייב־ערישע משפחה, צערודערטע און צעבראָכענע אַרויסבאַגלייט פון „פאָרווערטס־זאַל״ — צו זיין אייביקער רו — דעם טויטן קערפּער פון דעם פּאָעט משה לייב האַלפּערן; און מען האָט אים צו קבורה געבראַכט אויף דעם „הר־כרמל בית־עולם״ פון אַרבעטער־רינג.

זיין פּלוצימדיקער טויט האָט אויפגעטרייסלט אפילו אונדזער געוויינלעך־אַפּאַטישע וועלט, און האָט אומעטום אַרויסגערופן גרויס טרויער און טיפן באַדויער:

„פיר יאָר זינט מ. ל. האַלפּערן איז פון אונדז אַוועק. פיר יאָר וואָס איצטיקע וועלט־געשעענישן האָבן אָנגעפּראַפּט איבער די ברעג־געס מיט ריזיקע שטראָמען צייט און ברוך־שטיקער פון ווייט לויפנדיקע עפּאָכעס. פיר יאָר, פולע, איבערפולע לאַנגע יאָרן, אָנגעפּראָפּטע יאָרן, און דאָך, די אויפטרייסלונג פון ערשטן געשריי „האַלפּערן — טויט ! ״ האָט זיך נישט איינגאַנצן איינגעשטילט. עפּעס האָט זיך אָפּגעריסן, געבליבן העגגען און קאָן צו זיך נישט קומען!״ (לייבוש לעהרער: מ. ל. האַלפּערנס משה לייב — „זאַמלביכער״ — 2 ; 1936).

דער טויט פון משה לייבן האָט אַרויסגערופן צענדליקע און צענד־ליקע ענלעכע עסייען, פיל וואַרעמע טרויער ווערטער און אַן אַ צאָל באַדויערנדיקע נעקראָלאָגן. עס זיינען דערשינען גאַנצע אַנטאָלאָגיעס געווידמעט דעם אָנדענק פון משה לייבן (אין שיקאַגא און אין לעמבערג), און מיט דעם אויסנאַם פון דער הינריכטונג פון די צוויי רעוואָלוציאָנערע מאַרטירער, סאַקאָ און וואַנזעטי אין 1927, איז מיר נישט באַקאַנט (ביי אונדז) אַזאַ גרויסע עלעגישע שפע פון לידער ווי משה לייבס טויט האָט אַרויסגערופן. נישט נאָר די אַמעריקאַנער דיכטונג, נאָר די אידישע דיכטונג פון גאָר די וועלט, האָט זיך אָפּגערופן אויף דעם גרויסן און פריצייטיקן פאַרלוסט; ווער מיט איין ליד און ווער מיט צוויי און ווער מיט דריי. עס ווייעט מיט גרויס ליבשאַפט, מיט טרויער און באַדויער פון די אַלע לידער אויפן פאַרלוסט פון אַ פריי־צייטיקן פאַרשניטן לעבן פון אַ גרויסן דיכטער, און אָט איז אַ רשימה פון די נעמען פון די דיכטער, וועמעס לידער זיינען מיר געקומען אונטער די אויגן:

הענאָך אַקערמאַן
י. א. מ. בראָנשטיין
מ. גאָלדמאַן
י. גויכבערג
יעקב גלאטשטיין
י. גלאַנץ
נפתלי גראָס
ג. גראפשטיין
אליעזר גרינבערג
א. מ. דילאָן
מאָטעס דייטש
ק. הייזלער
ז. העלער
ז. וויינפּער
א. זאַרעצקי
א. טאַבאטשניק
ד. טשאַרני
מאַני לייב
איציק מאַנגער
משה נאַדיר
מ. נייגרעשל
י. י. סיגאַל
י. סלאָנים
א. עסעלין
ל. פיינבערג
ע. פינענבערג
יאָסל קאָהן
ע. קאַרמאַן
נחמיה קליין
א. י. קריזאַוואָסקי
י. ראָלניק
לאָמעד שאַפּיראָ
שלמה שווארץ
מ. שווייד
מ. שטיקער
מ. שימעל
ב. שנאַפּער
א. שפּריצער

עס ווילט זיך מיר גלויבן, אַז עס וועט זיך נאָך אַמאָל געפינען עמיצער וואָס וועט זיך אונטערנעמען אָנצושרייבן משה לייבס ביאָגראַפיע. דורכפירן אַזאַ פּראָיעקט וועט גאָר נישט זיין אַזוי גרינג, ווי עס קאָן זיך אויסדאַכטן פון אויבנאויף. באַזונדערס שווער וועט זיין צו שרייבן דעם פּעריאָד פון זיינע קינדעריאָרן; סיידן מען וועט אַלץ אויפבויען אויף השערות. דערווייל וויל איך דאָ געבן בלויז אַן אָדערויף, איין אינפאָרמאַציון שטריך, מאַטעריאַל פאַר אַ

צוקונפטיקער ביאָגראַפיע וועגן דיכטער: איך נעם זיך דאָס רעכט דאָ צו באַהויפּטן — אַז דאָס וואָרט „הונגער" וואָס מיר טרעפן אַזוי אָפט אין משה לייבס לעצטע לידער, די שמועסן (אין לידער) וועגן עסן זיינען נישט קיין „צוגעטראַכטע דעקאָראַציע" ווי וואַלערי וויל האָבן; נאָר אַ וואָרער קוואַל פון פאַרסמטער לעבנס־ערפאַרונג. מ'קאָן די ביטערע ערפאַרונג רעסטאַווירן, ווי איך וועל זיך באַמיען דאָס צו באַווייזן, אויפן סמך פון אַ סך פון זיינע לעצטע לידער. דאָס וועט אויך אין איין וועג באַווייזן — די פריערדיקע באַהויפּטונג — אַז פאָרם, בילדלעכקייט, אויסוואַל און קינסטלערישע באַהאַנדלונג פון טעמע — זיינען נישט גלאַט קאַפּריזן; זיי וואַקסן פון ערגיץ אַרויס. די פאָרם, די צורה פון קונסט־ווערק דריקן אויס און טראָגן אויף זיך דעם חותם פון זייער יוצר, און די סמני־יצירה פון אַ באַשטימטער עפּאָכע, און ווערן דערפאַר אַ פּערמאַנענטער בייטראַג צו די אוצרות פון קונסט. דער קינסטלער מוז דאָך פון ערגעץ שעפּן זיין יניקה, אָדער ווי מ'האָט דאָס גערופן אַמאָל — אינספּיראַציע. מיר געפינען אין האַלפּערנס לעצטע לידער אַזעלכע ריין־ביאָגראַפישע און אויטענטישע שורות ווי —

וער דאַרף דער זעטיקער זאָל וויינען פון פאַרגעניגן
באָם ליד פון דעם פאַרהונגערטן?

(2טער באַנד „לידער" 1934)

אָדער:

איך האָב זיך צו דער שטאָט געווענדט
פון באַרג וואָס איך האָב אויסגעטראַכט פאַר זיך,
פּונקט דעמאָלט ווען מען האָט אַרויסדערלאַנגט מיר —
דורך אַ הינטער־טיר
אַביסעל וואַרעמס פון אַ פרעמדער קיך.

איך האָב אין הונגער זיך די צונג געבריט,
און כלעפּטשענדיק האָב איך געטראַכט:
— דאָס איז אַ ליד
וואָס הילכט אַריבער ווי אַ גרויסער ווינט
דאָס שרייען פון דער שטאָט!

און ווידעראַמאָל:

עס טרעפט אַ מענטש קאָן נישט שלאָפן באַנאַכט —
עס בויערט דער הונגער אין האַרצן אַ לאָך.

און נאָכאַמאָל:

ס'איז נישט אַזוי די עלטער זרחים
וואָס ווײנט צום ים אַרויס פאַרנאַכט:
נאָר ווײנען ווײנט באַם אַוונטשטערן
דאָס טראַכטן זרחים וואָס ער טראַכט.

ס'איז נישט אַזוי דעם מענטשנס פּראַצע
וואָס ווײנט אַרויס צו אים פון דר'ערד —
נאָר ווײנען ווײנט די ערד — דאָס אײַזן,
די ערד — דאָס גאָלד פאַר קרוין און שווערד.

ס'איז נישט אַזוי די טויב די ווײַסע
וואָס שפּרייט צו פליען די פליגל אויס —
נאָר ווײנען ווײנט באַם ריס אין קישן
דאָס פעדערל וואָס פליט אַרויס.

ס'איז נישט אַזוי די חיה־רעה
און נישט פאַרשאָלטן איז איר בלוט —
נאָר ווײנען ווײנט דער בלינדער טרויער
אויף אַלצדינג וואָס דער הונגער טוט.

אין דעם דיכטערס ווײטאָקדיקער באַוואוסטזײַן, אַז:

און איך—פרעג אָן ביים קאָרטנשפּיל, ווען מ'האָט שוין אויסגעטאָשט,
—פאַרוואָס מיר קומט אין בײדע הענט אַ מכה מיט אַ פּייג?!

דאָס „שווימען קעגן שטראָם" האָט פאַרלוירן יעדן זין. עס האָט אים נישט באַפרידיקט מער. זײַן גלויבן אין אַ סאָציאַלער ענדערונג — אפילו אין דער ליטעראַטור, האָט אים אויך אנטוישט און אנטמוטיקט. ער האָט באַגריפן, אַז די קאָרטן זײַנען שוין „אויסגעטאָשט" און די שפּיל איז אַ פאַרשפּילטע, — האָט ער מער קיין טרייסט נישט געהאַט צו טרייסטן זיך אַליין. ער האָט זיך דערפילט דערנידעריקט, באַליידיקט און אויסגעליידיקט:

איך קען אפילו, ווען איך זאָל וועלן,
(צו טרייסטן מײַן באַליידיקטע זעל)
אַ זאָג טאָן צו זיך, אַז אַ לייב דאַרף נישט קעמפן
מיט דעם קליינוואַרג וואָס קריכט אַרום זײַן פעל.

נאָר דאָס איז דאָך פּאַקטיש נישט קיין אמת,
וואָרים וואָלט איך טאַקע אַ לייב געווען,
וואָלט מען מיך דאָך אין אַ שטייג געהאַלטן,
און געלאָזט זיך באַצאָלן מיך צו זען.

און נישט מען וואָלט מיך געלאָזט אַרומגיין
אַט־אַזוי־אָ שוין פופצן יאָר דאָ אין לאַנד;
מיר קומט דאָך נישט איינמאָל אויס אין מיין פּרייקייט,
כאַטש נעם און שלאָג זיך קאָפּ אין וואַנט.

פון די שורות און פון צווישן די שורות פון האַלפּערנס לעצטע רויע, פּאָעטישע עסקיזן: פון זיינע, ווי בכיון צעשויבערטע, פאַנטאַס־מאַגאָרישע פּראָיעקטן פאַר לידער, ווייַנט אַרויס אַ גרויס און טראַגיש געוויין פון אַ בלוטיקן גערוּנגל, אַ געברום פון אַ פאַרהונגערטן וואָלף, אַ געיאָמער פון אַ פּאָעטס פּאָעטיש גורל — וואָס איז אין סאַמע בלי פון לעבן און שאַפן צעריבן געוואָרן צווישן די מילשטיינער פון אַן אויפגעטרייסלטער צייט, פון אַ ברוטאַלער עפּאָכע.

דאָס געוויין און דער יאָמער אין זיינע לעצטע לידער שטאַמען דערפון — וואָס אויב ער האָט אין די ערשטע קינסטלערישע פּאַזן — אַלס באָהעם, אַלס „אַנפאַן טעריבל״, אַלס לעסטערער, געקעמפּט און געחוזקט, און טיילווייז צופרידן געווען מיט דער קאָמפּענסאַציע, וואָס ער קאָן כאָטש שאָקירן די פּיליסטער, די פּאַרוועניוס, קוקט ער אָבער איצטער אויף זיך ווי אַ קרבן, ווי אַן אומזיסטער און אומנויטיקער קרבן אין אַ זינלאָזער, אין אַ דור־הפלגהשער וועלט, וואו ער איז איב־גאַנצן „איבעריק״, און וואו קיינער הערט זיך נישט צו מער צו אים.

ב. ריווקין פּאַסט דאָס ריכטיק אויף:

„... זיין פּאַנטאַסטישער גראָטעסק איז געווען זיין ביטערסטע און מילדסטע, זיינע בייזע און דאָך ניט באַליידיקנדיקע באַקליידונג פאַר זיין אומשלום מיט אומיושר און אום־אמת.

און ער האָט באַצאָלט מיט זיין לעבן פאַר זיין אומשלום: זיין אומ־שלום איז זיין ביטראַג צו זיין פריצייטיקן טויט. אָבער זייער אומשלום, פון זיין צד שכנגד, איז זייער בייטראַג צו זיין טויט — און אַ בלוטנפלעק אויף זייער געוויסן. אין זיין פּאָעטישן איבערבלייב איז שוין דאָ דער שלום — אָבער ניט מיטן לעבן, נאָר מיטן טויט.״

(ב. ריווקין, „בריקן״ מאַי, 1934)

האַלפּערן באַשטעטיקט די באַהויפּטונג:

איך וואַרט שוין יאָרן
עמיץ זאָל מיך איבערפאָרן.
נאָר מיר איז נישט באַשערט —
מיך דאַרף נאָך האָבן איבער זיך די ערד.

(צווייטער באַנד „לידער", 1934)

„פּיראַט אויף שיף, אין העכסטער הויך, הערט טויט אין שטורעם זינגען,
איך הער מיין איינזאַמקייט וואָס וויינט מיט שטאָט אַרומגעמויערט,
און האָפענונג אין מיר — אַ קייט וואָס מ'האָט מיר דורכגעבויערט
דורך האַרץ — זי זאָל ביים מינדסטן ריר אין שלאָף אפילו קלינגען.

דער טאָן פון זיינע לעצטע לידער איז מערער אַ ווידוי־טאָן ווי פּאָעזיע. ער האָט איצט אַלץ מקבל געווען באהבה. ער האָט שלום געמאַכט מיט זיין גורל, און זיין תמיד אויפגעהויבנער דראָענדיקער פויסט האָט זיך ביסלעכווייז פון יאוש אַרונטערגעלאָזט און מיד אַראָפּגעפאַלן:

ווי אַן אונטערגעשאָסענער פויגל אין וואַלד־גראָז,
וויינט אין מיר אַלץ וואָס איז קראַנק און שטאַרבט.
מיין לעבן איז אַ וואונד וואָס מען זעט ניט —
אַ וואונד אין דער וועלט אַריינגעקאַרבט.

דער דיכטער איז גערעכט: „זיין לעבן איז אַ וואונד אין דער וועלט אַריינגעקאַרבט" — ער איז אָבער אומגערעכט אַז „זיין לעבן איז אַ וואונד וואָס קיינער זעט ניט!" ווייל האַלפּערנס פאַרביקער, דיכטערישער גאַנג, זיין ווירקונג, זיין ריכט־און־דיכט־שנור און אונדזער פּאָעזיע איז שאַרף און ווירדיק אָנגעצייכנט. פאַרבייגיין זיין ירושה־ליד גלייכגילטיק, פאַרזען אים — איז אוממעגלעך! און וויפיל שטרויכלונגען, וויפיל שטערונגען, אוי וויפיל צער דאָס לעבן האָט אים נישט אונטערגעטראָגן — זיין ליד קלינגט קלאָר און מאַכטיק. זיין פּאָעטישער שטערן לויכט העל און העלער. און די יעניקע וואָס קומען צו זיין ליד, אָן שום פאָראורטיילן, שטילן זייער דורשט ביים קוואַל פון משה לייב'ס קוועלנדיקער און טיפער דיכטונג. משה לייב נויטיקט זיך ניט אין רעקלאַמע־מיטלען, און אין פּובליסיטי־פאַרמיטלער. זיין דיכטונג לעבט און ווירקט בלויז מיט דעם כוח פון זיין דיכטונג.

משה לייבס ליד לעבט אומעטום וואו עס לעבט דאָס אויפריכטיקע אידיש־קינסטלערישע וואָרט. אַמאָל פאַרנעמט מען דאָס אין זיין

אייגענער און אייגנאַרטיקער פּאָעטישער פאָרם, און אַמאָל אין גרויסן ווירקונגס־כוח און פּאָעטישן שטויס וואָס באַווירקט די ווערק פון אַנדערע דיכטער, ווי עס געשעט אין יעדער ליטעראַטור מיט יעדער פּאָעטישער טראַדיציע. אַן ענין וואָס איז נאָך כמעט ווי נישט באַרירט געוואָרן פון אונדזער קריטיק. וועגן האַלפּערנס ליטעראַרישער ירושה, וועגן דעם מזרח־אַרט וואָס ער פאַרנעמט אין אונדזער פאַרבנרייכער דיכטונג לאָזט זיך שוין איצטער זאָגן — אַז זיין פּאָעטישער גאַנג איז שוין געווען קלאָר אָנגעצייכנט נעכטן. נאָך גרעסער איז זיין איינ־פלוס היינט, און אויף מאָרגן — אַז מיר וועלן אויפגעריכט ווערן פון דעם פיזישן און גייסטיקן חורבן וואָס מיר לעבן איצט איבער — וועט זיך ערשט קאָליר־רייך אַנטפּלעקן זיין גרויסער פּאָעטישער כח, זיין אומ־קאָמפּראָמיסלעכער גאַנג, און מיר וועלן אים ערשט דעמאָלט דערזען צווישן די וויכטיקסטע מקוננים און אָנזאָגערס פון אַ טראַגישן צייט־אָפּשניט — פון אונדזער אייגענער טראַגישער עפּאָכע!

ער טיילט ניט דעם גורל פון דעם מען דיכטער, מיט וועלכע א. טאַבאַטשניק הויבט ריכטיק אָן זיין פיין־פאַרטראַכטע און רעהאַביליטירענדיקע שטודיע וועגן זישא לאַנדוין: ״פאַראַנען ריטם אין דעם גורל פון פּאָעטן. דער ריטם פון אויפגיין און פאַרגיין, פון ווערן פאַרעלטערט און באַנייט, פון ווערן פון איין דור פאַרגעסן, און פון צווייטן אויפגעלעבט״.

משה לייב טיילט דערוויל נישט דעם גורל, פשוט דערפאַר, ווייל ער איז נאָך ביז איצט נישט פאַרגעסן געוואָרן. זינט משה לייב איז אַוועק פון אונדז ווערט זיין דיכטונג נאָך וויכטיקער. נאָך „נאָענטער״ אַ סך פון אונדז. י. ראַלניק, למשל, איינער פון אונדזערע אינטימסטע דיכטער, וועמעס ליד קאָן דינען ווי אַ קאָנטראַסט צו משה לייבס רוישיק און ראַשיק ליד, דערציילט (אין אַ ליד טאַקע) ווי משה לייב איז אים איצטער נאָענטער געוואָרן. ער איז אָביעקטיוו געגעבן צו דערזען אַצינד משה לייבן אין אַזאַ ליכט וואָס ער האָט אים פריער נישט געזען:

און זינט משה לייב דער דיכטער איז טויט
זע איך אים פאַר זיך לעבעדיקערהייט,
ער איז מיר נאָענטער הונדערט מאָל
ווי ער איז געווען אַמאָל.

און זיין נשמה זע איך איבער אַלעמענס קעפּ,
וואָס גייען נאָך אים אין שוואַרצן קרעפּ.

און אויף די פּאַפּירלעך קוקט ער אַראָפּ
וואָס טוען אים אָן אַ קרוין אויפן קאָפּ.

און ווי אַ פאַרטריבענע גרויע טויב
קלאָגט ער: וואָס דאַרף איך איצט אייער לויב,
וואָס דאַרף איך די אַלע זאַכן דאָרט,
וואָס איר האָט ביז איצט פון מיר געשפּאָרט.

ווי פול די טישן איר האַלט ניט באַשטעלן,
און ווי דער טאָרט זאָל מיר ניט געפעלן,
איך קאָן דאָך פון אים איצט ניט געניסן,
מיט אייער בעסטן ווילן, קיין איינציקן ביסן.

(י. ראַלניק: — משה לייב, „פרייע אַרבעטער שטימע" 8טער אויגוסט, 1941)

אמת, עס זיינען אויך פאַראַן אַ צאָל פאַרערער און לייענער פון האַל־פערנס ערשטע ראָמאַנטיש־רעאַליסטישע לידער, וואָס זעען נאָך דערוויייל נישט אין דעם גרויסן קינסטלערישן אויפטו פון זיינע שפּעטערדיקע פּאָזן; אָבער דאָס, דוכט מיר, נעמט זיך דערפון וואָס אַ טייל פון זיי נויטיקן זיך נאָך אין אַ געוויסער דיסטאַנץ כדי אויסצולעבן געוויסע פאָראורטיילן; אַנדערע, ווידער, נויטיקן זיך פשוט (אויפן סמך פון שמועסן מיט זיי) אין אַ גרינטליכער באַקאַנטשאַפט מיט זיינע לעצטע לידער, כדי צו דערזען די פאַרטיפטערע טראַגיק, וואָס האַלפערנס דיכ־טונג האָט דורכגעמאַכט אין איר לעצטער סטאַדיע.

האַלפערנס לעצטע לידער זיינען שווערער צו באַנעמען ווי זיינע ערשטע לידער, ווייל זיי פאַרמאָגן אָפּטמאָל, אין קאָנטראַסט צו זיין ערשטן דרויסנדיקן רעאַליזם, אַ מין אומלאָגישע־לאָגישקייט וואָס מען געפינט אָפּטמאָל אין דער נייער ליטעראַטור און אין דער נייער מאַלעריי ביי אַזעלכע קינסטלער ווי מאַרק שאַגאַל, ביי סאַלוואַדאָר דאַלי, ביי קיריקאָ און אַנדערע פון דער ריכטונג. די שייכותן און די סימבאָלן ווערן פון די דאָזיקע קינסטלער בלויז אָנגעדייט, אָנגעוואונקען און נישט דערקלערט, אַנטוויקלט און באַשטעטיקט, ווי אין דער קלאַסישער און אין דער אַקאַדעמישער קונסט. די ווירקונג און באַווירקונג פון די סורעאַליסטן באַדאַרף רעאַליזירט ווערן דורך אומדירעקטע שייכותן, דורך אויסטערלישע אַנונגען און אומדער־וואַרטעטע אַסאָסיאַציעס; און ווי דערקלערט מען טאַקע על פי ריינער לאָגיק, דעם זין פון מאַרק שאַגאַלס באַרימט בילד „אַ איד מיט אַ גרינער באָרד", און זיינע ציגעלעך און מלאכים, וואָס פלאַטערן מיט

דערפאַרונגען און איבערלעבונגען רופן אַרויס און דעטערמינירן ברו־טאַלע און דעמאָנישע מיטלען פון קינסטלערישן אויסדרוק!

אַן ענלעכע אויפנאַמע האָבן געקראָגן די ערשטע „ברוטאַלע" לידער פון דעם איצט־באַרימטן אַמעריקאַנער דיכטער קאַרל סאַנדבורג. די זעלבע „שיקאַגאָ לידער" וואָס גייען איצט אַריין אין אַלערליי אַנטאָלאָגיעס און שול־כרעסטאָמאַטיעס זיינען אין 1914, שרייבט דער דיכטער סטעפען ווינסענט בענעי, „אָנגערופן געוואָרן רוי, ברוטאַל, וואולגאַר און מאַטעריאַליסטיש". דער אַמעריקאַנער אַקאַדעמיש־זשענטילער לייענער, פונקט ווי דער זשענטילער לייענער אויף יידיש — דערצויגן אויף אַ גאַנץ אַנדערער פּאָעטישער טראַדיציע — קאָן אָפּט־מאָל נישט איינזען די אַנטי־פּאָעטישע־פּאָעטישקייטן, וואָס אַזעלכע שורות ווי „חזיר־יאַטקע פאַר דער וועלט" (אַזוי ווענדט זיך סאַנדבורג צו זיין באַליבטער שטאָט שיקאַגאָ) פאַרמאָגן. מען פאַרגעסט, אַז דער־פאַרונג, וויזיע, איבערלעבונג, ווי וויכטיק זיי זיינען ניט פאַר דעם וואָס האָט זיי איבערגעלעבט, ווערן זיי אָבער פאַר דעם לייענער בלויז דעמאָלט וויכטיק — ווען זיי דערשלאָגן זיך צו אַן אַדעקוואַטער פאָרם פון קינסטלערישן אויסדרוק.

„דער גרעסטער מאָדערנער פּאָעט", שרייבט דער יונגער ענג־לישער פּאָעט און עסייאיסט סטיפען ספּענדער, „וועט זיין דער יעניקער וואָס וועט קאָנען אַקצעפּטירן די מערסטע אַנטי־פּאָעטישע און ברוטאַלע דערשיינונגען — מלחמה, שאַנד, טיראַני — און זיי אַנטפּלעקן ווי אַ טייל פון מענטשנס גייסט, כאָטש זיי זיינען אין תוך אַפּלייקענונגען פון מענטשלעכן גייסט".

אמת, ברוטאַליטעט צוליב ברוטאַליטעט — איז אַ קנאַפּער אויפטו, און אַ קינסטלער האָט זיך מיט דעם גאָרנישט וואָס איבערצוגעמען. אָבער ברוטאַליטעט וואָס וואַקסט אַרויס ווי אַ קריטישע אַטאַקע אויפן לעבן און שעלט און צאַרענט און וואָרענט — ווייל אַלע לעבעדיקע לעבנסקוואַלן זיינען פאַרסמט געוואָרן, ווייל הונגער, נויט, מלחמות, מגיפות — זיינען געוואָרן טאָג־טעגלעכע דערשיינונגען; אַזאַ ברוטאַ־ליטעט מוז קומען בלויז פון ליבע צו לעבן, און מוז שלאָגן אירע וואָר־צלען אין דער טיפקייט פון דער וועלטס לעבנס־אָרגאַניזם, און איר פּולס איז דער פּולס פון דער צייט און פון איר וואָר! און וואָר און דיכטונג — ווי פאַרשידן זיי זאָלן נישט זיין, ווי אַנדערש און אַנדערשדיק זייערע פונקציעס זאָלן נישט זיין—זיינען זיי אָבער אַלעמאָל אומצעשיידבאַר. די וואָר, די רעאַליטעט, ווי איניקע קריטיקער ווילן מיט רעכט האָבן, איז

נאָך נישט קיין דיכטונג, זי איז [illegible]ר די רויע קאָפּיע, דער שטויס, דער אוממיטלבאַרער לעבעדיקער קוואַל מיט וועלכער די דיכטונג מוז זיך אַלע מאָל נערן — כדי זי זאָל זיין בכוח צו פאַרענדערן, און איבערדיכטן, און איבערשיכטן די וואָר לויט איר אייגענעם בראשית־פּלאַן. נישט אומזיסט האָט עמיצער אַמאָל קלוג באַמערקט: אַז דער מייסטער מאַכט חרוב די וועלט און באַשאַפט זי אויפסניי—מיט יעדן נייעם קונסטווערק!

אויך דער סאָציאַלער עלעמענט אין האַלפּערנס דיכטונג פון די לעצטע יאָרן איז געווען ניט מער ווי איין שטראָם פון אַ צאָל קאָמפּליצירטע שטראָמען, וואָס האָבן געווירבלט אין דער טיף פון זיין זעל, און אים קיין רו נישט געגעבן. זיין ליד איז געווען ווי אַ שייןוואַרפער, וואָס באַוועגט זיך אין אַלע זייטן, דורך דער פינצטערניש פון נאַכט, איבער דער שטאָט. משה לייב איז נישט געווען, ווי דער איינזיטיק־אויסגעשפּראָכענער סאָציאַלער דיכטער, וואָס צילט אַלעמאָל אין איין באַשטימטן פּינטל בלויז. האַלפּערן איז אין תוך געווען אַן עמאָציאָנעלער, אַ סוביעקטיווער „איך"־דיכטער, ווי די מערסטע פון זיין דור „יונגע". ער האָט אָבער אינטואיטיוו דערגרייכט אַ מדרגה פון „קאָרעלאַטיוון אָביעקטיוויזם" וואָס דער קריטיקער ט. ס. עליאָט באַטראַכט פאַר אַ קאַרדינאַלן גרונט־עלעמענט אין די ווערק פון אַלע גרויסע פּאָעטן. אַ דאַנק זיינע קינסטלערישע המצאות, האָט ער זיך געקאָנט איבערגעשטאַלטיקן און פאַרמאַסקירן זיך אין כלומרשט ווייטע און פרעמדע פּערסאָנאַזשן. ווייל אין דער אמתן האָט משה לייב אַ לעבנלאַנג אומדערמידלעך געמאָלן אפשר ניט מער ווי איין פּאָרטרעט — דעם פּאָרטרעט פון משה לייבן דעם פּאָעט — וואָס איז געשטאַנען אין מרידה קעגן אַ פלאַכער מאַטעריאַליסטישער ציוויליזאַציע, און אין וועלכער ער האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט אַריינפּאַסן און ווערן אַן אָרגאַנישע טייל פון איר. דערפאַר האָט ער געצאָרנט און געקעמפט קעגן איר מיט אַלערליי ברוטאַלע און שאָקירנדיקע מיטלען. אמת, ער האָט אפילו גאַנץ אָפט געפונען פאַר נויטיק צו פאַרענטפערן זיך פאַר זיין מרידה. עס איז אָבער נישט געווען אין זיין בלוט און אין זיין געמיט צו פאַרגלעטן זאַכן און געשעענישן. דערפאַר קערט ער זיך אַלעמאָל צוריק מיט צאָרנדיקע אַרויסרופן קעגן די אומגערעכטיקייטן. ער איז זיך מודה אין מערער ווי אין איין ליד, אַז —

איך ווייס אַז מען קען נישט אויסזען שיין
ווען מען רעדט אַזוינס וועגן זיך אַליין

ביכער פון דעמזעלבן אויטאָר:

„גאָסן און עוועניוס" (לידער), 1928

„פון אומעטום (לידער), 1934

„פישערדאָרף" (פּאָעמע), 1938

משה לייב האַלפּערן (עסיי), 1942

ELIEZER GREENBERG
326 East 15th St., New York, N. Y.